STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06491

AROYSGEVORFENE REYD

Juan Gorodisky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַרויסגעוואָרפענע רייד

יונה גאָראָדיסקי

אַרויסגעוואָרפּענע רייד

*

בוענאָס איירעס

1948

J. GORODISKY: "Campana de palo"

Buenos Aires 1948

Queda hecho el depósito que marca la Ley Nº 11.723

Impreso en la Argentina

OPTIMUS - V. GOMEZ 2715-19

דאָס דאָזיקע בוך איז צוזאַמענגעשטעלט פון אַן אויסוואַל פון פאַרשידענע זאַכן, וואָס דער מחבר האָט פאַרעפנטלעכט אין משך פון די יאָרן 1931—1941. די כוונה ביים אָפּקלייבן דעם מאַטעריאַל איז געווען צו געבן דעם לייענער אַ געלעגנהייט אַנצושטויסן זיך, וואָס אַזוינס אַ פרייהייטלעכער יידישער מענטש האָט געזען, און וואָס עס האָט אים וויי־געטאָן אין יענע גורלדיקע יאָרן, בעת די מענטשהייט האָט זיך געהאַלטן אין קייקלען באַרג־אַראָפּ צו אַ גרויליקן תהום.

דער נאָמען פון אָט־דעם בוך וויל אויסדריקן אַ געפיל, וואָס דער מחבר האָט געהאַט, בעת ער האָט געשריבן די דאָזיקע זאַכן: ס'האָט אים אויסגעוויזן, אַז דער איבערוועגנדיקער רוב מענטשן זענען אַוועק גאַנץ ווייט פון די וועגן, אויף וועלכע ס'האָבן אין עלנט געבלוטיקט די טרוימער פון אמת, יושר און שיינקייט. אַז עס זענען גאָר ניט געווען קיין אויסזיכטן, אַז אַן אויפריכטיק וואָרט זאָל איבערהויפּט דערגיין צו די מאַסן. אַז בלויז דער גראָבער שקר האָט געקענט דערהערט ווערן פון אונדזערע מיטצייטלער. אַז וואָס מגושמדיקער דער ליגן איז געווען, אַלץ מער שאַנסן האָט ער געהאַט צו דערהערט ווערן, און אויפגענומען צו ווערן, אויפן משונהדיקן יאַריד.

דאָס געזאָגטע שטימט אוודאי נישט מיטן אָפיציעלן האָפערדיקן אָפּטימיזם, וואָס איז אָנגענומען אין דעם רוב סאָציאַליסטישע קרייזן. מיר מיינען אָבער, אַז פאַלשער אָפּטימיזם איז אַזאַ ליגן ווי אַלע ליגנס, און קען דעריבער נישט צו נוץ קומען דעם אמת. מיר פאַרשטייען, אַז צו אמת קען מען צוקומען נאָר דורך אמת. פונקט ווי מיר זענען איבערצייגט, אַז דער וועג צו יושר פירט דורך יושר, אַז דער וועג צו שיינקייט פירט דורך שיינקייט, אַז דער איינציקער וועג צו פרייהייט א י ז פרייהייט.

תמיד, ווען מיר טראַכטן וועגן דעם קאַזיאָנעם אָפּטימיזם פון געוויסע קרייזן, דערמאָנען מיר זיך אָן אַ בריוו, וואָס מיר האָבן באַקומען פון אַ לייענער אין סאַמע מיטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. כמעט די גאַנצע וועלט האָט זיך געהאַט געבאָדן אין בלוט. צו אונדז אַהער האָבן שוין אָנגעהויבן צו דערגיין ידיעות וועגן די „ליקווידאַ-

ציעס״ פון די געטאָס. אָבער דער לייענער, א באַלשעוויסטיש-געשטימטער, האָט נישט געקענט פאַרטראָגן אונדזער „פעסימיזם״. — „אויף דער וועלט קומען פאָר גרויסע געשעענישן״, — האָט ער אונדז געשריבן, — „און איר זעט זיי נישט. נישט די וועלט האָט געליטן א דורכפאַל, נאָר אייער שיטה איז דורכגעפאַלן״

— נו, מיר באַגערן טאַקע צו שטערן מענטשן אָנצונעמען די זינלאָזע הריגות און חורבנות פאַר „גרויסע געשעענישן״. א פשיטה שוין קענען מיר אַפילו נישט צולאָזן צום געדאַנק, אַז א בר-דעת זאָל דערוואַרטן זיסע פירות פון די „אויסראָטונגען״. מיר ווילן טאַקע, אַז מענטשן זאָלן פאַרשטיין, אַז די הריגות, חורבנות און אויסראָטונגען זענען ביטערע דורכפאַלן פון דער מענטשהייט (אוודאי איז ביטער, וואָס מ׳דאַרף גאָר ריידן וועגן אַזעלכע זעלבסטפאַרשטענדלעכקייטן!).

און מיר באַגערן אויך, אַז מענטשן זאָלן זיך פאַרקלערן, טאָמער איז טאַקע מעגלעך, אַז דער „דורכפאַל פון אונדזער שיטה״ און דער דורכפאַל פון דער מענטשהייט האָבן צווישן זיך א גאָר נאָענטע שייכות!

א האַרציקן דאַנק דעם פריינד א. י. זאַקוסקי פאַר זיין געוויסנפולן אַכטונג געבן אויף דעם אויסערלעכן אויסזען פון אָט דעם בוך. אויף אים איז אוודאי חל דער פאַרצייטיקער זאָג, אַז א תלמיד-חכם לאָזט נישט אַרויס פון זיינע הענט קיין אומפּולקאָמענע זאַך. ס׳קומט אים אויך א דאַנק פאַר זיין איבערזעצן פון שפּאַנישן אָריגינאַל דעם אַרטיקל „צו ראַמאָן דאָל דעם עטנאָגראַף״. די איבעריקע זאַכן זענען אַלע געווען געשריבן אָריגינעל אין יידיש, און — צוליב מאָטיוון וואָס מ׳קען לייכט פאַרשטיין, אויב מ׳האָט אין זינען דעם צוועק פון אָט דער זאַמלונג — זענען זיי איבערגעדרוקט אָן שינויים.

ב. איירעס, סוף דעצעמבער 1947.

ד ע ר   מ ח ב ר

אַרויסגעוואָרפענע רייד

מזרח און מערב

— I —

אין דעם שווינדלדיקן שפּיל פון ליכט און שאָטן, אין דער גאַנ־צער ערבוביא, וואָס דענערווירט אַזוי אונדזער צייט און מאַכט אַזוי שווער פאַר אונדזער געמיט אויסצוזוכן זיך אַ בּאַרוט ווינקל, קאָן מען דאָך לייכט אַרויסזען, ווי דאָס ליכט שפּרייט זיך כסדר אויס און אַלץ נייערע ווינקלען ווערן באַלויכטן אויף אונדזער ערד.

ווי ווייט מיר זענען שוין פון יענע צייטן, ווען אונטער דער זון האָט בלויז געלעבט אַ קליינע גרופּע אַריסטאָקראַטן, און די גאַנצע איבעריקע מענטשהייט, אַ פאַרשקלאַפטע און פאַרפינצטערטע, איז נאָר געווען אַ גראָטעסקער הינטערגרונט פאַר די ליכטיקע האַרן!

אויך דער פינצטערער פּראָלעטאַריער איז שוין אַרויס אויף דער אויבערפלאַך. עס זענען נאָך דאָ „האַרן פון אונדזער לעבן", און זיי שלאָגן זיך וואוטיק פאַר פּריווילעגיע. קאַמף, שנאה איז נאָך, אדרבא, דער גרונט־טאָן פון אונדזער צייט, אָבער אין דער אייראָ־פּעאיש־אַמעריקאַנישער וועלט, לפּחות, זענען שוין נישטאָ קיין פאַראַכטע טיילן באַפעלקערונג, קיין איגנאָרירטע. די גאַנצע מענטש־הייט איז אַריין אין געשיכטלעכן לעבן: נישטאָ מער קיין שקלאַף, קיין חם, קיין פעבל. די פרוי איז שוין אויך אַרויף אויף דער אַרענע. אין דעם באַוואוסטזיין פון דער מענטשהייט לעבט און פּראוווט שוין צו פאַרווירקלעכן זיך דער געדאַנק גלייכצובאַרעכטיקן און באַ־פרייען דאָס קינד.

די אייראָפּעאיש־אַמעריקאַנישע וועלט האָט זיך קאָלאָסאַל אויסגעברייטערט. די דאָזיקע אויסברייטערונג איז נאָך, וואָס אמת איז, נישט קיין פאַרענדיקטע, נישט קיין געוואָרענע, נאָר אין

פּראָצעס פון ווערן. יעדער נייער שיכט האָט אַרויפגעבראַכט מיט זיך אַן אַנצאָל נייע פּראָבלעמען, נייע שלאַכטן, וואָס האַלטן אין אויסגעפּאַכטן ווערן. און דאָ קלאַפּט שוין שטאַרק קלאָר און פאַר־עקשנט אין די טירן אַ גאַנצע וועלט, וואָס איז במשך פון די לעצטע יאָרהונדערטן געלעגן אין הינטערגרונט, אַ וועלט אומגעהויער פיל גרעסער ווי די אייראָפּעאיש-אַמעריקאַנישע, וואָס די דאָזיקע האָבן אַ נאָמען געגעבן מזרח און אומברחמנותדיק אונטערדריקט.

מען דאַרף שטעלן דעם טראָפּ אויף אָט דעם געשיכטלעכן פּראָצעס פון כסדרדיקער אויסברייטונג פונעם פירנדיקן און רעכט־געניסנדיקן קרייז, וואָס מען קאָן אויך דעפינירן ווי אַ כסדרדיקע שטייגערונג פון דער גערעכטיקייט, פון דער גלייכער זכיה אויף אַן אָרט אונטער דער זון פאַר אַלע קינדער פון דער ערד. ווער עס באַנעמט נישט קלאָר אָט דעם פּראָצעס, יענער קאָן נישט האָבן קיין ריכטיקן באַגריף וועגן דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג בכלל, און זיין פאַרשטעלונג וועגן אַ צוקונפטיקער אויסוויקלונג מוז במילא זיין שטאַרק מטושטש.

די ביזאיצטיקע געשיכטס-וויסנשאַפט ליידט אויף אַן אַנצאָל פונדאַמענטאַלע פעלערן. עס איז אָבער פאַראַן איין חסרון, וואָס פון זיין ווירקונג מוזן מיר זיך באַפרייען, איידער מיר גייען אַריינ־נעמען אין אונדזער באַאָבאַכטונגס-האָריזאָנט דעם אָזויגערופענעם מזרח, אַ טייל ערד, וואָס איז אומגעהויער פיל גרעסער ווי יענע ווינקל, וואָס איז ביז איצט געווען אונדזער גאַנצע וועלט. מיר דאַרפן זיך עמאַנציפּירן פון דער ענגשאַפט, פון דער קורצזיכטי־קייט פונעם אייראָפּעאישן געשיכטס-שרייבער.

פאַראַן אַ באַשרענקטקייט אין דער געשיכטס-וויסנשאַפט, וואָס שטאַמט דערפון, וואָס דער גרויסער רוב פאַרשער געהערן אַליין צו אַ פּריווילעגירטן שטאַנד, איינגעוואַקסן אין אַ באַגרע־נעצטן קרייז. די גאַנצע לעגענדע, למשל, וועגן דער איבערגע־טריבענער גרויסקייט פון רוים, און די מסקנא, אַז דער חורבן פון יענער רויבערישער אימפּעריע איז אַ צוריקגאַנג אין דער געשיכ־

טע, די אזוי באַרימטע-געוואָרענע פּראזע „פּינצטערער מיטלאַלטער״ שטאַמט דערפון, וואָס די געשיכטס-שרייבער, אַליין פּריווילע-גירטע, האָבן זיך תמיד אידענטיפיצירט מיט די פּריווילעגירטע פון אַלע ציטן. אַנדערש איז בשום אופן נישט מעגלעך צו פאַר-שטיין די התפּעלות פון דעם היסטאָריקער פאַר אַ ציוויליזאַציע, וואו אַ גאַנצע אונטערדריקטע מענטשהייט, פון וועלכער מיליאָ-נען זענען געווען פּאַקטישע שקלאַפן אין דעם ברוטאַלסטן זין פונעם וואָרט, האָט געדינט אויף צוצושטעלן פאַרגעניגן און מאַכט פאַר אַ פּאָר טויזנט ליידיקגייער, וואָס קאָנען איבערהויפּט נישט באַטראַכט ווערן פאַר קיין מוסטער-מענטשן. אַדרבא, די „לעבעדיקע כוחות״ פון רוים האָבן געהאַט אַ קנאַפּע שייכות צו העכערע ענינים, זענען געווען גראָבע בעל-תאווהניקעס און, ד׳אַכט זיך, כשר פאַרדינט דעם יידישן כינוי רשעים.

איצט, בעת אין איר אַנגסט פאַר דער באַפרייאונג פונעם „מזרח״, שרעקט די רעאַקציע די וועלט מיט אַ „געלער געפאַר״, מיט נייע באַרבאַרן, מיט אַ נייעם מיטלאַלטער, איז נישט איבע-ריק צו געדענקען, אַז דער קאָנאַניזירטער אָנהייב פונעם ערשטן מיטלאַלטער איז אויך געווען אַ באַפרייאונגס-פּראָצעס פון אונ-טערדריקטע פעלקער און פאַרשקלאַפטע קלאַסן. דער חורבן פון רוים איז אַוודאי נישט געווען קיין רעגרעס אין דער געשיכטע. די ירידה פון דער אָרעמער קונסט און שוואַכער וויסנשאַפט, וואָס האָבן דערצו באַדינט אַ זייער באַשרענקטע גרופּע, איז אין דער אמתן געווען בלויז אַ שאָטנדיקער פונקט אין אַ גראַנדיע-זער רעוואָלוציע פאַר גערעכטיקייט.

פאַראַן נאָך אַ קורצזיכטיקייט פונעם היסטאָריקער, וואָס נעמט זיך פון געאָגראַפישער און ראַסן-באַשרענקטקייט. דער אייראָפּעישער געלערנטער, וואָס לעבט אין אַ צייט, בעת זיין קליי-נינקער קאָנטינענט, ריכטיקער געזאָגט, זיין מינימאַלער טייל קאָנטינענט האָט זינט די לעצטע יאָרהונדערטן די העגעמאָניע איבער דער איבעריקער וועלט, איז עלול צו פאַרזען די געשיכט-

לעכע ווירקונג פון יענע לענדער און יענע פעלקער, וואָס איצט שטייען זיי אין שאָטן. אַליין דערצו, דאָס רוב, אַן אָפּשטאַמלינג פון די לאַטיינער, איז דער געשיכטס-פאָרשער געניגט אוועקצו-שטעלן רוים אין צענטער פון דער וועלט, און פאַרזעט דורכוים די אומפאַרגלייכלעך וויכטיקערע השפעה, וואָס דער מזרח האָט אויסגעאיבט אַפילו אויף דער מערב-ציוויליזאַציע גופא במשך פון דעם אַלטערטום און פון דעם גאַנצן מיטלאַלטער ביז די גאָר לעצטע יאָרהונדערטן. מען קאָן באַמערקן אַן ענלעכע נטיה ביים יידן אוועקצושטעלן ירושלים אין מיטלפונקט פון דער וועלט, הגם — אויף וויפל מיר קאָנען דאָ זיין אָביעקטיוו — איז דער ייד, אין געשיכטלעכער געאָגראַפיע לפחות, נענטער צום אמת, ווי דער לאַטיינער.

אַלע וואָרענישן קעגן פאַלשע געשיכטלעכע שטאַנדפונקטן זענען נישט איבעריק, בעת מיר גייען באַהאַנדלען די דערוואַכונג פונעם מזרח. מיר שטייען דאָ פּנים-אל-פּנים מיט אַ פּראָבלעם, וואָס זיין יושרדיקע לייזונג מוז אָנרירן די אינטערעסן אויך פון אַזעלכע קלאַסן אין דער אייראָפּעאיש-אַמעריקאַנישער וועלט, וואָס מיר זענען געוואוינט זיי צו זען ווי אונטערדריקטע. אויך דער באַוווּל-טער אַרבעטער פונעם מערב געניסט פונעם זאַק-רויב, וואָס ווערט אַרויסגעדריקט פונעם באַצוואונגענעם מזרח.

די האַנדלונג פון דער לאַבאָריסטישער רעגירונג אין ענגלאַנד בנוגע די בריטישע קאָלאָניעס איז אוודאי אַ פאַרראַט קעגן דעם סאָציאַליסטישן גערעכטיקייטס-אידעאַל, אָבער, צום גרויסן באַ-דויערן, דורכויס נישט קיין פאַרראַט קעגן ענגלישן אַרבעטער-קלאַס. דער פאַרהעלטנישמעסיק הויכער לעבנס-ניוואָ פונעם ענגלישן אַרבעטער איז אויסגעקעמפט געוואָרן אַ סך מער אויפן חשבון פון די קאָלאָניאַלע פעלקער, ווי אויפן חשבון פון דער ענגלישער בור-זשואַזיע, און די פּריוויליטעט-באַוועגונגען אין אינדיע און אין כינע האָבן שטאַרק אָנגערירט די מאַטעריעלע אינטערעסן פון די ענגלי-שע אַרבעטער.

נישט ווייניקער געניסן אויך פון דער זעלביקער גזלה די פראַנ-צויזישע און אַמעריקאַנישע אַרבעטער דירעקט, און אומדירעקט — דורך דער פאַרמיטלונג פון די קאָלאָניאַלע מלוכות — אויך די אַרבעטערשאַפט פון דער „ווייסער ראַסע” בכלל.

מיר שטייען דאָ פאַר אַ פאַקט, אין וועלכן דער קעמפער פאַר יושר איז אַליין אַ בעל-עוולה, און דער כלל, אַז שוחד מאַכט בלינד דעם ריכטער, איז נאָך אַזוי ריכטיק, ווי מיט טויזנטער יאָרן צוריק. נישט אומזיסט האָבן זיך אַזויפיל בורזשואַזע פאַראורטיילן וועגן מזרח צוגענומען אין אַזעלכע קרייזן, וואָס מען וואָלט זיך אין פלוג נישט געריכט אויף זיי.

וועגן אַט די פאַראורטיילן וועגן מזרח און וועגן אַזעלכע טעותים, וואָס האָבן זיך אויסגעקערט אויף דער לינקער זייט און דערפון אַלץ קיין אמתן נישט געוואָרן, וועלן מיר ריידן אַ צווייט מאָל.

אָקטאָבער, 1931

מזרח און מערב

— II —

אויף די הויכן פונעם מענטשלעכן געדאַנק שיינט שוין זינט טויזנטער יאָרן די וואַרעמסטע ברידערלעכקייט. פילאָזאָפן און פּאָעטן זענען שוין לאַנג דערגאַנגען צום פולן אידענטיפיצירן זיך מיט דער גאַנצער נאַטור בכלל. אַראָפּגענידערט אָבער פון די הויכע פּאַראַלגעמיינערונגען, ווערט די פּאַנאָראַמע נישט דער ערך טרויעריקער: ריזיקע מוחות, וואָס האָבן אויסגעמאָסטן דיסטאַנצן צווישן שטערן, אַרויסגעגראָבן סודות פון מיליאָנען יאָרן צוריק, מאַכן קלאָגעדיקע טעותן בעת זיי ריידן וועגן פעלקער, וועלכע לעבן מיט זיי בשכנות אין צייט און אָרט. בלעטערט איר וואָס דערהויבנסטע גייסטער פון איין פאָלק האָבן געשריבן וועגן אַנדערע פעלקער, ווערט איר גאַנץ אָפט נשתומם: אַלע אַזעלכע דאָקומענטן זענען איבערפולט מיט פּאָראורטיילן פונעם שרייבערס תקופה, פון זיין סביבה, זיין קלאַס, זיין סעקטע.

און נישט נאָר צוליב פּאָראורטיילן האָבן פיינסטע דענקער פאַרפלעקט דעם אמת וועגן פעלקער — אָפט צוליב אַרויסהעלפן זיך אין אַ פּאָלעמיק, צוליב אויסגלייכן אַ טעאָריע, צוליב אַ „האָבבי", צוליב אַ שטימונג... נישט איין מאָל האָט מען צוליב אַ האָן מיט אַ הון חרוב געמאַכט די שטאָט ביתר.

וואָלטער, דער גרויסער קעמפער פאַר גערעכטיקייט און אויפקלערונג, האָט אין זיין אַנטי־קאַטוילישער פּאָלעמיק פאַרמשפט... דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. עס איז אַזוי לייכט געווען צו באַקעמפן דאָס קריסטלעכע הייליקע בוך דורך אויסלאַכן דאָס פאָלק פון ־ער ביבל, אַ פאָלק, וואָס דער קעגנער גופא האָט אַזוי דיסקרעדיטירט.

דער וויטזעוועדיקער **מאַרקס**, דער טיפער קענער פונעם מענ־טשנס אייביקן געראַנגל, דער שעפער פון אַ געשיכטלעכער טעאָריע וואָס האָט באַצוואונגען מיליאָנען מוחות, האָט געטיילט די פאַר־אורטיילן פון דעם דורכשניטלעכן דייטש פון זיין צייט וועגן די סלאַוון. יידן — זיין ראַסע — זענען ביי מאַרקסן געווען אַ קאַפּי־טאַליסטישער קלאַס, **ביי אים**, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געפּריידיקט מלחמה מיטן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס.

עליזע רעקליו, דער געניאַלער געאָגראַף און היסטאָריקער, דער אַפּאָסטאָל פון ליבע אַלס יסוד פאַר סאָציאַלן צוזאַמענלעבן, האָט — צוליב אַ קליינער שוואַכקייט צו „ריינע" שפּראַכן — אַנגע־פילט זיין ווערק מיט אומווירדיקייטן וועגן ענגליש־ריידנדיקע, וועגן ניי־גריכן, וועגן יידן.

דער פיינער **מאַנסיע בערזשערע** גייט אַרום אויף דער זינדיקער ערד מיט אַ ליכטיקער נשמה. נאָר אין אַ שעת־הכושר שענקט מען אַזעלכע פונעם אונטערן כסא־הכבוד אַראָפּ אָדער פונעם רוח־הקודש פון אַ גרויסן דיכטער. דער מיאוסטער גיהנום האָט מאַנסיע בער־זשערעס נשמה בלויז אויסגעלייטערט. ער שטייט אויף זיין באַרג צרות אַ קלאָרזעענדיקער, אַ הייטערער און אַ גוטער. ער טראָגט נישט קיין שנאה אַפילו אויף די, וואָס האָבן טמא געמאַכט זיין פרייד. ער געפינט אויס אַ זכות, גרויסקייט אַפילו, אין אַ זינלאָזן און אומגערעכטן פּאַסקוויל קעגן אים. און אויך ער האָט בעת שלעכטער שטימונג אָפּגערייניקט פון מענטשן דעם גאַנצן פּלאַנעט מאַרס.

דער פיינער דענקער, די צאַרטע נשמה מאַנסיע בערזשערע! גרויסע, נישט קיין אויסגעדיכטעטע דענקער לאָזן זעלטן אויס זייער גאַל צו די מענטשן אויפן מאַרס. זיי זוכן דווקא לעבעדיק־צאַפּלענ־דיקע מענטשן און נאָענטע, וואָס נאָענטערע.

אין שלעכטער שטימונג האָט **שפּענגלער** פאַרמשפּט צום אונטער־גאַנג — נישט דעם פּלאַנעט מאַרס — נאָר זיין אייגענע „מערבדיקע" קולטור.

די שלעכטע שטימונג איז נישט שפּענגלערס קיין פּערזענלעכע. אים איז נאָר באַשערט געווען אויסצודריקן קלאָרער די שווערע חלומות פון אַן אונטערגייענדיקן קלאַס. דעם אייראָפּעאישן בורזשוא פּייניקט אַ נאָגנדיקער אומעט. ער פילט און זעט ווי זיינע פּריווי־לעגיעס גייען אונטער, און צוזאַמען מיט די פּריווילעגיעס פאַלט איין דער גאַנצער בנין, וואָס האַלט זיך אויף זיי — אַ לעבן, וואָס ציט זיין יניקה פון עוולה און מענטשלעכע יסורים און ברענגט אַרויס פּירות, וועלכע זענען גלוסטיק פאַרן אויג און שמעקן גוט די „מיט קולטור איבערגעגעסענע" הערשער פון לעבן.

האָט שפּענגלער אויסגעשטעלט אַ טאַבעלע פון „אַנטשפּרעכנ־דיקע עפּאָכן", פון אַ ריי אונטערגעגאַנגענע (?) קולטורן, און די מערבדיקע קולטור ענדיקט זיך ביי אים מיטן עטישן סאָציאַליזם (!).

שפּענגלערס ווערק „דער אונטערגאַנג פונעם מערב" פאַלט צוזאַמען און איז דער אויסדרוק פון אַ פּרשת דרכים אין דעם נייעם אינטערעסירן זיך אייראָפּעס מיטן מזרח.

אָנגעהויבן האָט זיך אָט דער אייגנאַרטיקער מין אינטערעס, וואָס לאָזט זיך דעפינירן גענוג קלאָר מיטן נאָמען „מאָדע", אַרום סוף נייַנצנטן יאָרהונדערט. עס זענען פאַראַן אַ סך סימנים, וואָס דערלויבן אונדז אָן איבעריקע ספקות אָנצונעמען די דאָזיקע מאָדע ווי אַ פאָזים פון אַן אַלגעמיינער באַוועגונג אין דער אייראָפּעאישער קונסט צו אַנטלויפן פונעם אייגענעם וואָר. עס איז געווען אַ רעזול־טאַט פון דער מידקייט פונעם „פען די סיעקל", פון די ערשטע שפּירונגען פון די אייראָפּעאישע פּריווילעגירטע קלאַסן, אַז זייערע אָנשטרענגונגען האָבן זיי דערפירט צו אַ טויטן פונקט אָדער צו אַן אָפּגרונד־ראַנד. די זעלביקע סיבות, וואָס האָבן אויפגעפירט די אייראָפּעאישע קונסט אין די פאַרשידענע דעקאַדענטישע ריכטונ־גען, אָדער אין דעם אָסקאַר ווײַלדישן קונסט־נאַרציסיזם, מיט די פאַרדעכטיק־רויטע פאַרבן פון דער אַנטיקער דעקאַדענץ, — די זעלביקע סיבות האָבן אַ טייל בורזשואַזע דיכטער געשטויסן צו אַן אויסגעטראַכטן אָריענט. עס איז פאַראַן אַ פולע אַנאַלאָגיע צווישן

באַדלערס האַשיש-פאַנטאַזיעס און פּיער לאָטיס אויסגעחלומטע מעשיות פון אַן עקזאָטישן, פאַנטאַסטישן אָריענט. דער עיקר איז געווען צו אַנטלויפן פון דער אומעטיקער ווירקלעכקייט אין דעם לאַנד פון אילוזיעס. פאַרגעסן זיך אין אַפּיום-חלומות, אין סתם בויען שיינע שלעסער אין דער לופטן (קונסט פאַר קונסט), אין אויסגע-טראַכטער אַנטיקוויטעט (פּיער לואי), צי אין אַן אומעקזיסטירנדיקן מזרח (פּיער לאָטי) — וואָס איז דאָ פאַר אַ נפקא מינה? די קריסטלע-כע רעליגיע האָט זיך אויסגעוועפּט. דער קאַמף פאַר אַ נייער גע-רעכטיקייט האָט באַלד געדאַרפט צעשטערן דעם זיסן לעבנס-שטיי-גער. איז גוט געווען צו ווערן בודיסטן (אַפילו קלעמאַנסאָ) — די בודיסטישע גלחים זענען געווען גענוג ווייט און גענוג פרעמד אויף נישט צו צעשטערן אַזוי גיך די אילוזיע.

די אַנטוישונג האָט אָבער נישט געקאָנט פאַרזאַמען זיך. די נייע פאַרקער-מיטלען האָבן געמאַכט די ערד צו קליין און צו ענג, אַז מען זאָל זיך קאָנען פאַרגינען אָפּצוצאַמען שטיקער פאַר טויזנט-און-איין-נאַכט-מעשיות. און דאָ האָט זיך דער מזרח גופא געלאָזט הערן מיט אַ פּראָזאַאישן, ערדיש-מענטשלעכן קול. דער וואַכעדיקער איראָפּעאישער פאַרשער — דער סוחר און קריגער — האָבן פאַר הונדערטער יאָרן געהאַלטן דעם מזרח אונטערטעניק און פּאַסיוו. דער איראָפּעאישער קרעמער האָט באַוויזן זיין קרעמערישע פעאי-קייט אויסצונוצן דעם פאַרצוג, וואָס די צייט האָט אים געגעבן אין שכל לגבי דעם מאָדערנעם אָריענט. דער דאָזיקער האָט שוין אָבער גענומען איבערנעמען דעם איראָפּעערס חכמות, און אָנגעהויבן צו געבן קלאָרע אָנצוהערענישן, אַז ער קאָן שוין דעם איראָפּעערס תורה און וויל גלייכע רעכט מיט דעם מערב אויף אדמס ירושה.

יאַפּאַנס נצחון איבער רוסלאַנד, די אויפשטאַנדן אין אינדיע, האָבן אויפגעוועקט פון זיסן חלום. אַלע אילוזיעס זענען צערונען געוואָרן ווי אַ רויך. דער איראָפּעאישער אויסגעאיידלטער אויער האָט פאַרנומען דעם געררויש פון די פאַבריקן אויפן מזרח, און עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די אַלע שיינע מעשהלעך וועגן מזרחדיקער

אינטראָספּעקטיווקייט און נירוואַנאַ האָבן דעם ממשות, וואָס דער מערבדיקער חשבון-הנפש און קריסטלעכע מלוכה. דער קאַצניאַמער איז געווען אַ געוואַלדיקער. נישט עס איז פאַראַן קיין נירוואַנאַ, וואוהין צו אַנטלויפן פונעם גאַרנישט צוזאַגנדיקן וואָר, און נישט דער מזרח גופא שטעלט זיך צופרידן מיט דער נירוואַנאַ. ער מאָנט גאָר יושר, פונקט ווי די אייגענע אונטערדריקטע קלאַסן.

און די אייגענע אונטערדריקטע קלאַסן זענען גראָד געוואָרן צודרינגלעכער. זיי האָבן אויפגעטרייסלט אין אַ געוויסן מאָמענט גאַנץ אייראָפּע, און אין רוסלאַנד אינגאַנצן צעשטערט אַלע אַלטע פּריווילעגיעס. דאָס, וואָס איז פריער געווען אַ פאַרגעפּיל, איז איצט געוואָרן אַ נאָענט שרעקנס-בילד. דער אייראָפּעאישער בורזשוי האָט אויפגעהערט צו חלומען, וויבאַלד דער חלף ליגט אויפן האַלדז.

פון איצט אָן איז דער מזרח געוואָרן אַ שרעק-וואָרט פאַר דעם אייראָפּעאישן בורזשוי. פון איצט אָן ווערט דער מזרח אַ סינאָנים פאַר אַלץ, וואָס באַדראָט די פּריווילעגיעס. מזרח הייסט איצט אי כינע, אי אינדיע, אי אַפריקע, אי... רוסלאַנד (דער אבי אבות הטומאה פון מזרח), קאָמוניזם, אַנאַרכיזם, סאָציאַליזם, שטרייקן, סאָציאַלע פאַרזיכערונג, אַנטיקלעריקאַליזם, אַנטימיליטאַריזם.

מען דאַרף נישט זוכן קיין לאָגיק ביי דער שרעק. רוסלאַנד געפינט זיך אין מזרח-זייט פון אייראָפּע, עטלעכע אָנגעזעענסטע סאָציאַליסטן זענען געווען רוסן אָדער יידן, — גאַנץ גענוג, בעת דער עיקר איז די אידעען-אַסאָציאַציע צווישן אַלע פאַקטאָרן, וואָס באַדראָען דעם ליבן איינגעשטעלטן לעבנס-שטייגער.

אין שרעק, פונדעסטוועגן, וועט נאָך דער אייראָפּעאישער הערשער עפּעס לערנען ממשותדיקס וועגן מזרח. פון דער עקזאָטישער מאָדע האָט ער גאָרנישט געלערנט. איבערגעגאַנגען די מאָדע „אָריענט”, און אייראָפּע איז געבליבן פונקט אַזוי אומוויסנדיק ווי פריער וועגן די איבעריקע דריי פערטל מענטשהייט, וואָס פון זייער הונגער און נויט איז אין אַ גרויסער מאָס צוזאַמענגעשטעלט דער רעלאַטיוו הויכער לעבנס-סטאַנדאַרט פון מערב-אייראָפּע.

דער מערבדיקער רייזנדער איז דורכגעפּאָרן דעם אָריענט, ווי אַ פּריץ איבער זיינע גיטער, וועלכער זעט בלויז דאָס מאָלערישע אין די חרובע הייזלעך, וואו עס מאַטערן זיך זיינע שקלאַפֿן. אַנדערש האָט עס נישט געקענט זיין — עוולה מוז גיין בחברותא מיט שקר. טאָלסטאָי האָט איינמאָל דערזען מענטשלעך די חורבות פון זיינע פּויערים, איז אים פאַרגאַנגען דער חשק צום מאָלערישן, איז אים דאָס אייגענע לעבן געוואָרן נישט ניחא.

דער דורכשניטלעכער מענטש קאָן נישט זיין קיין רשע אין די אייגענע אויגן. פאַר זיך מוז ער זיין גערעכט. דער אינסטינקט צווינגט אים צו פאַרמאַכן די אויגן אויף אַזעלכע זאַכן, וואָס קאָנען אים אויפדעקן דעם אומאָנגענעמען אמת. דער שקלאַפֿן-האַלטער מוז זיין איבערצייגט, אַז דער שקלאַף איז נישט קיין אמתער מענטש (געווען אַמאָל טעאָלאָגישע דיסקוסיעס, צי די נעגערן און אינדיאַ-נער שטאַמען אָפּ פון אָדם הראשון). דער מערבדיקער באַצווינגער מוז זיין זיכער, אַז „דער מזרח איז מזרח און דער מערב איז מערב", אַז דער מזרח-מענטש געהער צו עפּעס אַן אַנדער מין, ווי ער, ער טאָר בשום-אופן נישט זען די טויזנטער פּעדים, וואָס פאַרבינדן אין אָפּשטאַמונג, אין קעגנזייטיקע געשיכטלעכע איינפלוסן, אינעם שטח אַלע מענטשן פון דער ערד.

אין מיטלאַלטער האָט אייראָפּע אַרויפגעקוקט צום מזרח. פון יענע וואונדער-לענדער האָבן די אייראָפּעאישע באַרבאַרן גע-קראָגן צוגעוואָרפן די אויסטערלישע מתנות פון דער ציוויליזאַציע און פון דער קולטור. די הויפּטן פון די אייראָפּעאישע רויבער-באַנדעס, די פאַנטאַסטישע צאָל קעניגן, פירשטן, גראַפן, באַראָנען, פלעגן זיך אויסשאַפן יידישע און אַראַבישע מעדיקער, אַסטראָנאָ-מען, פינאַנציסטן. יידישע סוחרים האָבן צוגעשטעלט דאָס מאַגנע-טישע גאָלד און אַלע לעגענדאַרישע אויסאַרבעטונגען פונעם אָריענט: פּערסישע טעפּיכער, דמשקער שווערדן, אַראַבישע פּאַר-פיומען, אינדישע געווירצן. מיט די יידן האָבן קאָנקורירט די גליק-לעכע איטאַליענער, וואָס זייער לאַנד איז געווען באַלויכטן פון דריי

זייטן מיט דער העלער ליכט פון דער ציוויליזאציע — קאָרדאָבאַ, גראַנאַדאַ, סעוויל פון מערב-זייט, מאַראָקאָ, טוניס, עגיפטן פון דרום, ביצאַנץ, דמשק, באַגדאַד צום מזרח.

די זון פונעם מזרח האָט דעם חושכדיקן אייראָפּעאישן באַר-באַר אי געבלענדט, אי געצויגן. און מיט אַמאָל האָט גאַנץ אייראָפּע מיט ווייב און קינד זיך אַ צי געטאָן צום אָריענט — די קרייצצוגן. דאָרטן, אין אָריענט, האָט זיך געפונען נישט בלויז גאָטס קבר: אַלע רייכטימער, אַלע זיבן חכמות, אַלץ, וואָס צינדט דעם מוח, וואָס קוויקט דאָס אויג. כשופדיקע פּאַלאַצן, גלוסטיקע גערטנער, פאַר-שיכורנדיקע פּאַרפיומען, רייצנדיקע מאכלים, טומלדיקע שטעט, האַרמאָנישע מוזיק און פּאָעזיע, אויסגעאיידלטע ריטערלעכקייט, רייכע געוועבן האָבן באַהערשט אַלע חושים פון די קריסטלעכע כאַאָטישע מחנות. דער מערב איז געקומען אין אוממיטלבאַרן קאָנטאַקט מיט טויזנט-יאָריקער ציוויליזאַציע און פון איר באַ-פרוכפּערט געוואָרן. דער מערב, דער איצטערדיקער מערב פאַר עקסעלאַנס — פראַנקרייך, ענגלאַנד — איז שוין אַריין אין קאָן פון דער ציוויליזאַציע.

אייראָפּע וועט שוין נאָך די קרייצצוגן זיך לערנען פון מזרח. פריער וועט זי נאָכמאַכן, אפילו אַבסורד נאָכמאַכן. פאַרגרעבטע גראַפן און באַראָנען וועלן ביי אַ שמחה ווירצן זייערע מאַכלים מיט פודן בשמים. צו קעניגלעכע טישן וועט מען דערלאַנגען אַ פונט פלייש אַרומגעלייגט מיט אַ פונט פעפער און צימערינג, און דאָס וועט הייסן מזרחדיקער לוקסוס. מען וועט זיך אָבער אויסלערנען.

אַפּיקורסישע קיסרים, אייראָפּעאישע אַמאַנולאָס, וועלן אַראָפּ-ברענגען צו זיך יידישע און אַראַבישע געלערנטע, וואָס וועלן אי-בערזעצן פאַר אייראָפּע אַווראָעסן, דעם רמב"ם... אַריסטאָטעלן. אַלע גלענצנדיקע מוסטערן פון די ראַפינירטע אַראַבישע און העב-רעאישע ליטעראַטורן, וועלן לערנען דעם אייראָפּעער מעדיצין, אַלגעברע, אַסטראָנאָמיע, פילאָזאָפיע, אַראַביש, העברעאיש און... גריכיש.

איירָאָפּע וועט איבערנעמען די חכמה צו פירן שיפן נאָך אַ קאָמפּאַס נאָך, פאַבריצירן פּאַפּיר. זי וועט אַנטוואָפענען אירע רויבער-פּעאָדאַלן מיטן מזרחדיקן פּולווער. עס וועט זיך צעפּלאָ-קערן דער „רענעסאַנס". אינגיכן וועט איירָאָפּע געבן דער מאַטע-ריעלער אויבערהערשאַפט פונעם אָריענט דעם ערשטן אַנטשיידנ-דיקן קלאַפּ, ביי לעפּאַנט, דער פּאָרט-אַרטור, וואו טערקיי, דאָס רוסלאַנד פונעם דעמאָלטיקן אָריענט, האָט געקראָגן די ערשטע ערנסטע לעקציע מצד דעם פּאַראַכטן „גיאור".

אַלטע טובות פאַרגעסט מען.

אינעם לויף פון דער מענטשלעכער געשיכטע, פאַר וועלכער יאָרטויזנטער זענען נישט מער ווי מינוטן, איז באַשערט געווען איירָאָפּע אַ פּאָר יאָרהונדערטן פון איבערשטייגן די איבעריקע וועלט, און...

אין נייַנצנטן יאָרהונדערט איז אפילו פאַר די פּרייסטע איירָאָ-פּעאישע דענקער דער מזרח געוואָרן באַרבאַרישע פעלקער, וואָס עס איז אַ מצווה איירָאָפּעער זאָלן זיי באַהערשן, כדי צו ציוויליזירן (דזשאָן סטיוּאַרט מיל). עקסטרעמע אימפּעריאַליסטן זענען אַוועק אַ סך ווייטער: „מזרח און מערב וועלן זיך קיינמאָל נישט צוזאַ-מענטרעפן" (ר. קיפּלינג). איבערזעצט אויף פּשוטן לשון הייסט עס, אַז דער אייזדעלער מערב וועט תמיד הערשן, און דער באַרבאַרישער מזרח וועט און דאַרף ביי אים בלייבן אַן עבד כנעני אויף אייביק.

אַ פּאָר יאָרהונדערטן אָריבערשטייגן און אויבערהערשאַפט האָבן ביים איירָאָפּעער פאַרדרייט דעם קאָפּ, און ער האָט גענומען זוכן טעאָריעס צו באַרעכטיקן זיין ווילדן אויסזייגן די אומגליקלעכע פעלקער און, נאָך מער, צו פאַרזיכערן זיך, אַז אַזוי וועט עס שוין בלייבן לדור דורות. עס האָבן זיך באַוויזן ראַסן-טעאָריעס, מעשיות מיט לאַנגפּנימדיקע און קורצפּנימדיקע תורות וועגן קלימאַטערישע איינפלוסן, וועלכע האָבן געגנוי אויסגערעכנט, אַז גראָד בערלין, צי לאָנדאָן, צי פּאַריז האָבן עם דעם איינציקן קלימאַט, וואָס איז מסוגל פאַר אַן אמתער ציוויליזאַציע.

ווי אַבסורד עס קלינגען די רייד וועגן כמעט אַבסאָלוטע גרענעצן צווישן מזרח און מערב פון גייסטיקע פּאָרשטייער פון פּעלקער, וועלכע זענען באַהערשט דורך אַן אָריענטאַלישער רעליגיע (קריסטנטום), שרייבן מיט אָריענטאַלישע אותיות, רעכענען מיט אָריענטאַלישע ציפערן און אָריענטאַלישער אַלגעברע, קליידן זיך מיט אָריענטאַלישן זיידנס!

גרויס איז דער כוח פונעם עגאָאיזם, אויב ער קאָן בלינד מאַכן גרויסע זעער פּאָרן סאַמע אַלטעגלעכן און פּאָרן סאַמע אויסטערלישן. וואָרעם דורכגעקנופּט און דורכגעבונדן איז מזרח און מערב, פון דער הלבשה ביז דער פילאָזאָפיע, פון דעם קרעמערס חשבון ביז דער רעליגיע, און משונה שטאַרק דאַרף זיין דער ווילן נישט צו זען אויף נישט צו באַמערקן אין יעדן לעבנס-אויסדרוק, שוין נישט בלויז דאָס אַלגעמיין-מענטשלעכע, נאָר דאָס בשותפותדיקע ממש, די איינהייטלעכקייט פון דער קולטור, לפּחות, פון דער אַלטער וועלט.

אפילו דער צענטער פון דער ציוויליזאַציע איז שוין אויך דורכגעגאַנגען אַלע קלימאַטן און אַלע ראַסן. געווען אין די טראָפּיקאַלישע און האַלב-טראָפּיקאַלישע כינע, אינדיע, מעסאָפּאָטאַמיע, עגיפּטן, אַראַביע; אין די וואַרעמע גריכנלאַנד, איטאַליע, שפּאַניע, פּראָוואַנס; אין די קילע צפון-פראַנקרייך, ענגלאַנד, סקאַנדינאַוויע, דייטשלאַנד. און נישט געווען ביז איראָפּעס אַריינדרינגען אין קיין איינעם פון די אַלע קלימאַטן פון אַמעריקע, נאָך נישט געווען אין קילן רוסלאַנד. די מאָנגאָלישע כינעזער, יאַפּאַנעזער, אונגאַרן, פינלענדער האָבן נישט אַרויסגעוויזן ווייניקער פעאיקייט צו שאַפן און איבערצונעמען קולטורן, ווי די סעמיטישע בבל און אשור, אַראַבער, יידן, ווי די אַפריקאַנישע מצרים און מאָרן, צי די אַרישע הינדוסן, פּערסיער און איראָפּעער.

די ציוויליזאַציע האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום טייכן און אַרום קאַראַוואַנען-וועגן ביז די פעניציער, אַרום מיטללענדישן ים נאָך זיי. ביז דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע האָט זיך די ציוויליזאַציע געצויגן פאַזע די וועגן צו די געווירצן-לענדער, דערנאָך איז זי אַריבער צו די

אַטלאַנטישע ברעגעס. בעת דער בּיליקסטער טראַנספּאָרט-מיטל איז די שיף און די גרונטיקע מאַטעריאַלן זענען אייזן, קופּער און נאַפט אָדער שטיינקוילן, בליִען אויף ענגלאַנד און די מזרחדיקע שטאַטן פֿון צפֿון אַמעריקע, וועלכע האָבּן אַט די מאַטעריאַלן נאָענט צו פּאָרטן. וועט די טרייב-קראַפט פֿון דער אינדוסטריע ווערן דער אונטערשייד צווישן די טעמפּעראַטורן פֿון די אויבערשטע און אונ-טערשטע שיכטן פֿון ים, וועלן מן-הסתם אויפבּליִען קובאַ, בראַזיל, אַפֿריקע.

ליידער פֿאַרשווינדן אַלע קלאָרע אמתן אַנטקעגן נישט קיין כשרע אינטערעסן. דער אייראָפּעאישער הערשער-קלאַס האָט זיך איצט מער ווי תמיד איינגעקלאַמערט אין אַלע ראַסן-פֿאָראורטיילן. די איצטערדיקע רייד וועגן מזרח און מערב האָבּן שוין נישט דעם פּנים פֿון מער אָדער ווייניקער אומשולדיקן פּילפּול, און צילן אַפֿילו נישט בּלויז צו שמייכלען דעם אייראָפּעערס שטאָלץ, איינצורייד־ן אים, אַז ער געהערט צו אַן אויסדערוויילטער ראַסע. הינטער די איצטערדיקע רייד וועגן מזרח הערט מען קלאָר דאָס פֿאָכען פֿונעם מלאך-המוותס פֿליגל. דער קאַמף קעגן מזרח איז איצט דאָס שלאָג-וואָרט פֿון אַלע פֿינצטערע כּוחות, עס איז דער מלחמה-אויסרוף אַנטקעגן די אַרבעטער, אַנטקעגן יידן. אונטערן מאַנטל פֿון רעפֿער-ראַטן וועגן מזרח און מערב פֿאָרט מען אַרום צוגרייטן די שטימונג צו אַ מלחמה מיט רוסלאַנד.

און עס איז פֿאַראַן אַ סכּנה, אַז די אַלע, וועמען דער רעאַקציאָ-נער פֿאַראייניקט אונטערן שם הכּולל מזרח, זאָלן נישט איבּער-דרייען די פֿאָראורטיילן אויף דער לינקער זייט. דער אייראָפּעאישער בּורזשוי האָט אַסאָסיאַצירט מיטן מזרח אַלץ, וואָס איז קעגן זיינע אינטערעסן, ד״ה, אַלץ, וואָס איז גערעכט, וואָס איז אמתדיק. עס וואָלט געווען שלעכט, אויב די פּראָגרעסיווע כּוחות וואָלטן אָנגענו-מען אַט די אַסאָסיאַציע.

די לינקע אייראָפּעאישע אינטעליגענץ האָט אין דער פּאַרטיי-דיקונג פֿונעם אָריענט זיך אַרויסגעוויזן געניגט צו אידעאַליזירן

דעם מזרח. עס איז באמת שווער צו באַפרייען זיך פון דער הערלע־כער שיין, וואָס דער שונא, דער אייראָפּעאישער רעאַקציאָנער, האָט אַליין אַרויפגעוואָרפן אויף זיינע שקלאַפן־פעלקער. עס איז אויך שווער צו באַפרייען זיך פון די טענות פון די אונטערדריקטע פעלקער, וועלכע האָבן רעאַגירט אויף אַן אופן, וואָס איז געווען נאַטירלעך צו דערוואַרטן.

„אייראָפּע איז צעפוילט", „אייראָפּע איז אַכזריותדיק", „איי־ראָפּע איז מאַשין, דורכוים מאַשין" (טאַגאָרע). „אייראָפּע איז נישט קריסטלעך" (גאַנדי). די דאָזיקע ענטפערס מצד דעם אָריענט אויף די אייראָפּעאישע טעאָריעס און פּראַקטיקעס וועגן ראַסן זענען פאַרשטענדלעך, אָבער נישט אמת.

אַפילו איצט איז אייראָפּע נישט מער צעפוילט, ווי אַזיע, און נישט מער אַכזריותדיק. נישט דער מזרח איז דורכוים גייסט, און נישט אייראָפּע איז דורכוים מאַשין. בפרט, אַז דער מזרח גייט איצט אַנטשידן אַרויף אויף די וועגן פון מערב, פונקט ווי אייראָפּע האָט אין איר צייט זיך געלערנט פונעם אָריענט.

„ראָמען ראָלאַן, וועלכער מאָלט גאַנדיס אינדיע, ווי פּילאָס־טראַטעס האָט געמאָלט די גימנאָסאָפיסטישע אינדיע, טוט ניט קיין טובה דער אינדיע, וואָס ער וויל פאַרהערלעכן. טאַגאָרע, וועלכער באַשרייבט פאַר זיינע לאַנדסלייט, פאַר כינע, פאַר יאַפּאַן, די חסרו־נות און פאַרברעכנס פון אייראָפּע און שטעלט אַנטקעגן, ווי אַ קאָנטראַסט, אַ פאַנטאַסטישן אָריענט, ברענגט שאָדן אי אַזיע, אי אייראָפּע, אי זיין אייגענעם אידעאַל" (סילוואַן לעווי).

וואָרעם פאַרשפּרייטן טעותן וועגן פעלקער איז אַלעמאָל גע־פערלעך, וואָס פאַר אַ פּניעות מען זאָל דערביי נישט האָבן. וואָל־טער, מאַרקס, רעקליו האָבן אוודאי נישט געמיינט קיין שלעכטס, בעת זיי האָבן אַזוי אומפאַרזיכטיק באַהאַנדלט דאָס יידישע פאָלק. אָבער נישט דערפאַר זענען די רעזולטאַטן געוואָרן בעסער. וואָל־טערס און רעקליוס רכילות ליגן איצט ביי אַלע קלעריקאַלן און רעאַקציאָנערן אין די מיילער. עס האָט פּאַסירט עפּעס ערגערס נאָך.

װאָלטער, מארקס, רעקליו און... פּאָגראָמען אויף יידן — װי װילד דאָס זאָל נישט אויסזען — האָבן אַ שייכות. דעם גוטן רעקליו, דעם װעגעטאַריאַנער רעקליו איז אַפילו אויסגעקומען דירעקט מיט־צוהעלפֿן אוקראַינער... רעװאָלוציאָנערן צו פּראָפּאַגירן פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן: מיט דעם האָט זיך געזאָלט אָנהייבן אַ רע־װאָלוציע. אָראָפּגעגאַנגען פֿון גלייכן װעג פֿון אמת, טרעפֿן זיך צוזאַמען רעקליו און אַלעקסאַנדער דער דריטער.

זינט די איצטיקע יאָרן האָבן מענטשן אַ סך געלערנט, אָבער — מיר האָבן נישט לאַנג געהאַט פֿרישע ביישפּילן אין אוקראַינע און אין פּאַלעסטינע.

אגב, אין פּאַלעסטינע האָט אין אונדז דער מזרח געשלאָגן דעם מערב, בעת אין אייראָפּע זענען די יידן די ערשטע פֿאַרשטייער פֿונעם מזרח, די ערשטע צו דער האַנט. די קרייצצוג־ריטער האָבן אויפֿן װעג קיין פּאַלעסטינע דערװייל געמאַכט שחיטות אויף די היימישע יידן, די „נאָענטערע קריסטוסעס שונאים". די איצטער־דיקע פּאַלאַדינען פֿונעם מערב האַנדלען אויף אַן ענלעכן שטייגער. מען דאַרף דערפֿון נישט אַראָפּנעמען נאָך קיין ראיה, אַז „יידן זענען אַ פּאַראַדאָקסאַל פֿאָלק". עס איז נישט דער איינציקער פּאַראַדאָקס אין די מאָדערנע תורות װעגן מזרח און מערב, װעלכע זענען אינ־גאַנצן איין פּאַראַדאָקס. דער נאָמען גופֿא איז פּאַראַדאָקסאַל. מען האָט שוין אָנגעװיזן, אַז געאָגראַפֿיש איז מזרח און מערב אַן אומזין. אַמעריקע, למשל, איז פֿאַר אייראָפּע מערב און פֿאַר די יאַפּאַנעזער — מזרח.

מען װאַרפֿט פֿאַר די יידן, אַז זיי — אַ נאָמאַדן־פֿאָלק — זענען געװען די ערשטע צו פּראָפּאַגירן די אָריענטאַלישע קולטור אין אייראָפּע. בנוגע דעם נאָענטן עבר איז דאָס אוודאי נישט ריכטיק. נישט יידן זענען געװען די ערשטע עגיפּטאָלאָגן, די ערשטע סאַנס־קריט־פֿאָרשער, די ערשטע פּרעדיקער פֿון — אמתע צי אויסגע־טראַכטע — זאָראָאַסטראַס און בודאַס תורות. עס װאָלט אָבער

געוועזן בכבודיק פאַר אונדז אויב אַט דער קאָמפּלימענט זאָל ווערן ריכטיק.

יידן האָבן זייער אַ סך געליטן פון פּאַראָורטיילן, סיי מצד רעאַקציאָנערן, קעמפער פאַר אומגערעכטע פּריווילעגיעס, סיי מצד קעמפער פאַר יושר, און קאָנען אָפּשאַצן דעם באַדייט פונעם אמת אונטער אַלע אומשטאַנדן.

יידן — אַן אוניווערסאַל פאָלק — קאָנען אויך נישט זיין אַזוי פּראָווינציעל אויף צו האַלטן פאַרן עיקר וועלט דאָס שטיקל ערד צווישן ריין און אַטלאַנטיק, דעם בענאַרעסער אומגעגנט, צי פּעקין אָדער ניו-יאָרק.

אונדזערע פאָרשער געפינען זיך באמת אין די בעסטע תנאים צו פאַרשטיין די איינהייט פון דער איצטערדיקער ציוויליזאַציע אין אַלע וועלט-טיילן, די איינהייט, וועלכע איז אויף אַזוי פיל נישט פולקאָם, אויף וויפל די ציוויליזאַציע אַליין איז נאָך נישט פולקאָם.

וואָרעם אין קיין איין ווינקל פון דער ערד טאָר מען נאָך איצט נישט ריידן פון קיין אָפּגיי פון ציוויליזאַציע, פון קולטור. נישט אָפילו איירָאָפּע, וואו די מאַסן האָבן זיך נאָר וואָס גענומען לערנען לייענען און שרייבן און וואו אַן אמתע קולטור כאַפּט דערווייל קוים אַרום באַגרענעצטע קרייזן. די מורא פאַר דעם אונטערגאַנג פון דער קולטור איז אוודאי נישט מער ווי איינריידעניש פון אַ קלאַס, וואָס מיינט, אַז צוזאַמען מיט זיין ירידה פאַלט איין די גאַנצע וועלט. אדרבא, די איירָאָפּעאישע וויסנשאַפט האָט פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר דווקא פּראָגרעסירט מער ווי פאַר פריערדיקע עטלעכע הונדערט יאָר. און דאָס דערפרייענדיקסטע — די מענטשהייט האָט איצט קאָנצענטרירט אירע אָנשטרענגונגען אויף אַ באַוואוסטזיניקסטן, שאַרפסטן און אַלגעמיינסטן אופן, ווי תמיד, צו לייזן דאָס פּראָבלעם פון גערעכטיקייט פאַר אַלעמען, דער ערשטער יסוד פאַר אַן אמתער און כסדרדיקער קולטור.

ביז איצט האָט די מענטשלעכע קולטור (די מענטשלעכע קולטור, נישט די מענטשלעכע קולטורן) כסדר געקעמפט מיט די כוואַ-

ליעס געזעלשאַפטלעכע עוולות, ערטערווייז אַרויפגעהויבן זיך און ערטערווייז אַרונטערגעגאַנגען אין דעם קאַסטן-רעכט פון מצרים און אינדיע, אין דעם בבלישן מיליטאַריזם, אין דעם רוימישן שקלאַפן-סיסטעם.

וואו עס איז פאַראַן אַ קאַמף פאַר אַ גערעכטער זאַך — צי אין מערב פאַר דער פרייהייט פון די אונטערדריקטע קלאַסן, צי אין מזרח פאַר דער פרייהייט פון אונטערדריקטע פעלקער — וואו נאָר עס קומט פאַר אַ קאַמף פאַר יושר, דאָרטן קומט אויך פאַר אַ קאַמף פאַר דער אויפהאַלטונג און פאַרשריט פון דער קולטור.

נאָוועמבער, 1931

צו ראַמאָן דאָל, דעם עטנאָגראַף

געשעצטער בירגער ראַמאָן דאָל!

איך האָב געלייענט אין דעם זשורנאַל „קלאַרידאַד“, אינעם נומער, וואָס איז געווידמעט דעם היינטיקן ערשטן מאַי, אייער אַרטיקל „מכוח אַנטיסעמיטיזם“, אין וועלכן איר באַמיט זיך אויסצופאָרשן די „פאַרוואָסן“, וועלכע פירן צום אַנטיסעמיטיזם. אין דערמאָנטן אַרטיקל זאָגט איר:

„איך וואָלט געוואָלט פירן אַ פּאָלעמיק מיט אַ יידישן בחור אָדער אַ מאַן, אַ פּאָלעמיק, וואָס זאָל זיין ווי אַ מין פּסיכאָאַנאַליטישער סעאַנס דורך שריפט, וואו איך זאָל אים פרעגן און ער מיך — אַלץ, וואָס מיר טראַכטן וועגן דאָזיקן ענין און מיר זאָלן זיך זאָגן און אַרויסווייזן ביז דעם סאַמע נידעריקסטן, דעם סאַמע עיפּושדיקסטן, דאָס סאַמע פאַראַכטסטע וואָס מיר טראַכטן איינער וועגן צווייטן; און קלאָר אַז תמיד אין באַצוג צום ראַסע-פּראָבלעם, ד״ה די פראַגע יידן און קריסטן, און נישט אָנרירן דאָס פּערזענלעכע, וואָס דאָס אינטערעסירט נישט“.

נו, גוט. דעסטאָ בעסער, ווייל עס איז אַן אַקטועלער ענין און איז ווערט, אַז די היגע פרייע עלעמענטן זאָלן אים שענקען אַ ביסל אויפמערקזאַמקייט, היות דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ געווער, מיט וועלכן עס פעכטן איצט די אַרגענטינער רעאַקציאָנערן; און מיר ווייסן שוין, אַז ווען די רעאַקציאָנערן וועקן אויף עפּעס אַ ראַסן-פראַגע, איז עס צו פאַרדעקן אַ וועלכע ס׳איז פּאַסטקע, וואָס זיי האַלטן ביי צוגרייטן. עס לוינט, בכן, אויפצודעקן זייער קאַמופלאַזש. דערלויבט מיר אָבער צו זאָגן אייך

עפּעס אין שייכות מיטן מעטאָד, וואָס איר האָט אויסגעקליבן צו באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם.

קודם-כל לאָמיר אייך זאָגן, אַז דער אופן, ווי איר טרעט צו צום שטודיום, ווייזט מיר אויס אויסערגעוויינלעך אָריגינעל: ביז אַהער, אַז אַן עטנאָגראַף איז איינגעפאַלן צו באַקענען זיך מיט אַ וועלכן עס איז פאָלק — זאָל עס זיין דאָס איטאַליענישע, אַ שטיי-גער — אָדער אַ וועלכן עס איז שבט פון אָקעאַניע, האָט ער אָנ-געהייבן פון מאַכן אַ רייזע צו דער געגנט, וואו עס וואוינט דאָס פאָלק, וואָס אים אינטערעסירט; ער האָט זיך אויסגעלערנט זיין לשון, האָט אָבסערווירט פון דער נאָענט זיינע מנהגים, האָט אַנאַליזירט זיין פאָלקלאָר און זיין געשריבענע ליטעראַטור, אויב אַזאַ איז בנמצא. עס איז נאָך קיינעם נישט איינגעפאַלן אַראָפּ-צובריענגען צו זיך אין קאַבינעט אַריין אַן איטאַליענער, למשל, כדי צו אַנאַליזירן אים פּסיכאָאַנאַליטיש מיטן ציל צו שטודירן דאָס איטאַליענישע פאָלק און דערגיין וואָס די איטאַליענער טראַכטן וועגן די מוסולמענער אָדער בודיסטן, — אַ זאַך, וואָס קען פונקט נישט אינטערעסירן דעם דאָזיקן איינעם, וואָס אויף זיין מזל איז אויסגעפאַלן צו זיין דער געפאָרשטער; און נישט בלויז אים נישט, נאָר עס קען זיך מאַכן אַפילו זיין גאַנץ פאָלק זאָל עס אָנגיין ווי דער פאַראַיאָריקער פראָסט. פאַר די יידישע מאַסן, אַ שטייגער, איז דאָס וואָרט קריסט גופא אַ נעאָלאָגיזם, מחמת ביז אָקערשט דאָ נישט לאַנג איז זיי געווען באַקאַנט בלויז דאָס וואָרט „גוי" — וואָס בוכשטעבלעך מיינט עס פאָלק — און מיט דעם האָבן זיי אָנגערופן אַ יעטוועדער אַנדער פאָלק, דאָס בודיסטישע פונקט ווי דאָס קריסטלעכע, מוסולמענישע אאַז"וו. נאָך וויניקער וואָלט זיך דער עטנאָגראַף דערוועגט אַרויסצו-טראָגן פאָרויס אורטיילן וועגן דער אומה, וואָס ער וואָלט זיך פירגענומען אויסצופאָרשן. עטנאָגראַפיע איז נישט קיין עקזאַק-טע וויסנשאַפט, וואָס קען זיך שטיצן אויף אַקסיאָמעס, דערצו נאָך בעת די אַקסיאָמעס פאַרלירן שוין זייער פרעסטיזש אַפילו

אין דער מאַטעמאַטיק גופא. דעריבער וועט ער נישט אָננעמען, אַז די איטאַליענער זענען פּראָצענטניקעס און נישט אַ פֿאָלק פֿון סוחרים און פּראָפֿעסיאָנאַלן און נישט, אַז די איטאַליענער האָבן סימפּאַטיעס פֿאַרן קאָמוניזם. אַזעלכע זאַכן קען מען בלויז פֿאַר־זיכערן נאָך דעם ווי מען האָט דורכגעפֿירט אַן אויספֿאָרשונג און נישט פֿריער. לאָמיר אַפֿילו אָננעמען, אַז די עטנאָגראַפֿיע קען מען פֿאַרשן מיטן דעדוקטיוון מעטאָד (וואָס דאָס איז אַן אַבסורד), איז בעת אַ געלערנטער וואָלט דערגאַנגען — צוליב די ידיעות אָדער פֿאַראורטיילן, וואָס ער וואָלט געהאַט אין שייכות מיט די איטאַליענער — צו צוויי אַזעלכע אויספֿירן ווי: אַז די איטאַליע־נער זענען אַ פֿאָלק פֿון סוחרים און פּראָפֿעסיאָנאַלן און אַז די איטאַליענער סימפּאַטיזירן מיטן קאָמוניזם, צוויי זאַכן, וואָס צע־שטערן זיך קעגנזייטיק, וואָלט ער די אינפֿאָרמאַציעס, וואָס מען האָט אים געגעבן, געהאַלטן פֿאַר אומטויגלעכע און ער וואָלט זיך ערשט אַליין גענומען צונויפֿזאַמלען נייע באַווייזן. יעטוועדער סילאָגיזם, וואָס מען וועט פּרוּוון בויען אויפֿן יסוד פֿון אַזעלכע אויספֿירן, וועט מוזן בלתי־ספק און אומפֿאַרמיידלעך זיין אַן אַבסורד. עס איז אַפֿילו נישט מעגלעך צו פֿאַרשטעלן דעם אַבסורד מיט דער השערה, אַז די איטאַליענער שטרעבן צום קאָ־מוניזם, „כדי צו צעשטערן די קריסטלעכע ציוויליזאַציע": הגם עס זאָל אַפֿילו זיין מעגלעך אַנצורופֿן קריסטלעך אַ ציוויליזאַציע, וואָס שטאַמט נאָך פֿון די פּרעהיסטאָרישע צייטן, וואָס באַנוצט פֿעניקיש כתב, אַראַבישע ציפֿער, אַ מזרח־רעליגיע אאַז"וו א"וו. — אַפֿילו אַזוי וואָלט מען זיך נישט געקענט משער זיין, אַז די איטאַליענער וואָלטן געוואָלט צעשטערן די דאָזיקע ציוויליזאַציע, צו וועלכער זיי האָבן אַזוי פֿיל בייגעטראָגן און טראָגן נאָך כסדר אַזוי פֿיל ביי. און, ווי אומגלויבלעך עס זאָל נישט אויסווייזן דעם, וואָס האָט נישט געלייענט אייער אַרטיקל, האָט איר פֿונדעסט־וועגן פֿאַרזיכערט אָט די אַלע זאַכן; מיטן חילוק בלויז, וואָס אויפֿן אָרט וואו איך האָב געשטעלט איטאַליענער, האָט איר גע־

שטעלט יידן. מיינט איר, אַז דערמיט וועט דער אַבסורד זיין אַ קלענערער?

איך באַגרייף אויך נישט — סוף-כל-סוף בין איך דאָך אַ ייד — פאַרוואָס איר האָט זיך נישט געלאָזט משפיע-זיין פונעם העדאָנישן פּרינציפּ, בעת איר האָט אָנגעהייבן אייער אויספאָרשונג: דער פּסיכאָאַנאַליטישער מעטאָד, אָנגעווענדט אין דער פאָרם ווי איר האָט זיך עס פּירגענומען, מוז אומבאַדינגט זיין שווער און פול מיט מניעות. אַרויסצובאַקומען דאָס פּסיכישע בילד פון אַ ראַסע, וועט מען נויטווענדיקערווייז מוזן אָנקומען צום אַנאַליז פון אַ היפּשער צאָל גוט סעלעקציאָנירטע יחידים, כדי אַרויסצוקריגן דורך די אינדיווידועלע פאָטאָגראַפיעס דעם טיפּישן פּאָרטרעט. מיר ווייזט אויס אַ סך איינפאַכער, אַז — היות אייער ספּעציאַליטעט איז ליטעראַטור-קריטיק — איר זאָלט זיך ווענדן פּראָסט און פּשוט צו דער יידישער ליטעראַטור, באַזונדערס צום פאָלקלאָר, אַ סיסטעם, וואָס פרויד גופא האָט נישט פאַרבראַקירט. אין אַזאַ פאָרם וואָלט איר געקענט אַרבעטן זייער באַקוועם אינעם קרייז פון אייער אייגענער סביבה און גלייכצייטיק אויך אין דעם סביבה-קרייז פון די פּאַציענטן גופא. איר וואָלט זיך אַפילו געקענט פאַרגינען דעם לוקסוס צו זיין שטרענגפאָדערנדיק און היפּעררפינירט, און דערביי זיך דערלויבן אויסצוקלייבן בלויז ליטעראַרישע ווערק, וואָס האָבן אַן אומאָפּפרעגלעכן ווערט. אַזעלכעס קען נישט פעלן אין אַ ליטעראַטור וואָס איז אַלט כמעט דריי צענדליק יאָרהונדערטן. אַוודאי, ווען איך שיק אייך צו דער יידישער ליטעראַטור, טראַכט איך וועגן דער ליטעראַטור וואָס איז, אורשפּרינגלעך ווייניקסטנס, געשריבן געוואָרן אין איינער פון די יידישע שפּראַכן: יידיש אָדער העברעאיש. די דאָזיקע באַמערקונג קען אויסווייזן אינגאַנצן איבעריק, אין דער אמתן איז עס נישט אַזוי. און אָט: אינעם זעלביקן נומער „קלאַרידאַד" פאַרעפנטלעכט דער בירגער ליובאַראַ אַן עסעי וועגן „דעם גייסט פון דער יידישער ראַסע" אויפן יסוד פון

ציטאַטן פון שרייבער און עסקנים פון יידישער ראַסע, וואָס האָבן זיך מתעסק געווען אויסשליסלעך אין פרעמדע אַמביענטן. עטלע-כע פון די נעמען, וואָס עס רופט אָן דער דערמאַנטער מחבר, געהערן גאָר צו ריין-בלוטיקע „גוים", וואָס דער עסעאיסט האָט מגיר געווען און האָט ביי זיי זיכער פריער נישט אָנגעפרעגט. אָבער אַפילו די לייט פון דער יידישער ראַסע, וואָס געפינען זיך אין אַזעלכע תנאים, ווי בולט עס זאָל נישט זיין דער שטעמפּל פון זייער אָפּשטאַם, קענען נישט גענומען ווערן ווי דער אויסדרוק פון יידישקייט, היות אין זייער טעטיקייט דאַרפן זיך אָפּשפּיגלען אין אַ גאָר הויכער מדרגה די אינטעלעקטועלע און געזעלשאַפט-לעכע זאָרגן און עמפּינדלעכקייטן פון די קרייזן, אין וועלכע זיי זענען זיך מתעסק. איך בין זיכער, אַז איר וועט זיין איינשטימיק מיט מיר, אַז עס איז נישט. מעגלעך עס זאָל זיך איינגעבן דער פּרואוו אָנצושרייבן אַן עסעי וועגן דער אַרגענטינער ליטעראַטור געשטיצט אויף הודסאָנען און אויף קעסלערן, מעגן זיי זיין אויס-געצייכנטע שרייבער און מעג זייער אַרגענטינישקייט זיין אומ-אָפּפרעגבאַר. נו, איך בין זיך מודה ומתודה: איך צווייפל אַפילו אין די „יידישע שרייבער", וואָס איר זאָלט האָבן „אַריינגעקוקט אין בוזעם-קעשענע", זינט איך האָב נישט געקענט געפינען אין רייזינס „לעקסיקאָן" דעם נאָמען ראַמאָן דאָל צווישן די קריטי-קער פון דער יידישער ליטעראַטור. דאָס אייגענע צווייפל איך וועגן אייער „יידישן שרייבער ג.", היות איך קען דאָ נישט קיין שום יידישן ליטעראַט, וועמעס נאָמען עס זאָל זיך אָנהייבן מיט דעם דאָזיקן אות. אַדרבא, איך ווייס יאָ פון אַן אַרגענטינער שריי-בער, וואָס שטאַמט פון יידן און וואָס זיין נאָמען הייבט זיך אָן מיט אַ ג. דער דאָזיקער שריפטשטעלער איז אַ מייסטער אין קאַסטעליאַניש און אַ געניטער קענער אין יידישע מאַכלים, — די איינציקע יידישע זאַך, איבער וועלכער ער וואָלט געקענט אַרויס-זאָגן אַן אויטאָריטעטע מיינונג. אויב אייערע יידישע שרייבער וואָלטן ווירקלעך געווען אַזעלכע „יידן", ווי איך האָב אַ פּאָר-

דאַכט, וואָלט מען נישט געקענט מכפּר זיין פאַר דעם פאַרגלייך, וואָס איר מאַכט צווישן זיי און די מולאַטן. כ'וועל דאָס אייך קיינמאָל נישט מוחל זיין. איך זאָג עס נישט צוליב דעם מולאַט ריוואַדאַוויאַ, היות איך וויל אויף זיך נישט נעמען די פאַלשע שטעלונג צו פאַרטיידיקן פאַר אַן אַרגענטינער דעם „גרעסטן מענטש אויף דער ערד פון די אַרגענטינער". אָבער איך וועל דאָס אייך נישט מוחל זיין צוליב פּושקינען — אויך אַ מולאַט — די גלאָריע פון דער רוסישער פּאָעזיע, דער פּרינץ פון די רוסישע שרייבער, וואָס האָט דערוויזן אויפצוהאַלטן דעם סצעפּטער אין אַ ליטעראַטור, וואָס האָט אַ דאָסטאָיעווסקי, אַ טאָלסטאָי. איך שענק אייך מיט פאַרגעניגן אַוועק אַלע שאַפונגען פון די דאָזיקע „יידישע שרייבער", וועלכע איר האָט „אַריינגעקוקט אין בוזעם קעשענע", „און האָט ביי זיי גאָרנישט געפונען" — פאַר בלויז איין פּאָעמע פּושקינס. די גוטע אַרגענטינער ליטעראַטן וואָס שטאַמען פון יידן — לויט מיין מיינונג זענען פאַראַן עטלעכע — זיי גופא וועלן אייך מוחל זיין זייער אַרבעט, אַבי מען זאָל נישט פאַרשוועכן דעם דאָזיקן דערהויבענעם פּאָעט.

נאָך מער, איר האָט זיך אַפילו טועה-געווען מיטן אַדרעס: אייער גאַנצע פאָרשונג האָט פאַר אַ ציל צו דערגרונטעווען די „פּאַרוואָסן" פונעם אַנטיסעמיטיזם, און דאָס ערשטע, וואָס אייך האָט געדאַרפט איינפאַלן איז — זיך ווענדן צו די אַנטיסעמיטן און נישט צו די „יידישע בחורים און מענער". וואָס וואָלט אייך אַ ייד געקענט זאָגן וועגן די „פּאַרוואָסן" פונעם אַנטיסעמיטיזם, ווען ער גופא וואָלט קודם נישט אָנגעקומען צו די אַנטיסעמיטן, דאָס הייסט, געטאָן די אַרבעט, וואָס איר אַליין וואָלט געדאַרפט טאָן?

דער פעלער אייערער — אַגב, אַ זייער געפערלעכער — ליגט דערין, וואָס איר שטעלט זיך פאָר, אַז אין די כאַראַקטער-שטריכן פונעם יידישן פאָלק זענען בנמצא די סיבות פונעם אַנטיסעמיטיזם. און דאָס איז נישט ריכטיק. פאַרשטייט מיך גוט: איך וויל דער-מיט נישט זאָגן, אַז מיר, די יידן, בילדן עפּעס אַ מלאָכישע אומה,

ווי עס ווערן נישט מיד צו פֿאַרזיכערן אונדזערע פֿריינד, די פֿילאָ-סעמיטן. (דאָס זענען גוטע מענטשן, וואָס האָבן אונדז ליב, ווייל מיר זענען אַ מוסטער פֿון „מעלות און מיר האָבן נישט קיין שום מענטשלעכע חסרונות...). אַדרבא, איך בין גאָר נישט מסופּק, אַז מיר, יידן, זענען גלייך צו אַלע אַנדערע פֿעלקער. גלייך אינעם תוך, וואָס איז אייגנטימלעך אַלע ראַסעס אויף דער וועלט, ענלעך אין אַלע פֿונדאַמענטאַלע כאַראַקטער-שטריכן, וואָס מיר קלאַסיפֿיצירן אויף גוטע און שלעכטע. גלייך אינעם פֿאַרמאָגן די אייגנאַרטיקע סימנים פֿון פֿאָרם, וואָס שיידן אונטער די ראַסעס, ווי דאָס זענען דער הילוק אין קאָלירן און דער אונטערשייד פֿון שטריכן צווישן איין יחיד און דעם צווייטן, — ניואַנסן, וואָס קענען בלויז אינטע-רעסירן באַזונדערס דער קונסט, היות די פֿיזיאָלאָגישע און סאָ-ציאָלאָגישע געזעצן הערשן די זעלביקע ביי אַלע ראַסעס. גלייך אַפֿילו אינעם פֿאַרמאָגן די חסרונות פֿון דער איצטיקער ציוויליזאַציע. אייך וואָלט דעריבער נישט געדאַרפֿט וואונדערן, וויבאַלד עפּעס אַ ייד זאָל זיך טיילווייז נישט האַלטן פֿאַר גלייך און נישט נידעריקער פֿון די אַנדערע אומות. איר וואָלט גאַנץ גוט געקענט פֿאַרשטיין, אַז ער האַלט זיך העכער פֿאַר אַלע איבעריקע, פּונקט ווי דאָס האַלט וועגן זיך דער רוב מיטגלידער פֿון אַנדערע פֿעל-קער. אָבער ווען די יידן וואָלטן אַפֿילו געווען אַן „אויסדערוויילט פֿאָלק" אויף דער לינקער זייט און וואָלטן פֿעראַניפֿיצירט אַלדאָס טייוולשע פֿון אונדזער פּלאַנעט, וואָלטן דאָס די אַנטיסעמיטן אויך נישט געוואוסט, מחמת זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט אינטערעסירט צו דערקונדיקן זיך עפּעס וועגן אונדז.

לאָמיר באַטראַכטן די קרעאַלע אַנטיסעמיטן. זיי רעקרוטירן זיך כמעט אינגאַנצן צווישן צוויי סאָרטן מענטשן: אָדער זיי זענען קאַטוילישע גלחים אָדער לאַטיפֿונדיסטן. די באַצאָלטע דינער זייערע ענדערן נישט דאָס בילד. הקיצור, גאָטס באַאַמטע קענען נישט קיין העברעאיש (אויב איר ווילט, וועל איך אייך ברענגען עדות צו באַשטעטיקן מיין פֿאַרזיכערונג), וועגן יידיש האָבן זיי נישט קיין

ידיעות, די יידישע ליטעראַטור האָבן זיי נישט געלייענט, קיין עקאָנאָמיש-געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען מיט יידן האָבן זיי נישט און זיי האָבן קיינמאָל אין זייער לעבן נישט געבעטן ביי קיינעם קיין סטאַטיסטיקעס וועגן יידנס עקאָנאָמישן און סאָציאַלן לעבן. זיי ריכטן זיך יאָ לויט דעם העדאָנישן פּרינציפּ. זיי באַשטעטיקן יעדע פאַרלוימדונג וואָס עס פאַלט זיי איין, און איין בלבול איז באַרבאַרישער, אומגלויבלעכער פון דעם צווייטן (דער ציל באַרעכטיקט די מיטלען). איך האָב שוין איין מאָל געהאַט דערמאָנט, וואָס דאָס טעקסט-בוך „די ערד” פון די „הערמאַנאַס עסקועלאַס קריסטיאַנאַס” אינפאָרמירט די תלמידים וועגן די פּוילישע יידן. לויט זיי, וואוינען אין פּוילן דריי מיליאָן יידן, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט פאַרקויפן אַלקאָהאָלישע געטראַנקען און מיט וואוכערריי און צאַפּן אוים דאָס בלוט ביים פּוילישן פאָלק. און אין פּוילן איז דער פאַרקויף פון אַלקאָהאָלישע געטראַנקען גאָר אַ מאָנאָפּאָל פון דער מלוכה, אַ מאָנאָפּאָל, וואָס די פּאָליאַקן האָבן שוין געירשנט פון דער צאַרישער רעגירונג. און ריידן וועגן יידישע וואוכערער אין פּוילן איז נאָך ערגער: דאָס איז אַ גרויזאַמע איראָניע, מחמת עס איז אַ געביט, וואָס איז אויסדריקלעך פאַרווערט אין דער תורה, און איז פּונקט אַזוי ריכטיק, ווי די פאַרזיכערונג, אַז די איינוואוינער פון דער געגנט נייע פּאַמפּעיע זענען די וואוכערער פון בוענאָס איירעס. און, היסטאָריש גענומען, זענען די פּוילישע יידן געווען פאַרשוּלדיקט ביז איבערן קאָפּ און זייערע מלווים זענען געווען נישט קיין אַנדערע, ווי... די זעלביקע רוימיש-קאַטויליש-אַפּאָסטאָלישע קירכעס, די איינציקע קערפּערשאַפטן, וואָס האָבן געהאַט גרויסע פינאַנציעלע רעסורסן אינעם פּוילן פונעם 17טן און 18טן יאָרהונדערט. דער דאָזיקער מוסטער פון קאַטוילישער עטנאָגראַפיע שטעלט זייער גוט פאָר די דורכשניט-קוואַליטעט פון זייער „לערע” וועגן די יידן. עס זענען דאָ נאָך ערגערעביישפּילן: די „ציטאַטן” פונעם תלמוד, למשל.

אָבער די קאַטוילישע גלחים האָבן, ווייניקסטנס, אַ מאָטיוו צו האַסן דאָס פאָלק, וואָס האָט „געטויט גאָט". זיי האָבן מיט די יידן אַ געוויסן קאָנטאַקט, הגם דער קאָנטאַקט מעג זיין אַ ריין-איינגעבילדעטער און בלויז האָבן אַ שייכות מיט די יידן פון טויזנט ניין הונדערט יאָר צוריק. די קרעאָלע לאַטיפונדיסטן, ווידער, האָבן קיין שום פאַרבינדונג נישט מיט די סעמיטן. די יידן קאָנקורירן נישט מיט זיי, נישט אין לאַטיפונדיע-באַזיץ און נישט אין נאַציאָנאַלן ביודזשעט. די לאַטיפונדיסטן האָבן זיך נאָך אויך נישט, גאָט-צו-דאַנקען, אָנגעטראָפן מיט די יידישע אַרבעטער ביי די טירן פון אַ וועלכן עס איז וואַרשטאַט אָדער פאַבריק צו קאָנקורירן מיט זיי דאָס אַרבעטס-פּלאַץ. די איינציקע, וואָס קענען אינטערעסירן די לאַטיפונדיסטן, זענען: די קרעאָלן (פּעאָנעס), די ענגלענדער (אייזנבאַנען, פריגאָריפיקאָס), יענקים (נאַפט, טעלעפאָנישע, טעלעגראַפישע און ראַדיאָטעלעגראַפישע קאָמוניקאַציעס) און ראַדיקאַלן (ביודזשעט).

איך וועל אייך דערוויייל אָבּיסל אויפהייבן דעם פוירהאַנג איבער אייערע געדאַכטע סימפּאַטיעס מצד יידן צום קאָמוניזם, וואָס מאַטערן אייך אַזוי און לאָזן אייך נישט רואיק שלאָפן. ראשית, איז דער אַנטיסעמיטיזם אַ סך עלטער ווי די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. איר וועט זיך אוודאי דערמאָנען, לכל-הפּחות, דעם דרייפוס-פּראָצעס, אין וועלכן די כלומרשטע רעוואָלוציאָנערע סימפּאַטיעס האָבן נישט געשפּילט קיין שום ראָלע. אָבער איך וואָלט אייך געקענט באַרואיקן פולשטענדיק אין שייכות דערמיט. איר וואָלט זיך בלויז געדאַרפט אַ קליין ביסל מטריח זיין און באַטראַכטן די יידישע „סאָן-קיולאָטן", וואָס דעפּילירן אין אַ וועלכער עס איז קאָמוניסטישער מאַניפעסטאַציע. איר וואָלט צווישן זיי געקענט טרעפן דעם שניידער, וואָס נייט אייערע בגדים; די וועבערס און וועבערקעס, וואָס גרייטן אייך צו אייערע אונטערשטע וועש; די טישלערס און סטאָליערס וואָס האָבן געמאַכט אייער מעבל און אַריינגעשטעלט די טירן, פענצטער און אויסגעלייגט דעם דיל ביי

אייך אין הויז; די מאלערס, וואס האבן געקאלכט און אויסגע-קלעפט אייערע צימערן אאז״וו, א״וו. אבער איך פארזיכער אייך, איך גיב מייןווארט, אז איר וועט קיינמאל נישט זען צווישן זיי נישט זאסלאווסקין, נישט גלוקסמאנען און נישט אלפרעדא הירשן. די פיזיאלאגישע געזעצן הערשן פאר די יידן פונקט ווי פאר די פראנצויזן, און די סאציאלאגישע געזעצן — דאס אייגענע. די יידישע בורזשוען האסן און פארפאלגן די יידישע רעוואלוציאנערן פונקט ווי יעטוועדער בורזשוי פון אן אנדער פאלק איז א שונא די רעוואלוציאנערן פון זיין לאנד. צוליב דער קאמוניסטישער שטעלונג צום ציוניזם, באטראכט דער יידישער בורזשוי די קאמו-ניסטן ווי נאציאנאלע פאררעטער. עפעס ענלעך דערצו וואס עס געשעט אין פוילן, פינלאנד, לעטלאנד.

דעם אמתן תמצית פונעם אנטיסעמיטיזם האט איר גופא ארויסגעבראכט אין דעם ערשטן זאץ פון אייער ארטיקל, ווען איר זאגט, אז „אין אלגעמיין איז דאס א פאלשע און אייגננוציקע שטעלונג". הלוואי וואלט איר דארטן געוועסט פארענדיקט.

איך גלויב פעסט, אז דער אנטיסעמיטיזם איז אן אייגננוציקע שטעלונג, און נישט מער ווי אן אייגננוציקע שטעלונג. דאס עמא-ציאנעלע, פאסיאנעלע אדער אינטעלעקטועלע פונעם אנטיסעמי-טישן פענאמען זענען ריין איינגעבילדעטע דערשיינונגען, וואס פאלגן נאך דער שטעלונג, בכדי צו בארעכטיקן זי אנטקעגן דער אויסערלעכער וועלט און (צומאל) אנטקעגן דעם אייגענעם געוויסן. דער אנטיסעמיט עקספלואטירט די רעמיניסצענצן פונעם פרימיטיוון אינסטינקט פון אומצוטרוי צו אלץ און אלעמען, וואס שיידט זיך מיט עפעס אונטער פון מענטשן, זאכן און פאקטן, צו וועלכע ער איז צוגעוואוינט אין זיין אמביענט. אבער ביז איצט האבן נאך דער מענטשהייטס קאמפן נישט געהאט די ריכטיקע תנאים מצד דער געמיינשאפט און נישט מצד דער פארשיידנאר-טיקייט פון אפשטאם. די מלחמות האבן געהאט זייערע דינאסטי-

שע סיבות, און איצט האָבן זיי אויך ערדישע סיבות. דער געמיינ־זאַמער אָפּשטאַם פאַרהיט נישט די דרום־אַמעריקאַנער פון פירן מלחמה צווישן זיך. און אויך אין דער אייראָפּעאישער מלחמה האָבן זיך די קריג־פירנדיקע פעלקער נישט גרופירט אין איינקלאַנג מיט דעם אָפּשטאַם פון זייערע ראַסעס.

דער פענאָמען אַנטיסעמיטיזם נעמט זיך דערפון, וואָס עס עקזיסטירן הערשער, וואָס דאַרפן צעשטרייען די אויפמערקזאַמקייט פון די אונטעריאָכטע, און דערצו באַנוצן זיי זיך מיט דער אייביקער לאָזונג פון אַלע טיראַנען, זינט די וועלט איז וועלט: „צע־טייל און הערש". זיי האָבן דעם זעלביקן אָפּשטאַם ווי די שנאה, וואָס ענגלאַנד זייט אין אינדיע צווישן די מחמדאַנער און בראַ־האַמאַנער; ווי דער האַס צווישן מאַראָניטן, מוסולמענער און דרוזן, וואָס פראַנקרייך עקספּלואַטירט אין סיריע; דעם זעלביקן שורש פון וואַנען ס'איז געקומען דער האַס צו די קאַטאַלאַנער, וואָס די קרעאָלע מושלים האָבן געפּריידיקט דאָ גופא אין אָנהייב יאָר־הונדערט, ווען עס זענען נאָך נישט געווען גענוג יידן זיי זאָלן קענען דינען פאַרן שעיר לעזאָזל.

דאָס אומגליק פון די יידן איז, וואָס זיי בילדן שוואַכע מיעוטים, און דאָס איז ווי געוואונטשן צו דינען פאַר אַ בליצאַפּלייטער פאַר דעם אומגעדולד מצד די אונטערדריקטע און אָפּגענאַרטע מאַסן. די אַרגענטינער לאַטיפונדיסטן וואָלטן אויסגעקליבן די ענגלענ־דער, ווען זיי וואָלטן נישט מורא געהאַט פאַר די רעפּרעסיעס קעגן פלייש; די יענקים — ווען זיי וואָלטן נישט מורא געהאַט פאַר די פאַנצער־שיפן. אונדזער שוואַכקייט איז אויסשליסלעך אונדזער אומגליק, היות ווען עס פעלן יידן, וואָלטן שוין די פאַראינטערע־סירטע אויסגעפונען זייערע קרבנות צווישן אַ וועלכן עס איז אַנדער עלעמענט. עס פעלן נישט קיין קרבנות אויך אין די לענדער, וואו עס וואוינען נישט קיין יידן.

און אַט האָב איך אייך שוין געזאָגט אַלץ וואָס איך ווייס

בנוגע דעם אַנטיסעמיטיזם. איך וועל זיך נאָך דערוועגן בלויז מתרה-צו-זיין די מאַסן און די פרייע מענטשן דאָ אין לאַנד:

תמיד, ווען איר טרעפט זיך אָן מיט לייט, וואָס פריידיקן אַנ-טיסעמיטיזם, אָדער אַ וועלכע עס איז אַנדער שנאה צווישן ראַסן, — טרויט זיי נישט, מחמת זייערע כוונות זענען, בלי-ספק, גאָר אַנדערע און עפּעס אַ פּאַסטקע האַלטן זיי אין צוגרייטן קעגן די מאַסן, יידישע און נישט-יידישע. לאָזט אייך נישט נאַרן דורכן קאַמופלאַזש און באַמיט אייך דורך אַלע מעגלעכע מיטלען אויס-צומיידן, אַז די מאַסן זאָלן אַראָפּשלינגען דעם אַנגל.

די אַרגענטינער לאַטיפונדיסטן זענען געוואָרן אַנטיסעמיטן. עפּעס אַ סיורפּריז און, בלי-גוזמא, אַן אומאָנגענעמען, גרייטן זיי צו פאַר די צוועלף מיליאָן אַרגענטינער איינוואוינער.

יוני, 1933

פון אהרן ליבערמאַן ביז... גינאַ מעדעם

אַ. ליבערמאַן אין יאָר 1876

„אַלס סאָציאַליסטן, וואָס פאַרשטייען קלאָר די פאָדערונגען פון דעם סאָציאַליזם, קאָנען מיר אין אונדזער קאַמף באַנוצן בלויז די מיטלען, וועלכע זענען נישט סותר די אויפגאַבן פון סאָציאַליזם. מיר קענען אָנערקענען פאַר אונדזערע פאַרבינדעטע און ברידער נאָר די פּערזאָנען, וועלכע זענען באַוואוסטזיניק אָדער אינסטינקטיוו דורכגעדרונגען מיט די פאָדערונגען פון סאָצ. סאָלידאַרישקייט. קיין שום רודף אחרי הכבודיקע שטרעבונג צו פּערזענלעכער מאַכט, קיין שום עקספּלואַטאַציע פון ברידער און פאַרבינדעטע, קיין שום שקר, איז נישט דערלאָזבאַר אין די רייען פון אויפריכטיקע סאָציאַליסטן. און כדי אויפצוהאַלטן די מאָראַלישע ווירקונג פון דער פאָן פון סאָציאַלער רעוואָלוציע, פאַרפליכטן מיר זיך אויך אין קאַמף מיט שונאים — זיך באַנוצן בלויז אין אויסערגעוויינלעכער נויט און מיט אַ באַזונדער פאָרזיכטיקייט מיט יענע מיטלען וואָס זענען דערלויבט אין דער צייט פון סאָצ. מלחמה.

פון אַ. ליבערמאַנס סטאַטוט פון „סאָצ. רעוואָלוציאָנערן פאַרבאַנד צווישן יידן אין רוסלאַנד". — ציטירט לויט „פרייע שריפטן", נ' 17.

גינאַ מעדעם אין יאָר 1935

„ווער זענען זיי, די אַנאַרכיסטן? — מעסער-העלדן, באָמבע־וואַרפערס. נאָר עפּעס, שטעלט מען אַרויס אַ שוואַרצע פאָן. מען באַפאַלט אַ באַנק, מען צעטיילט זיך מיטן געלט. דאָס געלט פאַרשכורט

מען, און נאָכדעם שיסט מען זיך איינע די אַנדערע. און ווער זענען זייערע פירער? — עמאַ גאָלדמאַן, אַלעקסאַנדער בערקמאַן, ראָקער!"

פון גינאַ מעדעמס אַ רעדע אין טשאַראַטאַ, לויט אַ מיט־טיילונג פון מאיר בורסוק, וועמעס גבית עדות איז פאַר אונדז אויסער יעדן ספק.

ניין. גינאַ מעדעם האָט אין טשאַקאָ קיין סאָציאַליסטישע מלחמה נישט געפירט. בסך־הכל איז זי אַהין געפאָרן ווי אַ משולח פון דער „געזעלשאַפט פאַר בירא־בידזשאַן" צו זאַמלען געלט פאַר דער „ווירדיקער מתנה". (זאַמלען געלט פאַר בירא־בידזשאַן צווישן די טשאַראַטער יידישע קאָלאָניסטן, וואָס זענען נישט פיל לענגער אויף זייער ערד, ווי די בירא־בידזשאַנער און, מן הסתם, נישט פיל רייכער אויך, און האָבן דערצו נישט פון וואַנען צו דערוואַרטן קיין שטיצע... אָבער דאָס איז אַ באַזונדער ענין).

אַלזאָ, גינאַ מעדעם האָט זיך דאָרטן אָפּגערעכנט אַזוי מיט די די אַנאַרכיסטן אַ... קעשענע־חשבון. אַ פריערדיקער משולח פאַר בירא־בידזשאַן, א. מאַרגאָלין, האָט זיך אין טשאַראַטאַ אָנגעשטויסן אויף אַן אָפּאָזיציע מצד די אָרטיקע אַנאַרכיסטן. אָט פאַר וואָס די אַנאַרכיסטן זענען עס געוואָרן מעסער־העלדן, שכורים, מענטשן, וואָס באַפאַלן בענק און צעטיילן זיך מיטן געלט און צעשיסן זיך דערנאָך איינע די אַנדערע, גענוי ווי דאָס האָבן געטאָן זייערע „פירער" עמאַ גאָלדמאַן, אַלעקסאַנדער בערקמאַן און רודאָלף ראָקער...

מען וועט די אַנאַרכיסטן איך קיין יידישער שטוב נישט אַריינלאָזן

דער דאָזיקער מאַרגאָלין האָט זיך שוין איין מאָל אָפּגערעכנט מיט די טשאַראַטער אַנאַרכיסטן אויף זיין אייגענעם חשבון. ער האָט עס געמאַכט אין „ניי־ערד". נישט אַזוי קורץ און שאַרף, ווי גינאַ

מעדעם, האָט ער עס געמאַכט. מיר קענען זיך דערפאַר בלויז פאַר-גינען איבערצוגעבן דעם תמצית פון זיין אַרטיקל:

„זיי, די טוער פון דער אָרגאַניזאַציע פאַר בירא-בידזשאַן, זענען אומפּאַרטייאישע. זיי האָבן בלויז אַ באַזונדער אַכטונג צום לאַנד, וואָס איז גוט צו אונדז, יידן. און די אַנאַרכיסטן, וואָס צוליב זייער ענגער פּאַרטייאישקייט וואָגן זיי צו באַשמוצן דאָס לאַנד, וואָס איז גוט צו אונדז, יידן, וועלן זיך דערדינען דערצו, אַז מען וועט זיי אין קיין יידישער שטוב נישט אַריינלאָזן".

מאַרגאָלין שטרייכט אונטער אין זיין אַרטיקל פיל מאָל און זייער שטאַרק זיין אייגענע אומפּאַרטייאישקייט לגבי דער ענג-האַרציקער פאַרביסענער פּאַרטייאישקייט פון די אַנאַרכיסטן. איז די טרחה זיינע אַן אַרויסגעוואָרפענע. אין וואָס פאַר אַ פּאַרטייאיש-קייט קאָן מען חושד זיין מאַרגאָלינען? אין קאָמוניסטישער? — אומ-מעגלעך: עס איז נישט קיין קאָמוניסטישער לשון אָט דער „אונדז, יידן" אאז"וו.

מען מוז זיך משער זיין פון מאַרגאָלינס רייד, אַז ער איז אַ פּשו-טער ייד פון אַ גאַנץ יאָר, וואָס האָט ליב אַ מלך-חסד, וואָס מאַכט נישט קיין פּאָגראָמען אויף יידן. מען דאַרף זיך משער זיין, אַז מאַר-גאָלין איז פאַרליבט אין רוסלאַנד און, מן-הסתם, אויך אין ענגלאַנד, ווייל אָט דיביידע לענדער זענען גוט צו אונדז, יידן. די מלוכות דערלאָזן נישט צו קיין פּאָגראָמען אויף יידן ביי זיך אין דער היים, און זיי שענקען אַוועק צו יידן לענדער און דווקא אין די סטראַ-טעגישסטע פּונקטן, וואו מען דאַרף האָבן מענטשן פאַרטרוילע-כע. אוודאי איז ער, מאַרגאָלין, זיך נוהג, פּונקט ווי די קאָנינ-גער קליענטן זיינע: צו איטלעכן אַניווערסאַר פון דער באַלפור-דעקלאַראַציע שטימט ער פאַר אַ רעזאָלוציע אויסצודריקן דאַנק-באַרקייט צו ענגלאַנד, און צו איטלעכן אַניווערסאַר פון קאַלי-נינס דעקלאַראַציע שטימט ער פאַר אַ רעזאָלוציע אויסצודריקן דאַנקבאַרקייט צו רוסלאַנד.

גאָר אַנדערע דבורים ריידן די קאָמוניסטן. קאָמוניסטן האָבן זיך פאַרגונען אין יאָר 1929 צו באַגריסן די אַראַבישע אָנפאַלן אויף די פּאַלעסטינער יידישע קאָלאָניסטן ווי אַ רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד קעגן אימפּעריאַליזם. קאָמוניסטן זענען שוין גאָר־נישט אַזוי פאַרליבט אין ענגלאַנד, וואָס איז אַזוי גוט צו אונדז, יידן, און — עס איז אַ סברה, אַז מען וועט די קאָמוניסטן אויך נישט „אַריינלאָזן אין קיין יידישער שטוב".

קאָמוניסטן העצען צו פּאָגראָמען אויף יידן

אָט זענען אויסצוגן פון אַ קאָמוניסטישער פּראָקלאַמאַציע וואָס איז דאָ נישט לאַנג פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די פּאַלעס־טינישע אַראַבער:

„עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס מען האָט אַנטדעקט אַריינגעשמוגלטע וואָפן אין די הענט פון יידן. די רעגירונג האָט אָבער גאָר נישט געטאָן קעגן דעם. זי האָט אָבער געהאַלטן אין איין זוכן און אויסליידיקן די אָרעמע אַראַבישע וואוינונגען פון יעדן שטיקל אַלטן און צעבראָכענעם וואָפן".

„צוויי וועגן האָט פאַר זיך דאָס אַראַבישע פאָלק: איין וועג איז דער וועג פון שענדלעכן אונטערגאַנג און דער צווייטער איז דער וועג פון אַ לעבן מיט כבוד. ווער עס דאַרף אויסוויילן דעם צווייטן וועג, דער דאַרף אויסוויילן מלחמה".

אַאַז"וו, אַאַז"וו. די מלחמה דאַרף מען טאַקע פירן קעגן די יידן, ביז עס וועט אָפּגעשטעלט ווערן די יידישע אימיגראַציע, און ביז מען וועט אַנטוואָפענען די יידן און... באַוואָפענען די אַראַבער.

אינערהאַלב פון דער סאָציאַליסטישער לאָגיק איז שווער צו געפינען אַ ליניע, וואָס זאָל פאַראייניקן גינאַ מעדעמס און אַ. מאַר־גאָלינס אַפּעלאַציעס צו די יידיש־פּאַטריאָטישע געפילן אין אַרגענ־טינע און די קאָמוניסטישע ווענדונג צו די נידעריקסטע אולטראַ־

שאָוויניסטישע געפילן פון די אַראַבער אין פּאַלעסטינע. מען קען געפינען אַ געוויסע גזרה־שוה ביי ביידן, גראַד ווי מען קען געפינען אַ גזרה־שוה צווישן גינאַ מעדעמס און אַ. מאַרגאַלינס „אוממעגלע־כע" העצעס קעגן די גערודפטע אַנאַרכיסטן און די קאָמוניסטישע „אוממעגלעכע" העצעס קעגן די גערודפטע יידישע מאַסן... אָבער פריער וועט מען מוזן פאַרגעסן אָן סאָציאַליזם און אַפילו אָן פּשוטן מענטשלעכן יושר.

איר וועט זיך מיט דער סאָציאַליסטישער לאָגיק איבערהויפּט ווייניק וואָס פונאַנדערקלייבן אין די אומצייליקע סתירות פון דער קאָמוניסטישער האַנדלונג. איר וועט זיך מוזן אַרונטערלאָזן פון די סאָציאַליסטישע הויכן ביז דעם מאַקיאַוועלישן תהום פון דער „מלוכה־לאָגיק", פון יענער געבענטשטער „מלוכה־לאָגיק", וואָס באַרעכטיקט מלחמה, מאָרד, גזלה, פאַרראַט או"וו — אַלע נידער־טרעכטיקייטן, אַלע געמיינקייטן, אָן קיין שום אויסנאַם.

„עס איז אַזוי שווער אַ רייכן אַריינצובאַקומען זיך אין גן־עדן, ווי עס איז שווער אַ קעמל זאָל דורכגיין דורכן לאָך פון אַ נאָדל". פיל, אומגעהויער פיל שווערער איז אַ מלוכה זאָל זיין סאָציאַליסטיש און רעגירער זאָלן קאָנען האַנדלען ווי סאָציאַליסטן. אַ מלוכה זאָל קאָנען פירן צום סאָציאַליזם... קאָמוניסטן וואָלטן געהאַנדלט ווי סאָ־ציאַליסטן, ווען זיי וואָלטן נישט געהאַט הינטער זיך די סאָוועטי־שע מלוכה...

אַז רוסלאַנד וועט זיך פאַרשטענדיקן מיט ענגלאַנד —

וועט זיין שמחה וששון. יידישע קאָמוניסטן וועלן מער נישט דאַרפן העצען די אַראַבער צו פּאָגראָמירן יידן. עס וועט ווערן אַ פאַראייניקטער פראָנט און די קאָמוניסטן וועלן בעת וואַלן אין דער חברה־קדישא הייסן שטימען פאַר נחמן געזאַנגן אַלס פּרעזידענט (עלעהיי מען הייסט שטימען פאַר די איריגאַזשעניסטן אין די מלוכה־וואַלן). שוסהיים מיט גינאַ מעדעמען און מרדכי ראַזאַווסקין וועלן

צוזאַמען טאַנצן אַ קאַראַהאָד. נחום סאָקאָלאָוו וועט שוין נישט אָנקומען, ווי דאָס האָט געטראָפן מיט ניגערן, גראָד בעת די אימפּעריאַליסטישע מלוכות גרייטן אָן אינטערווענציע קעגן ראַטן־פאַרבאַנד. אַדרבא, מען וועט סאָקאָלאָוון אויפנעמען מיט נאָך אַ ווארעמערן ברוך־הבא ווי יעקב באַטאַשאַנסקין נאָך זיין צוריקקער פון אייראָפּע. די „פרעסע"־שרייבער זענען שוין אויס פאַשיסטן. איצט וועלן שוין די שרייבער פון דער „אידישער ציימונג" אויך ווערן לייטןגלייך, און מען וועט מענדעלסאָנען און שוסהיימען און רעגאַלסקין צוציען מיטצואַרבעטן אין אַ קאָמוניסטישער ציימונג.

און פאַר די קאַנינגער סוחרים אין די גרויסאַרטיקע טעאַטערס וועלן שוין מער נישטריידן אָדער גינאַ מעדעס באַזונדער, אָדער נחום סאָקאָלאָוו באַזונדער, נאָר פאַר איין בילעט וועט מען קאָנען הערן ביידן צוזאַמען.

מה־דאָך די איריגאַזשעניסטן, די העלדן פון דער יאַנואַר־וואָך און פון די סאַנטאַ־קרוסער מערדערייען, זענען געוואָרן פיינע מענטשן און מחותנים!...

— אַלע וועלן ווערן גוטע און פרומע לייט, חוץ

די שוואַרצמאַהדיקע אַנאַרכיסטן.

די קיעווער מלוכה־אַקאַדעמיע האָט פאַרעפנטלעכט אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנצעס אַ בוך, „די (יידישע) פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור אין אַמעריקע". זענען דאָרטן די יידישע שרייבער איינגעטיילט אין עכט־פּראָלעטאַרישע, אין נאָכלויפער און (די גרויסע מערהייט) קליינבירגערלעך־פאַשיסטישע. — דאָס בוך איז דערשינען סוף 1935 און איז שוין אַזוי אַלט איצט, נאָך דעם, ווי ניגער האָט שוין געגעבן די האַנט אַלגינען.

איז האָט אונדז פּאָמעראַנצעס קלאַסיפיקאַציע דערמאָנט אָן דעם פאַרשטאָרבענעם וויל ראַדזשערס אַ וויץ: „איר וויסט", האָט ראַ־

דזשערם געשריבן פון כאַרבין, „וואָס איז דער חילוק צווישן די ,ווייסע׳ רוסישע פרויען און די ,רויטע׳? — די ,ווייסע׳ זענען דאָס רוב שיינע פרויען, און די ,רויטע׳ זענען נישט קיין שיינע״.

נישט דאָס זענען מיר אויסן. פּאַמעראַנץ רעכנט זיך אָפּ אין זיין בוך מיט די „פּאַררעטער״ רייזען, לייוויק, מנחם, שאַפּירא. ער רעכנט זיי אוים אַ גאַנץ צעטל חטאים, אָבער דעם גרעסטן חטא זייערן וועט איר נישט טרעפן. איר ווייסט, וואָס אַט־די רייזענס און אַט־די לייוויקס האָבן אָפּגעטאָן נאָך דעם, ווי זיי זענען אַרוים פון דער „מאָרגן־פרייהייט״? — זיי האָבן אין זייער צייטונג „די וואָך״ אָפּגעדרוקט אַ באַגריסונג צום יובילײ פון דער „שוואַרצמאַהדיקער אַנאַרכיסטישער״ **„פרייע אַרבעטער שטימע״!**

פּאַמעראַנצעס בוך איז אַן אַקאַדעמישע אויסגאַבע — סאָוועטישע וויסנשאַפט! די „פרייע אַרבעטער שטימע״ קאָן אין רוסלאַנד נישט אַריינקומען. וועט טאַקע פאַר דער רוסישער יוגנט בלייבן, אַז די דאָזיקע צייטונג איז אַ שוואַרצמאַהדיקע און דערצו נאָך אַן אַנאַרכיסטישע אויך... הקיצור, די „פּאַררעטער״ האָבן באַגריסט אַ צייטונג פון פּאָגראָמשטשיקעס, ווי מאַכנאָ, פון מעסער־העלדן, ווי יענע באַרימטע באַנדע פון פרודאָן, באַקונין, רעקליו, קראָפּאָטקין, מאַלאַטעסטאַ, פראַנסיסקאָ פערער, גוסטאַוו לאַנדויער, עריך מיזאַם, פּערמין סאַלוואָטשעאַ, עמאַ גאָלדמאַן און אַנדערע, וואָס זענען, כידוע, איבערגעפאַלן צוזאַמען אַ באַנק, פאַרשיכורט דאָס געלט און זיך נאָך דעם אויסגעשאָסן איינע די אַנדערע.

ניין. עס גלויבט זיך נישט, אַז מען וועט די רייזענס און די לייוויקס ווען נישט איז מוחל זיין אַט דעם חטא. ס׳איז אייך נישט ניגער, וואָס זיין גאַנצע זינד, אומשטיינס געזאָגט, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז „אַ פאַרדריפּעטער קריטיקער״ און וואָס ער איז געפאָרן קיין זיד־אַמעריקע אין שליחות פון די בורזשואַזע אימפּעריאַליסטישע מלוכות אַרויסצוהעלפן אין דער אינטערווענציע קעגן ראַטן־רוסלאַנד.

און אפשר. פאַרט זענען דאָך לייוויק און רייזען אַליין נישט

קיין אַנאַרכיסטן. אַט האָט מען דאָ פאַרגעסן די אוריגינעלסטע אוזשעניסטישע פּראָגראַמען אין בוענאָס-איירעס, אין סאַנטאַ-קרוס, אין סאַנטאַ-פע. אַז מען פאַרקוקט אויף דער סע-כע-טעס אָפענעם גובערנאַמענטאַ-ליזם, אַז מען פראַוועט שוין וויזיטן ביי מעלאָן און מען טאַנצט פּאַקטיש אויף זיין פייפל... מען וועט זיך איבערבעטן מיט אַלעמען, חוץ מיט די מיליאָניקע אַנאַרכיסטישע „רעשטלעך" און מיט די רעשטלעך עכטע סאָציאַליסטן, וואָס קעמפן איצט איינזאַם און אָן ווידער-קול אויף דער פאַרשקלאַפטער פאַרדיקטאַטאָרישטער וועלט.

און ווען די זאַכן וועלן זיך איינשטעלן, ווען די סאָוועטישע מלוכה-דיפּלאָמאַטיע וועט דורכזועצן איר נייע ליניע מיט דער הילף פון די קאָמוניסטישע פאַרטייען און געשטיצט דורך דער פינצטע-רער אומבאַוואוסטזיניקייט פון די געגאַרטע אַרבעטער-מאַסן, וואָס פאָלגן בלינדערהייט אוים די באַפעלן פונעם „באַליבטן זשעניאַלן פירער חבר סטאַלין", — דעמאָלט וועט בעסער זיין: עס וועט קלאָר ווערן אפילו פאַר בלינדע, אַז די צעשיידונגס-ליניע צווישן ליכט און חושך אין אונדזער איצטיקער געזעלשאַפט איז נישט „פאַשיזם אָדער קאָמוניזם", נאָר דיקטאַטור אָדער פרייהייט, שקר אָדער אמת, עוולה אָדער יושר, שקלאַפעריי אָדער סאָציאַליזם.

איין שוואַרץ-רויטער פראָנט פון מאָסקווע ביז רוים

אין איטאַליע לעבן עטלעכע און פערציק מיליאָן מענטשן. נישט אַלע לעבן דאָרטן גלייך... אָבער איטלעכער קאָן, ווי עס איז, געדייען אונטער דער איטאַליענישער זון און אונטערן סצעפּטער פונעם „באַליבטן זשעניאַלן דוטשע מוסאָליני", אַבי מע שרייט „וויוואַ איל דוטשע!"

אין רוסלאַנד לעבן הונדערט מיט זיבעציק מיליאָן מענטשן. נישט אַלע לעבן דאָרטן גלייך... אָבער איטלעכער קאָן, ווי עס איז, געדייען אונטער דער סאָוועטישער זון און אונטערן סצעפּטער פו-נעם „באַליבטן זשעניאַלן פירער פונעם אַלוועלטלעכן פּראָלע-

טאַריאַט, חבר סטאַלין", אַבי ער זאָגט אָפּ יעדן טאָג אַ הונדערט ברכות סטאַלינען ביי דער אַרבעט, ביים ריידן, ביים שרייבן אַ פּעליעטאָן אָדער אַ מאָנאָגראַפיע וועגן פּאָנעטיק.

אַלפאָנסאָ פּעטריני איז אַן אַנאַרכיסט, ד"ה איינער, וואָס שווימט קעגן פּינצטער-מעכטיקן שטראָם פון משיחיזם, פון מלוכה-אָבערגלויבן, פון שקלאַפעריי. ער לעבט אויף צו דערמאָנען די אונ-טעריאָכטע מאַסן אָן פרייהייט, אָן גערעכטיקייט, אָן מענטשלעכער ווירדע, אָן סאָציאַליזם.

האָט אַלפאָנסאָ פּעטריני אין איטאַליע נישט געוואָלט שרייען „וויוואַ איל דוטשע". האָט ער זיך דערדינט דאָרטן צו 22 יאָר תפיסה. עס האָט אים אָפּגעגליקט צו אַנטלויפן, און ער איז אָנגעקומען אין „פּראָלעטאַרישן פאָטערלאַנד". אָבער פּעטריני האָט אין מאָסקווע אויך נישט געוואָלט שרייען „וויוואַ סטאַלין"!

פאַרשטייט איר שוין, אַז פּעטריני האָבן שוין קיין צרות נישט געפעלט: תפיסה אויף די סאָלאָוועצקי-אינדזלען, פאַרשיקונג קיין אַסטראַכאַן, איזאָלירונג פון אַרבעט. ער האָט געלעבט דאָרטן פון רעשטלעך עסנוואַרג אויף די מיסט-הויפנס און פון מאָגערער הילף פונעם „אינטערנאַציאָנאַלן קאָמיטעט פאַר אַנאַרכיסטישער פאַרטיידיקונג". און די אַלע שטראָפן זענען פּעטריני אָנגעקומען אַדמיניסטראַטיוו. עס האָבן נישט געהאָלפן נישט זיינע אייגענע באַמיאונגען צו קריגן אַ פּראָצעס, און נישט די באַמיאונגען פון פילע אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער-אינסטיטוציעס.

איצט האָט סטאַלינס רעגירונג „אַדמיניסטראַטיוו" אַוועקגע-זעצט פּעטריני אויף אַ שיף אין אָדעס און אים איבערגעגעבן צו מוסאָלינים רעגירונג אין אַנקאָנאַ. פּעטריני זיצט שוין אין מוסאָלי-נים אַ תפיסה.

איז דאָס, דאַכט זיך, שוין גענוג עוולה אַפילו פאַר אַ קאָזאַק: נישט יעדע „קאַפּיטאַליסטישע" מלוכה וואָלט זיך פאַרגינען אַזוי פיל געמיינהייט. אָבער פאַר סטאַלינס מענטשן איז דאָס נאָך אַלץ ווייניק: סטאַלין מיט זיינע מענטשן, פאַרשטייט איר, זענען געוועזע-

נע רעוואָלוציאָנערן, און „געוועזענע”, געדענקט איר נאָך פון שלום עליכמען, האָבן ליב אי צו טאָן עוולות, אי צו... בלייבן גערעכט. איז זייער וועלן בלייבן גערעכט נאָך ערגער, ווי די עוולה גופא.

האָט דער היגער קאָמוניסטישער אָפיציעלער אָרגאַן אָפּגע־דרוקט אַ נאָטיץ, אַז פּעטריני איז... מוסאָלינים אַ שפּיאָן.

און פרעגט נישט ביי „געוועזענע” קיין קשיות: זינט ווען שיקט מען עס אַרויס שפּיאָנען אין זייערע לענדער אַריין, און זינט ווען דערקלערט מען עס אַ מענטשן פאַר אַ שפּיאָן אָן אַ זכר פון אַ פּראָצעס?

אַז ניגער איז געווען אַ שליח פון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות, אַז פיניע כ״ץ און רעגאַלסקי זענען געווען פאַשיסטן, אַז עמאַ גאָלדמאַן מיט רודאָלף ראָקערן באַפאַלן בענק און צעטיילן זיך מיטן געלט, אַז די „פרייע אַרבעטער שטימע” איז אַ שוואַרצמאַה־דיקע צייטונג — פאַר וואָס זאָל פּעטריני נישט זיין קיין שפּיאָן?

נישט זידלען די קאָמוניסטן

אַז מיר האָבן דורכגעלעבט אָט דעם צעטל קאָמוניסטישע געמיינקייטן, האָבן מיר אפשר אַ פּרואוו געטאָן צו באַפרייען זיך פון אונדזער אויפגעבראַכטקייט דורכן קאָמוניסטישן מיטל פון שעלטן און זידלען. מיר האָבן אויסגעזוכט די שטאַרקסטע ווערטער אין גינאַ מעדעמס לעקסיקאָן: „פאַררעטער”, „פאַשיסטן”, „פאָס־קודניאַקעס”, „מעסער־העלדן”, „שופר־בלאָזער”... אומזיסט! —

זידלערייען זענען גוט גענוג צו פאַרשרייען דאָס אייגענע אומ־רואיקע געוויסן. זיי זענען אפשר אויך גוט גענוג צו פאַרטומלען די מאַסן און פאַרבלענדן זיי, זיי זאָלן נישט דערזען, וואָס זיי דאַרפן זען. עס איז נישט קיין שלעכט מיטל פאַר די, וואָס פאַראַכטן אינ־טים די מאַסן און גלויבן, אַז מאַסן דאַרף מען פאַרנאַרן, אָפּנאַרן. עס איז גוט פאַר די, פאַר וועמען... עס זענען איבערהויפּט גוט אַלע מיטלען.

מען קען אָבער נישט און מען טאָר נישט פאַרשרייען די שווי־דערלעכע ווירקלעכקייט, אַז די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז פאַרלאָרן, פונקט ווי עס זענען פאַרלאָרן געגאַנגען די רעוואָלוציעס אין דייטשלאַנד, אין אונגאַרן, אין עסטרייך, אין איטאַליע...

מען קען נישט און מען טאָר נישט פאַרשרייען די שווידערלעכע ווירקלעכקייט, אַז פון טאָקיאָ איבער מאָסקווע און ביז רוים, פון בערלין ביז באָסטאָן און סאַנטיאַגאָ דע טשילע, — אַז אומעטום הערשט דער זעלביקער חושך: מאַסן, פאַרביטערטע און אָנמוישטע אין זייערע אייגענע כוחות, וואָס כאַפּן זיך אָן, ווי אָן אַ שטרוי, אָן כלערליי „פירערס", צי שוין ארויפגעאַרבעטע אָדער צי זיי זענען ערשט קאַנדידאַטן אויף דוטשעס.

מען וועט מוזן דערמאָנען די מאַסן אָן די יום־טובדיקע טעג פון מאַרט ביז אָקטאָבער 1917, בעת די רוסלענדישע מאַסן האָבן, להכעיס זייערע פירערס פון רעכטס און לינקס, קעגן גוטשקאָוון און מיליוקאָוון, קעגן קערענסקין און פלעכאַנאָוון און — אין אָנהייב — אפילו קעגן טראָצקין און לענינען, אליין געקעמפט פאַר זייער רעכט אויף ערד און פרייהייט, אויף ברויט און ווירדע.

מען וועט מוזן דערמאָנען די מאַסן, אַז לענין מיט טראָצקין און די גאַנצע באָלשעוויקישע פאַרטיי האָבן אין אָנהייב אפילו זיך געפּרואווט אַנטקעגנצושטעלן דער פאָלקס־סטיכיע, און זיי זענען ערשט שפּעטער צוגעשטאַנען צו די מאַסן מיט אָפּאָרטוניסטישע חשבונות אויסצונוצן די סטיכיע פאַר זייערע ענגע מאַכט־אַמביציעס און פאַרטיי־דאָגמעס.

מען וועט מוזן דערמאָנען די מאַסן, אַז קיין מאָל אין דער געשיכטע האָט נישט פּאַסירט, אַז „העלדן" און „פירער" זאָלן זיין באַפרייער; אַז וויפיל פרייהייט און רעכט די מאַסן האָבן זיך דערוואָרבן, האָבן זיי עס אליין אויסגעקעמפט.

עס איז אַ פיינלעכע אַרבעט אויפצוּוועקן די פאַרצווייפלטע מאַסן פון זייערע זיסע משיחים־חלומות און האָפענונגען אויף דו־

מיטשעם און אויף „באַליבטע און זשעניאַלע פירער", פונקט ווי עס איז אַ פיינלעכע אויפגאַבע אויפצואוועקן צו זיינע יסורים אַ פרירנדיקן מענטשן פון זיינע זיסע חלומות.

אָבער מען מוז. וואָרעם ערשט ווען די מאַסן וועלן זיך אויפכאַפּן פון זייערע זיסע משיחים-חלומות, ערשט דעמאָלט וועלן קומען ליכטיקערע טעג.

פ. ס.

די „בירא-בידזשאַנער" זענען זייער נערוועזע מענטשן. דערצו זענען זיי באַזונדערס פילבאַר לגבי זייער „חשובן גאַסט". דעם אמת געזאָגט, וואָלט אונדז זייער גאַסט זייער ווייניק געלעגן אין זינען: איינע פון די הונדערטער „טוער", היגע און צוגערייזטע, וואָס רייסן אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פון די היגע יידישע מאַסן צו זייערע אמתע פּראָבלעמען; איינע פון די פילע, וואָס קומען זאַמלען געלט ביי די היגע „דורכגעפאַלענע" קאָלאָניסטן פאַר די „דערפאַלגרייכע" קאָלאָניסטן ערגעץ אַנדערש... עס איז גינאַ מעדעם, וואָס האָט זיך צו-פיל דערלויבט אין דעם דאָזיקן לאַנד, וואו יעדער שטיין אין ברוק האָט צו דערציילן פון העראָאישע אַנאַרכיסטישע קאַמפן. מיר פאַרשטייען אָבער, אַז פאַר די „בירא-בידזשאַנער" איז דאָס קיין תירוץ נישט, און מיר איילן זיך ביז וואָס זיך אַליין אָפּצושמייסן, אפשר וועט עס זיי באַרואיקן די נערוון. — מיר דרוקן דאָ איבער (ווי עס שטייט און גייט) זייערן אָן עפנטלעכן פּראָטעסט, ווי עס איז געווען געדרוקט אין די היגע מאָרגן-צייטונגען דעם 6טן ד"ח.

עפנטלעכער פּראָטעסט פון דער הילפס-געזעלשאַפט פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין בירא-בידזשאַן

מיט שטוינונג און עקל האָבן מיר געלייענט אין דער „אידישער צייטונג" פון 5טן ד"מ דעם שענדלעכן אָנפאַל און זידלערייען קעגן

אונדזער חשובן גאַסט, די פּאָפּולערע און פון די היגע יידישע מאַסן באַליבטע קאָנפערענציסטין — גינאַ מעדעם, וועלכע האָט זיך דאָ דערוואָרבן די ליבע און פּאָפּולאַריטעט אַ דאַנק אירע גלענצנדע קאָנ־פערענצן און רעפעראַטן, דורך איר קלאָרער און איבערצייגנדיקער אַרגומענטאַציע, דורך דער טרייער אינטערפּרעטאַציע פון געשעענישן און פאַקטן און דורך איר קאָרעקטער דיסקוסיע מיט די אידעאישע קעגנער — אַ זאַך, וואָס איז אָנערקענט געוואָרן פון אַלע, אַפילו פון די קעגנער וועלכע האָבן איר נאָר געהערט.

עס שטייט אונטער אונדזער כבוד צו פּאָלעמיזירן מיט די פּאַר־שוינען, וועלכע, אָנשטאָט אַרגומענטן, באַנוצן זיי די שמוציקסטע זידל־ווערטער, וועלכע נאָר דאָס אומשולדיקע פּאַפּיר קאָן פאַרטראָגן.

מיר דריקן אָבער אויס אונדזער שאַרפסטן פּראָטעסט און עקל קעגן די געמיינע זידלער און זידלערייען, טיף איבערצייגט, אַז צו אונדזער פּראָטעסט און עקל פאַראייניקן זיך אַלע ערלעך־דענקענדע און אויפריכטיקע מענטשן.

דער צענטראַל קאָמיטעט

מיר ווייסן נישט, אויף וויפל דער פּראָטעסט פּאַסט זיך פאַר דער „אידישער צייטונג". וואָס שייך אונדז — קאָנען „אַלע דענ־קענדע און אויפריכטיקע מענטשן" זען, אַז איטלעכס וואָרט איז ממש צוגעמאָסטן...

פעברואַר, 1936

איצט און דאָ!

מיינען מיר דערמיט זיך אָפּצוגרענעצן פון אַמאָל און ערגעץ אַנדערש? — ניין: מיר מוזן בויען מיט פונדאַמענט אינעם עבר און מיט פּערספּעקטיוו אין דער צוקונפט אַריין. און די גאַנצע וועלט איז אונדזער פאַטערלאַנד.

אָבער איר געדענקט דאָך אוודאי: „ווער עס פאַרמאָגט אַ סך תורה און זיינע מעשים זענען קליין, איז געגליכן צו אַ בוים מיט אַ סך צווייגן און ווייניק וואָרצלען; דער קלענסטער ווינט וואַרפט אום אַזאַ בוים".

אין אונדזער יידישער אַרגענטינע איז די תורה פּאַלעסטינע און בירא-בידזשאַן — ביידע ווייט אין רוים און אין צייט. און קיין מעשים זענען נישטאָ. עס איז קיין פּאַלעסטינע און בירא-בידזשאַן אויך נישטאָ. עס איז נאָר אַ מיראַזש אָן ממשות פאַר אַ הייפל פאַנטאַזיאָרן, וואָס שפּייזן זיך מיט אילוזיעס. פאַר דער גרויסער מערהייט איז עס אַ סוראָגאַט פון געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט. עס איז אַ מין בּיליקער שענק אָדער גראָשנדיקער קאָרטנשפּיל אויף צו פאַרשיכורן אָדער פאַרשפּילן די „ליידיקע" צייט, די צייט, ווען די אייגענע נשמה קאָן, חלילה, נעמען מאָנען איר חוב. עס איז אַ לייכטער תירוץ אויף צו פאַרטויבן דאָס אייגענע אומרואיקע געוויסן.

מע זיצט ביי אַ מאַכערייקע אינעם שונד-טעאַטער, ביים אַנטראַקט קהלט מען זיך אַרום ארץ-ישראל אָדער אַרום דעם אוי-טאָנאָמען געביט, נאָכדעם הויבט זיך ווידער אויף דער פאָרהאַנג און די שונד-שפּיל גייט אָן ווייטער — דער אַנטראַקט איז גאָר-נישט געווען קיין הפסקה, נאָר אַ המשך פונעם שונד אויף דער

בינע. די זעלביקע אויסגעוואָרצלטקייט פונעם לעבן, די זעלביקע לייכטקייט.

נישקשה, אויף דער בינע וועט קיין בייז נישט געשען. דער מחבר אַפּערירט נישט מיט קיין לעבעדיקע נפשות, משועבדע צו גורל, צו נאַטור-געזעץ, צי צו ווייס איך וואָס נאָך דאָרטן. ליימענע גולמס זענען עס אין די הענט פון זייער „שעפער", און עס וועט חלילה קיין אומגליק נישט געשען. פונקט צו דער נויטיקער צייט וועט דאָס יתומהלע חתונה האָבן מיט איר באַשערטן, די ספר תורה וועט קריגן איר כבוד, און אַקוראַט צו דער ריכטיקער צייט, גראָד ווען דאָס פובליקום וועט שוין אַט-אַט דאַרפן פאַרלאָזן דאָס טעאַטער, וועט דער רויטער קאָמאַנדיר דערשיסן זיין פאַלש ווייב. דער עולם וועט פּאַטשן בראַוואָ און אַ באַרואיקטער און אַ מונטערער וועט ער גיין שלאָפן.

אויף פּאַלעסטינע און בירא-בידזשאַן זענען נישט דאָס פאַבריקל צי דאָס געשעפטל, וואָס פאָדערן ערנסט זיך אָפּגעבן דערמיט און וואו צייטנווייז העלפט נישט דאָס ערנסטע אָפּגעבן זיך אויך נישט. האָט מען און מע וויל — גיט מען אַ פּופּציקער פאַרן קרן-היסוד צי אַ פינפערל פאַר דער „ווירדיקער מתנה". מע קאָן גאָרנישט געבן אויך. פּאַלעסטינע און בירא-בידזשאַן זענען ווייט — קיין אחריות פאַר זיי טראָגט מען נישט. אדרבא, עס באַפרייט פון אחריות צו זאָרגן פאַר נאָענטע און וואָרע געזעלשאַפטלעכע נויטן. האָרעפּאַשניקעס פון פ ע ל ד און פ א ב ר י ק נעמען עס ערנסט — זיי באַפרייט עס אָפט אפילו פון אחריות פאַר אייגענע נויטן.

פּאַלעסטינע און בירא-בידזשאַן אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן קלימאַט זענען דאָס, וואָס אין אונדזער טעאַטער זענען דער מאַמעס טרערן, די הייליקע תורה אָדער דער אַרבעטער-הימן: פאַרן עולם — אַ מיטל, ווי פאַר שפּאַט ביליק יוצא צו זיין לגבי אַט יענע שווערע מאָנערס. פאַר די אונטערנעמער איז עס אַ לייכט מיטל אָנצופולן דאָס טעאַטער און די קאַסע. ווי אַ סימן האָט איר, אַז עס איז

אַזוי: — 40 יאָר ציוניזם און 10 יאָר „פּראָקאָר״-בירא-בידזשאַן אין אַרגענטינע האָבן מער נישט אַריינגעטראָגן ווי דאָס נויטיקע געלט אויפצוהאַלטן די באַטרעפנדיקע אָרגאַניזאַציעס און עטוואָס „פּראָפּיט״.

וואָלטן אפשר פּאָרט אַמאָל די ציוניסטישע און בירא-בידזשאַנער אָרגאַניזאַציעס צוגעשטעלט אַ חשבון, וויפיל זיי האָבן אויפגעזאַמלט פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זיי עקזיסטירן? וויפיל דערפון איז אַוועק אויף „אַדמיניסטראַציע״, און וויפיל קאָלאָניסטן זיי האָבן באַזעצט אין פּאַלעסטינע מיט בירא-בידזשאַן אין איינעם?

וועגן פּאַלעסטינע קענען מיר אייך דערווייל געבן אַ דאַטע: פאַרן פאַרגאַנגענעם יאָר האָט אַרגענטינע געזאַמלט פאַרן קרן קימת 1300 פונט, פאַר דער זעלביקער צייט האָט דרום-אַפריקע געזאַמלט 23 טויזנט פונט. די פאַרהונגערטע בעסאַראַביע, מיט איר לעכער-לעך-נידעריקער וואַליוטע, האָט געגעבן 1800 פונט. אָט האָט איר אויף ציוניסטישן לשון אָפּגעשאַצט דאָס ממשות פונעם טומל, וואָס פאַרטויבט דריי פערטל פון אונדזער היגן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

און נאָך אַ סימן. דאָס מאָל אויף אַן אַנדער ליניע. און דער סימן האָט אין זיך אַ פריידיקן קערן. — צו גינא מעדעמס רעדעס אין די גרויסאַרטיקע טעאַטערס, מיט 2 און 3 פּעזעס איינטריט-געלט, האָט מען ממש נישט געקאָנט צוקומען. דאָס גאַנץ ביסל בירגערטום, אַלע געשוואָרענע קליענטן פון אונדזער שונד-טעאַטער, זענען געקומען צולויפן אויף בייז וואונדער. אָבער, ווען די זעלביקע מעדעם האָט איין מאָל געפּרואווט ריידן פאַר בלויז אַרבעטער — איז דער קליינער סאַלאָן „גאַריבאַלדי״ געווען צו גרויס. הלוואי זאָל עס זיין אַ סימן, אַז די אַרבעטערשאַפט אונדזערע איז נאָך נישט אַזוי פאַרשונדעוועט. עס וואָלט געווען אַ שטראַל האָפענונג, וואָרעם —

הגם (און אפשר ווייל) ציון און בירא-בידזשאַן האָבן וויי‌ניק אויפגעטאָן, איז אָבער דער חורבן, וואָס זיי האָבן דאָ אָנגעמאַכט, דווקא אַ גרויסער. געווען צייטן, ווען אַרגענטינע אַליין איז געווען פאַר אַנדערע לענדער אַ שטיק פּאַלעסטינע-בירא-בידזשאַן. נאָך

איצט איז זי עס נאָך, אין אַ געוויסן מאָסשטאַב, פֿאַר די חרוב-געַ-וואָרענע און חרוב-ווערנדיקע ישובים אין אייראָפּע. און אויב אַר-גענטינע דערפילט נישט אירע הבטחות, איז אין דעם זייער פיל שולדיק טאַקע אָט דער פּסיכאָז פון ערגעץ אַנדערש און לעתיד-לבוא.

ווער איז אַמאָל געפאָרן אין אַן אַרגענטינישער קאָלאָניע, חוץ אויף צו זאַמלען דאָרטן געלט? וועלכער ציוניסט האָט זיך געזאָרגט פאַר דער „יידישער" דערציאונג דאָרטן? וועלכער סאָציאַליסט האָט זיך אינטערעסירט מיט די פּרוּוון און מיט די פּראָיעקטן פון די קאָלאָניסטן צו בויען ישובים אויף קאָלעקטיוויסטישע יסודות? וועלכער וויסנשאַפטלער און וואָסער דיכטער האָט זיך צוגעגרייט צו דער וואונדערלעכער געשיכטע פון די מאָזעסווילער פּיאָנערן, וואָס קאָן זיך פאַרמעסטן מיט דער געשיכטע פון „מאַיפלאַוער"?

וויסנשאַפטלער זענען געפאָרן אין די קאָלאָניעס זאַמלען געלט פאַרן ייוואָ און פאַרן ירושלימער אוניווערסיטעט. דיכטער זענען געפאָרן אהין פאַרקויפן זייערע לידער וועגן פּאַלעסטינע און וועגן בירא-בידזשאַן און וועגן דעם דיכטערס אייגענער גרויסקייט. סאָציאַליסטן זענען געפאָרן פריידיקן...

נאָט אייך בעסער אַ מוסטער, ווי אַזוי דאָס „סאָציאַליסטישע פּריידיקן" ווירקט: אַ יידישער קאָלאָניסט מאַכט מיט אַ לייכטער האַרץ אַוועק און פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג די היגע לעבעדיקע און מאָנענדיקע יידישע קאָלאָניע און חלומט דערביי, אַז אין בירא-בידזשאַן —

„בויט זיך אַ שטאָלצע, מוטיקע זינגענדיק-צופרידענע ייד. קאָלאָ-ניזאציע". „מענטשן ארבעטן, געניסן פון זייער ארבעט, פון זייער לעבן, אַלע פּינצטערע עקאָנאָמישע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן זענען פון אים אַראָפּגענומען געוואָרן" (אונדזער קורסיוו). „ער לעבט קולטורעל, גייסטיק באַפרידיקט, עקאָנאָמיש פאַרזאָרגט. אַזאַ סיסטעם מאַכט דאָך פּשוט אַן איבערקערעניש אין קאָלאָניסטישן מוח". „און וואָס נאָך פאַר אַ גרעסערע פרייד קאָן זיין ביים האַרעפּאַשניק, ווען ער געניסט

פאַר (?) אַלעס, וואָס אַ מענטש ברויכט אינעם (?) פאַרגעניגן, וואָס אַ מענטשנס לעבן פאָדערט".

(אַ. זייד אין „ניי-ערד", נ' 24-25)

אָט אַזאַ גן-עדן מאָלט זיך אַ קאָלאָניסט, וואָס מע איז צו אים געקומען בעטן אַ ביישטייערונג צו שטיצן יענע גליקלעכע מענטשן פונעם ממש הימלישן בירא-בידזשאַן. ער באַמערקט אַפילו נישט דעם משונהדיקן פּאַראַדאָקס זיינעם, וואָס שמעקט פשוט מיט שבתי-צבי-פסיכאָז. די „סיסטעם" (פאַרשטייט זיך פון פאַלעסטינע און בירא-בידזשאַן) האָט אָנגעמאַכט אַן איבערקערעניש אין זיין קאָלאָניסטישן מוח (און דער אומגליק איז, וואָס נישט בלויז אין זיינעם). דאָ איז בירא-בידזשאַן עכטער שונד, וואָס באַפרייט פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דער דאָזיקער מענטש (און, ליידער, איז ער נישט קיין יחיד) האָט זיך אָנגעטרונקען מיט שונד ביז שיכּרות, ביז פאַרלירן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס א י ז טאַקע נישט קיין לייכטער ביסן, אָבער עס איז דער גורל און דער סימן פון מענטשלעכן צלם-אלהים. פאַרשיכורט זיך און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די אחריות פאַר זיין אייגענעם גורל און פאַרן גורל פון זיינע קאָלאָניסטישע חברים אין קאַמף. פאַרלאָרן אַפילו די אַחריות פאַר זיין פאַנטאַזיע.

און די רעדאַקציע פון „ניי-ערד", ווי געניטע שענקער, האָבן אַזאַ עכטן בראָנפן נישט פאַרבראַקירט, נאָר תיכּף טאַקע, אַפילו נישט אַרומגעוואַשן די כלי, עס סערווירט צו איר קונדשאַפט אונטערן קעפל „קאָלאָניסטישע פּראָבלעמען" און מיט אַן אונטערקעפל „נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג". די מענטשן פון „ניי-ערד" ווייסן נישט פון קיין אַנדער אויסוועג פאַרן היגן קאָלאָניסט, וואָס פלאָנטערט זיך צווישן די ווידערשפּרוכן פונעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, ווי אַראָפּצולאָזן די הענט, געבן אַ נדבה פאַר בירא-בידזשאַן און חלומען, אַז אין בירא-בידזשאַן לעבט מען ווי אָדם וחוה איידער זיי האָבן פאַרזוכט פונעם עץ-הדעת.

נישט אומזיסט זענען די קאָלאָניסטישע קאָאָפּעראַטיוון אַריינ-

געפאלן שוין זינט יארן אין די הענט פון אפאטישע פירער (מערקט אייך — נישט קיין טוער, נאר „פירער"), וואס זענען טאקע אין דער זעלביקער צייט אויך די פירער פון דער ציוניסטישער פע-דעראציע. נישט אומזיסט טרעפן זיך אן אויף א טויבער וואנט די אלע רופן אין „קאלאניסט-קאאפעראטאר" צו שאפן קאלעקטיווע קאלאניעס אויפן ארט. נישט אומזיסט איז די אמאל לעבעדיקע און קעמפנדיקע קאלאניסטישע יוגנט אריינגעפאלן אין א לע-טארגיע.

דער שענקער האט אריינגענומען אין זיינע הענט די יידישע קאלאניסטן. ער פארקויפט זיי זיין ביליקן אלקאהאל און קאסירט איין זיין קאמיסיע אין געזעלשאפטלעכן אנזען און אין פשוטע ממתקים. פיל ערגער ווי די ייקא-ביוראקראטיע איז די פאלעסטינע-בירא-בידזשאן-ביוראקראטיע — יענע גיבן כאטש עפעס און דעם קאלאניסטס אחריות-געפיל נארקאטיזירן זיי ניט, אפילו זיין אי-ניציאטיוו בינדן זיי נישט אזוי שטארק.

און ווער עס האט א טבע אין קאמף צו צילן נידעריקער פו-נעם גארטל און וועט אויסטייטשן, אז אין אונדז רעדט דא שנאת-ציון אדער שנאת-רוסלאנד — זאל ער! — אבער מיר זאגן קלאר:

מיר רופן דא נישט צו קעמפן קעגן „פאלעסטינע אדער בירא-בידזשאן" און נישט קעגן „פאלעסטינע און בירא-בידזשאן", נאר מיר רופן צו א הייליקער מלחמה קעגן שונד אדער שונד און קעגן שונד און שונד.

ווארעם, ווייזט אוים, אז גראד ווי אט דאס שונד איז שעדלעך, אזוי איז עס אויך א גוט געשעפט. און עס ווערט געפירט אויפן גרויסן שטייגער מיט טייערער רעקלאמע און מיט „אויסלענדישע" פראפאגאנדיסטן. מיר האבן דא נאר וואס געהאט דעם רב זלאט-ניק, מיר האבן נאך די גינא מעדעם, און שוין קלייבן זיך איינגיכן צו קומען נחום סאקאלאוו און זרובבל.

און מעגן אט די אלע מענטשן, אן און פאר זיך, זיין זייער רעספעקטאבלע, אבער היות עס גייט דא וועגן ציל פון זייער שלי-

חות און, הויפּטזעכלעך, וועגן זייער ווירקונג דאָ — וואָלטן מיר איינגעשטעלט אַ רוף צו דער ערלעכער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אויף דער וועלט:

אויב עס איז נאָך ערגעץ וואו אויף דער יידישער וועלט געבליבן געוויסנס, און אויב נאָך נישט אַלע יידישע „אינטעליגענטן" און „אידעאַליסטן" זענען געוואָרן משולחים, איז ווער איר זאָלט נישט זיין: פרייע סאָציאַליסטן, רעכטע צי לינקע מאַרקסיסטן, ציוניסטן, פאָלקיסטן — העלפט אונדז! הייבט אָן אַ קאַמפּיין קעגן דער פּלאַגע פון ציון-און בירא-בידזשאַן-משולחים אויף אַרגענטינע! עס מעג זיך שוין אַמאָל איינער פאַרגינען צו קומען סתם צו גאַסט. **מיר דאַרפן שוין גיכער האָבן פרייוויליקע צו קעמפן קעגן דער שונד-מגפה אין אַרגענטינע.**

וואָרעם דערווייל קאָנען מיר נאָך ווינטשן די קאָלאָניסטן אין פּאַלעסטינע און אין בירא-בידזשאַן צו עסן נישט ערגער, ווי די אַרגענטינישע קאָלאָניסטן. דערווייל פאַרקויפן נאָך אַרגענטינישע קאָלאָניסטן בהמות און גיבן אַוועק דאָס געלט פאַר פּאַלעסטינע און בירא-בידזשאַן און פאַר צישאָ און פאַר ייוואָ און אַמאָל אַפילו אויף אַ היגער הצטרכות אויך.

אָבער אויב די שונד-מגפה וועט אָנהאַלטן לענגער, קאָן (און מיר זאָגן עס מיט פולן ערנסט) די יידישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, די שעה זאָל נישט זיין, קומען צו דעם צושטאַנד, וואָס די „ניי-ערד"-און „פּרעסע"-מענטשן ריידן אַרוים מיט אַזאַ לייכט הארץ.

אָבער דער עיקר ריידן מיר דירעקט צום היגן יידישן קאָלאָניסט: אויף דער גאַנצער וועלט, פון וולאַדיוואָסטאָק ביז אירלאַנד און ביז סאַן פראַנציסקאָ, און פון קאַנאַדע ביז אַרגענטינע, קומט פאַר אַ פאַרביטערטער קאַמף פון די האָרעפּאַשנע מאַסן. אויפן פעלד און אין פאַבריק, אין די מינעס, אויף די שיפן, אויף די באַנען — אומעטום פּלאָגט זיך דער האָרעפּאַשניק אונטערן יאָך פון די בורזשויען, פון די פּריצים, פון די רעגירער. אומעטום מוז דער הא-

רעפּאַשניק קעמפן קעגן די הערשער דורכן פאַרבאַנד, דורך דער קאָאָפּעראַטיוו, דורך אויפקלערונג, און דורך אַלע מיטלען, וואָס די אונטערדריקטע האָבן זיך אויסגעלערנט צו באַנוצן אין זייער טויזנטער-יעריקן קאַמף קעגן די הערשער און אויסנוצער.

און פונעם פאַלעסטינע-בירא-בידזשאַן-פּסיכאָז באַפרייט זיך! פאַרשיכורט זיך נישט! און האָט מוט מיט אָפענע אויגן צו נעמען אויף זיך אַלע פינצטערע עקאָנאָמישע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן!

נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג!

מערץ, 1936

אינעם לאַנד, וואו מענטשלעכע ווירדע איז נישט קיין „בורזשואַזער" און נישט קיין „ליבעראַלער פאָראורטייל"!

דער אַנאַרכיזם האָט אָפּגעראַטעוועט די גרויסע ווירדע פון דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט. עס האָט אויסגעוויזן, אַז דאָס לעצטע ביסל מענטשלעכע ווירדע וועט אומקומען אין דער שטיקנדיקער לופט פון דער אומענדלעכער און וואָס ווייטער אַלץ געדיכטערער קאָמעדיע, וואָס שפּילט זיך אָפּ אויף דער וועלט-בינע — אַ ריזיקער שדים-ספּעקטאַקל, אין וועלכן מען האָט מער נישט געזען ווי „פּי-רער" — פּאַיאַצן און ציניקער, רעגירער — מנוולים, בורזשויען — חזירים, אינטעליגענטן — קליינמוטיקע און פּראָסטיטואירטע, און — דאָס ערגסטע — געפאַלענע, אָפּהענגיקע, פיזיש און גייסטיק פאַרשקלאַפטע מאַסן. אונדזערע שפּאַנישע חברים האָבן איבער-געבראָכן די קאָמעדיע אין אַן אומפאַרגלייכלעכער העראָאישער, דערהויבנדיקער טראַגעדיע. אין דעם קריטישן מאָמענט האָבן די העלדישע שפּאַנישע אַרבעטער-מאַסן אויפגעעפנט אַ פענצטער פאַר דער פאַרחלשטער מענטשהייט. וואָס פאַרא אויסוויקלונג די שפּאַ-נישע טראַגעדיע זאָל נישט האָבן — אייביק און אויף אַלע דורות וועט די מענטשהייט בענטשן דעם מוט פון די איבערישע העלדן! אייביק און אויף דורות וועט די מענטשהייט בענטשן דעם צופאַל, וואָס אין דער דאָזיקער געפאַלענער תקופה איז געבליבן אַ ווינקל אויף דער וועלט, וואו מיליאָניקע מאַסן האָבן נישט דערוואַרט זייער אויסלייזונג פון קיין גאָט, פון קיין מענטשן-געטשעס, פון קיין ראַ-סיסטישן, רעליגיעזן אָדער מאַרקסיסטישן פאַטאַליזם! אויף אייביק וועלן זיין געבענטשט די נעמען פון סע-ענע-טע און פון פאַי, וואָס האָבן אויסגעלערנט מיליאָנען צו האָבן מוט, גאַרנישט צו דערוואַרטן

פון קיין געטער און פון קיין פירער און אַלץ צו דערוואַרטן פון די אייגענע כוחות, פון דעם אייגענעם ווילן!

פאַר דער גרויסער מערהייט איז די שפּאַנישע טראַגעדיע געקומען אומגעריכט: די פאַרשונדעוועטע וועלט-פּרעסע, וואָס ווייס צו אינפאָרמירן וועגן יעדער פּרינצעסין, וואָס פאַרגייט אין טראָגן, וועגן די רעדעס פון יעדן מיניסטער צי דעפּוטאַט אָדער פירער, וועגן חתונות און גטן פון די קינאָ-שטערן, — די פּרעסע האָט נישט קיין אויג אויף צו זען, וואָס עס טראַכטן און טוען די מיליאָנען אַרבעטנדיקע, וועלכע שאַפן באמת די מענטשלעכע געשיכטע. אין דער גראַנדיעזער און פאַרוואָרצלטער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין שפּאַניע זענען נישטאָ קיין געטשעס, קיין מיניסטאָרן, קיין דעפּוטאַטן, קיין פירער — די קורצזיכטיקע זשורנאַליסטן האָבן באמת נישט געהאַט וואָס צו זען! און ווייל אין שפּאַניע איז די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג דער איינציקער ווירקזאַמער פּראָגרעסיווער כוח, זענען אַלע געשעענישן במשך פון דער לעצטער תקופה אין שפּאַניע אָנגעקומען אומגעריכט פאַר די, וואָס קריגן זייערע ידיעות פון דער קאָמערציעלער אָדער מאַרקסיסטישער פּרעסע. אַזוי איז פאַר זיי געווען אַ סורפּריז דאָס פאַלן פון דער דיקטאַטור. אַ סורפּריז אַלפאָנסאָס אַנטלויפן פון שפּאַניע. אָן אומקלאָרע „כאַאָטישע" סיטואַציע די אַלע ברויזנדיקע קאַמפן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין שפּאַניע פאַר די לעצטע יאָרן. אַפילו איצט אָריענטירט זיך נאָך אַלץ שווער די פּרעסע ביים באַריכטן וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אין שפּאַניע. זיי זוכן אַרום דעם געטש, דעם העלד, אָן וועמען אָנצוטשעפּען די ריזיקע אויפוואַכונג פון די שפּאַנישע מאַסן. די פּרעסע זוכט דעם סוד אין אַסאַניאַס פּערזענלעכקייט, ביי לאַרגאָ קאַוואַליעראָן, אפשר גאָר ביי דער „פּאַסיאָנאַריאַ". זיי האָבן שוין אַפילו דערטאַפּט דעם רענעגאַט אַנכעל פּעסטאַניאַ, וואָס האָט זיך „אַרויפגעכאַפּט" אַזש צו אַ דעפּוטאַט. און דאָס אַלץ איז גערעדט דאָרטן, וואו די פּרעסע זוכט נישט ספּעציעל צו פאַרטושן די געשעענישן לטובת דעם אָדער יענעם צד.

פון די לייט-אַרטיקלען, וואָס זענען דערשינען אין שפּאַנישע אַנאַרכיסטישע זשורנאַלן שוין אָנהייב יולי, קען מען זיך עפּעס דערוויסן וועגן דעם אידעאישן הינטערגרונט פון דער מעכטיקער שפּאַנישער באַוועגונג. אין דער אומרואיקייט פאַרן גורל פון אונדזערע העלדישע שפּאַנישע חברים, וועט אָט די אַפילו אַזוי אויבנאויפיקע באַקאַנטשאַפט מיט זייערע אידעען אַריינברענגען אַ געוויסע באַרואיקונג: עס איז דאָ צו וועמען צו האָבן צוטרויען! די שפּאַנישע חברים האָבן געזען און זעען קלאָר דעם באָדן אויף וועלכן זיי טרעטן, און זיי ווייסן קלאָר וואוהין זיי ווילן גיין. אונדזערע שפּאַנישע חברים האָבן שוין איבערגעלעבט אַ דיקטאַטור, איבערגעלעבט אַ מאָנאַרכיע און אַ דעמאָקראַטיע. 30 טויזנט חברים האָבן געהאַט גענוג צייט אין די תּפיסות אויף צו דערגרונטעווען דעם אינהאַלט פון די „פאָלקס-פראָנטלער”, בעת די פריערדיקע רעגירונג אַסאַניאַ-לאַרגאָ קאַוואַליעראָ האָט זיי געהאַלטן אויף אומזיסטיקע קעסט. קיינער וועט שוין די שפּאַנישע אַרבעטער מער נישט אָפּנאַרן!

און אויף נאָך אַ האָפענונגספולן מאָמענט ווילן מיר אָנווייזן: דער פאַשיסטישער אויפשטאַנד איז נישט געקומען חלילה אין אַ מאָמענט, ווען אונדזער באַוועגונג אין שפּאַניע איז געגאַנגען באַרג-אַראָפּ; אַדרבא, די רעאַקציע האָט געזוכט צו דערטרינקען אין בלוט אַ באַוועגונג, וואָס האָט געהאַלטן אין פולן מעכטיקן שטייגן, און אין אַ שטייגן אין אַזאַ מאָסשטאַב, וואָס די וועלט האָט עס נאָך נישט איבערגעלעבט ביז איצט. אין יעדן נומער פון אַ שפּאַנישער פרייהייטלעכער צייטונג זענען אויסגעוויזן צענדליגער און צענדליגער נייע אָנגעשלאָסענע סינדיקאַטן, ניי-געגרינדעטע גרופּן, נייע יוגנטלעכע צענטערס... דער כסדרדיקער לייענער פון דער שפּאַנישער פרייהייטלעכער פרעסע מוז האָבן דעם איינדרוק, אַז אָן דעם אויפשטאַנד, וואָס די רעאַקציע האָט פּראָוואָצירט, וואָלט די קאַפּיטאַליסטישע און מלוכישע אָרדענונג אין שפּאַניע פונאַנדערגעפאַלן פון זיך אַליין. זי וואָלט פאַרלוירן דעם פונדאַמענט,

מחמת די מיליאָנען אַרבעטער און פּויערים זענען מאַסנווייז אַרי-בערגעגאַנגען צו דער סע-ענע-טע און דער פּאַי.

און נאָך אַ זעלטענע זאַך וואָלט דער אויפמערקזאַמער לייע-נער פון דער שפּאַנישער אַנאַרכיסטישער פּרעסע געמוזט באַמערקן: נישטאָ דאָרטן קיין שום שקר, קיין שום פאַרלוימדונגען אויף אידעאישע קעגנער, קיינע פון די אַלע „שיינקייטן", צו וועלכע דער מאַרקסיסטישער סעקטאָר פון דער סאָציאַליסטישער באַווע-גונג האָט אונדז אַזוי צוגעוואוינט.

און אפשר די וויכטיקסטע זאַך — פון די טריאומפן האָט זיך ביי די חברים דער קאָפּ נישט פאַרדרייט. זיי זענען וועטעראַן-קעמפער, אונדזערע שפּאַנישע חברים! זיי וועלן אויפהאַלטן אָט דעם גייסטיקן און מאָראַלישן גלייכגעוויכט אויך אין אָט די בלוי-טיקע שלאַכטן מיט דער רעאַקציע! מיר מעגן האָפן אויף אַ זיג!

אויגוסט, 1936

דער חשבון נאָך אַ גרויסן יאַריד

און שוין צום צווייטן מאָל פּאַסירט עס, זינט עס איז אויפגעקו־מען ביי אונדז אַ יידישער ישוב, אַז די מאַסן־אימיגראַציע שטעלט זיך אָפּ אויף אַ לענגערער צייט. דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט זיך אויך זיין גוטע זייט — דאָס וואָסער שטעלט זיך אָפּ, ווערט לוי־טערער. מענטשן דערקענען זיך איינע מיט די אַנדערע. די געזעל־שאַפטלעכקייט ווערט סטאַבילער און באַקומט אַן אייגענעם פּנים. שטרעבונגען, וואָס האָבן געווירט אין משך פון פאַרגאַנגענעם גע־רויש, הייבן אָן צו פאַרווירקלעכט ווערן. דער טומל פון די צדדים, וואָס האָבן זיך געשלאָגן פאַר דער העגעמאָניע אין דער אויפקומענ־דיקער געזעלשאַפט, שטעלט זיך איין. מע הייבט אָן צו זען, וואָס אַזוינס קערנדיקס יעדער צד האָט פאַרמאָגט חוצן טומל, וואָס אַזוינס שעפערישס דער צד האָט אַריינגעבראַכט חוץ ווערטער.

דער סך־הכל, וואָס האָט זיך באַקומען נאָכן ערשטן יאַריד פאַר דער מלחמה, איז באמת געווען אַ צוזאַגנדיקער: אין משך פונעם אימיגראַציע־שטילשטאַנד זענען אויפגעקומען כמעט אַלע געזעל־שאַפטלעכע אינסטיטוציעס — בירגערלעכע און פּראָלעטאַרישע — וואָס עקזיסטירן איצט. און אַ גאַנצע רייע אינסטיטוציעס — און דאָס איז דער עיקר — וואָס זענען שוין איצט אויפן עולם־האמת אָדער כמעט ווי אויפן עולם־האמת.

פאַר יענער צייט איז ביי אונדז אויפגעקומען אַ פּרעסע, אַן אָנהייב פון אַ ליטעראַטור, צענדלינגער שיינע און לעבעדיקע ביב־ליאָטעקן, אַ צוזאַגנדיקער אָנהייב פון אַ מאָדערנער שול־וועזן, אַ צענדלינג איינגעפונדעוועטע סינדיקאַטן, אַן אַרבעטער־פאַרבאַנד

פאַר קעגנזייטיקער הילף, אָרגאַניזירטע פּאַרטייען מיט איינפלוס אויפן לעבן, אַן אינטימע כסדרדיקע פאַרבינדונג צווישן די ישובים פון שטאָט און פון פעלד, אַ דראַנג פון יונגן קאָלאָניסטישן דור צו עקספּאַנסיע.

פאַר יענער צייט זענען אויך אויפגעקומען די בירגערלעך־פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטן, די בירגערלעכע האַלבע קאָאָפּעראַטיוועס, רעליגיעזע אינסטיטוציעס, קלובן.

און אָט קומט דער גרויסער פּאַראַדאָקס: דער נאָך־מלחמהדיקער אימיגראַציע־שטראָם האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אויסטערלישן לינקן טומל, און האָט זיך אויסגעלאָזט נישט בלויז נישט מיט קיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכקייט, נאָר ממש מיט אַ פולן חורבן דווקא אויפן פּראָלעטאַריש־געזעלשאַפטלעכן געביט.

אויב עס איז פאַראַן איינער ערגעץ אין אַ וויטן לאַנד, וואָס איז די גאַנצע צייט נאָכגעגאַנגען אונדזער היגע פּרעסע, לעבט ער אַוודאי אונטער אַן איינדרוק, וואָס אַפילו סאַנטשעס סאָראַנדאָ האָט נישט געחלומט צו שאַפן מיט זיין אַכט־טאָגיקער רעדע אין סענאַט. אַ מענטש, וואָס שעפּט זיינע ידיעות בלויז פון אונדזער טומלדיקער, שיין־געשריבענער און זשורנאַליסטיש־טאַלאַנטלאָזער יידישער פּרעסע, דאַרף אוודאי מיינען, אַז וואָס־וואָס, נאָר פון דער יידישער זייט איז אַוודאי אין אַרגענטינע נישט פאַראַן קיין מניעה צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. און נאָך יאָרן לאַנג לייענען, ווי די פּראָלעטאַרישע עלעמענטן האָבן געהאַלטן אין איין פאַרכאַפּן די בירגערלעכע קולטורעלע אַנשטאַלטן און די „געלע" סינדיקאַטן און קעגנזייטיקע הילפס־פאַראיינען, — דאַרף אַזאַ מענטש אוודאי זיין זיכער, אַז די גאַנצע געזעלשאַפטלעכקייט אונדזערע שטייט אונטערן איינפלוס פון די אַרבעטער־מאַסן. מסתמא אונטער דער העגעמאָניע פון כשרע סטאַלינישע קאָמוניסטן.

גייט דערציילט אַזאַ מענטשן, אַז פאַר דער צייט האָבן זיך בלויז אַנטוויקלט און איינגעפונדעוועט אויסשליסלעך הונדערט־

פּראַצענטיקע בירגערלעכע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס. אַז מעכ-טיק איז ביי אונדז געוואָרן די חברה-קדישא, די עזרה, אאז"וו. אַז גרויסאַרטיקע בנינים האָבן פאַר דער צייט אויפגעבויט ביי אונדז די שילן (נישט די וועלטלעך-יידישע שולן און נישט די צווישאַ, נאָר פּשוטע שילן אויף צו דאַווענען). אַז אויפקומען, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, קומען אויף בלויז פאַרשידענע בירגערלעכע ספּאָרט-און פאַרוויילונגס-קלובן. אַז צענדלינגער טויזנטער מיטגלידער האָבן ביי אונדז גראָד די בענק, און נישט קיין אַרבעטער-פאַרבאַנד.

צי וועט אַזאַ מענטש אייך גלויבן, אַז דער אַרבעטער-פאַר-באַנד איז געשטאָרבן? אַז די עטלעכע לעבנגעבליבענע סינדיקאַטן עקזיסטירן בלויז נאָמינעל? אַז די גרעסטע יידישע ביבליאָטעק איז פאַר דער צייט באַגראָבן געוואָרן ערגעץ אין אַ מוניציפּאַלן קאַ-ראַלאָן? אַז די שול-אַרבעט טאָפּטשעט זיך די גאַנצע צייט אין אַ בלאָטע, און אַז אויב אַ „צענטראַלע" אַנאַנסירט די דערעפענונג פון אַ 10טער שול, איז מעגלעך, אַז די ערשטע ניין זענען שוין אונ-טערגעגאַנגען? אַז די השפעה פון די אַרבעטער-מאַסן אויפן היגן יידישן לעבן איז גלייך נול? אַז פאַר די פופצן יאָר, זינט דער נאָך-מלחמהדיקער אימיגראַציע-שטראָם האָט זיך אָנגעהויבן און פאַר-טאָפּלט די יידישע באַפעלקערונג אין לאַנד, זענען אַפילו, אַבסאָלוט גענומען, פאַרקלענערט געוואָרן — און שטאַרק פאַרקלענערט גע-וואָרן — סיי די צאָל פּראָלעטאַרישע און קולטור-אינסטיטוציעס, סיי די צאָל מיטגלידער אין אַזעלכע אַנשטאַלטן?

און פונדעסטוועגן איז איצט שוין נישט מעגלעך צו פאַרליי-קענען די אַלע טרויעריקע אמתן. אין דעם מוטנעם וואַסער פריער האָבן פלינקע און פלאַכע שווימער געקענט ווייזן אַלערליי קונצן און שאַפן פאַר זייטיקע (און אפשר פאַר זיך אַליין אויך) דעם איינדרוק, אַז מיר באַוועגן זיך דאָ אין אַ שטיקל ים. אָבער דאָס וואַסער איז איצט אָפּגעזעצט, און שוין צו שאַרף זעט זיך אַרויס דער פלאַכער און בלאָטיקער גרונט.

די אַלע, וואָס פלעגן זיך ביז איצט באַרימען, אַז זיי „אָריענ-

טירן די מאַסן", מוזן איצט אויך נעמען אויף זיך די אחריות דער־פאַר, וואָס זיי האָבן די מאַסן פאַרפירט אויף אַ לווזשע.

און די, וואָס ווילן נישט רעזיגנירן, די וואָס ווילן נישט פאַר־זינקען אין דער פּוילעניש, — די מוזן קודם־כל אָן קיין שום באַ־וואָרענישן פאַר זיך אַליין מודה זיין, אַז נאָך 50 יאָר אימיגראַציע האַלטן מיר געזעלשאַפטלעך נאָך אַמאָל ביים אָנהייב. די האַרע־פאַשנע געזעלשאַפטלעכקייט דאַרף אויף אַלע פראָנטן אָנהייבן פון דאָסניי!

פעברואַר, 1937

ווען איך וואָלט געווען בלום!...

שלום עליכמס מלמד איז פאַרזונקען געוואָרן איבערן קאָפּ אין קאַסרילעווקער אָרעמקייט און חלומט — ווען ער וואָלט געווען ראָטשילד!... ער איז מאַכטלאָז אַנטקעגן זיין עלנט. ער איז ניט בכוח צו לייזן דאָס פּראָבלעם, וואו צו קריגן פאַר דעם ווייב אַ רובל אויף שבת. אויף זיין שול איז דער דאַך צעלעכערט, און עס רעגנט אַריין אינעווייניק. זיין מקווה איז חרוב. און דער קאַסרילעווקער מלמד ווייס אַפילו נישט פון זוכן אין זיך אַליין די כוחות אויף אויסצולייזן זיך פון זיין געפאַלנקייט. חלומט ער פון פרעמדער עשירות, פון פרעמדן — אמתן צי אויסגעדוכטן — כוח.

דער אַרגענטינישער אַרבעטער-מענטש איז אויך אַריינגעפאַלן אין אַ תהום פון מאַכטלאָזיקייט. ער איז געפאַלן, דער ריז, און זוכט אַפילו נישט ביי זיך אַליין די כוחות אויף אויפצוהייבן זיך. — וואו איז זי, די העלדישקייט פון אַרגענטינישן פּראָלעטאַריער אין 1900 ביז 1910, בעת קריגס-צושטאַנדן, אַכזריותדיקע שנאה פון די רעגירער, רעגנס פון בליי און אַ מבול פון דעפּאָרטאַציעס האָבן נישט געבויגן דעם קאָפּ פון אַרגענטינישן אַרבעטער? וואו איז די שטורמישע ענערגיע זיינע פון 1916 ביז 1921, וואָס האָט דורך פייער און דורך תפיסות זיך דורכגעריסן און אויפגעהויבן די ווירדע פון דעם אַרבעטנדיקן?

איצט ליגט ער, דער אַרגענטינישער פּראָלעטאַריאַט, אַ גע-פאַלענער. און ער וואָלט אפשר אַליין נישט געוואוסט, ווי געפאַלן ער איז, ווען עס מאַכט זיך נישט דער שטורעם אין שפּאַניע. ער-געץ אַנדערש, דערציילט מען (פון דעם היגן זומפּ אַרויס איז עס אַפילו שווער צו גלויבן), האָט דער שפּאַנישער שטורעם אויפגע-

רודערט די מאַסן. עס ברויזט דער פראַנצויזישער פּראָלעטאַריאַט. אַפילו וועגן דעם פלעגמאַטישן ענגלאַנד דערציילט עמאַ גאָלדמאַן, אַז טויזנטער קומען צו אירע רעפעראַטן אויף אַזעלכע ערטער, וואו זי וואָלט פריער נישט דערוואַרט קיין צענדלינגער. אַפילו די דער-דריקטע איטאַליענישע און דייטשע מאַסן, הערט מען, הייבן אָן אויפצוהויבן אַ קאָפּ. נאָר דער אַרגענטינישער אַרבעטער איז דווקא איצט געפאַלן ווי קיינמאָל ניט פריער דאָ. אפשר ווי קיינמאָל ניט ערגעץ אַנדערש אויך ניט.

די איינציקע רעאַקציע, וואָס דער אַרגענטינישער אַרבעטער ווייזט אַרויס לגבי דעם פאַל שפּאַניע, איז צו קריטיקירן בלומען, צו חלומען, וואָס ער וואָלט געטאָן, ווען ער וואָלט געווען בלום... יאָ, זיי זאַמלען נאָך סענטן און צו ביסלעך אַפּגעטראָגענע וועש „פאַר דער העראָאישער שפּאַניע". זייער ווייניק סענטן און ווייניק אָפּגע-טראָגענע וועש. און די סענטן גייען נאָך דורך דאָס רוב דורך די דעמאָראַליזירטע הענט פון „פירער", וואָס דער עיפּוש, וואָס זיי מאַכן, איז פיל גרעסער ווי דער נוצן, וואָס זיי קענען ברענגען. אין געפאַלענע צייטן, זעט איר דאָך, קען געמאָלט זיין, אַז עס זאָל עיפּושן אַפילו אָרעמע געלט, וואָס קומט פון כשרע פאַרהאָרעוועטע הענט.

סאַי-ווי-סאַי, וואָס פאַר אַ ווערט קענען האָבן די אַלע זאַמ-לונגען אַנטקעגן דער איין שיף „קאַבאָ סאַן אַנטאָניאָ", וואָס די אַר-גענטינישע אַרבעטער האָבן געדאַרפט אָפּראַטעווען און נישט אָפּ-געראַטעוועט? און וואָס פאַר אַ מאָראַלישן ווערט קענען האָבן די אַלע זאַמלונגען לגבי דעם דערדריקנדיקן פאַקט, וואָס די היגע אַר-בעטערשאַפט האָט נישט באַוויזן קיין איין זשעסט אין דעם פאַל מיט דער דאָזיקער שיף? צי אפשר פאַררעכענען דעם זשעסט פון די פירער פון דער סע-כע-טע, וואָס זענען געגאַנגען מיט אַ וויזיט צו קאָסטיזשאָן (צו קאָסטיזשאָן!!!) און געבעטן אים, אַז ער זאָל דעפּאָרטירן (דעפּאָרטירן!!!) די מאַנשאַפט פון „קאַבאָ סאַן אַנ-טאָניאָ"?

די היגע אַרבעטער האָבן נישט געקענט אַריינפירן זייער שיף אין פּאָרט אַריין. זייערע הענט האָבן נישט געקענט אַנלאָדן די שיף מיט ברויט פאַר זייערע באַרצעלאָנער חברים. אָבער די היגע פּריצים שיקן שיפן מיט ברויט, שיפן מיט פלייש, מיט קליידער, מיט עראָפּלאַנען פאַר די שפּאַנישע קאָלעגן זייערע, וואָס זענען פאַרנומען מיט דער הייליקער אַרבעט פון אויסראָטן דאָס ווידער-שפּעניקע פאָלק. און אַרגענטינישע אַרבעטער לאָדן קאַמיאָנען, פירן צו די פּריצישע מתנות צום פּאָרט, לאָדן אָן מיט זיי די שיפן, באַגלייטן די שיפן פון פּאָרט אַרויס. און קיין א יי ן זשעסט קענען אָט דער גאַנצער העסלעכקייט איז נאָך נישט באַוויזן געוואָרן! רואיק לאָזן אַראָפּ די היגע אַרבעטער אין די קעשענעס אַריין דעם מאָגערן שכר, וואָס זיי קריגן פאַר זייער הילף צו קוילענען זייערע שפּאַנישע ברידער!

„פירער" פון אַזעלכע אַרבעטער מעגן טאַקע גיין — ניין, זיי דאַרפן טאַקע גיין — באַגריסן פרעסקאָן צום יאָרטאָג, בעת ער איז דורך שווינדל און דורך שקר און דורך בלוט דערהויבן געוואָרן צו דער מאַכט איינצופירן פולן פאַשיזם דערוויל בלויז אין איין פּראָווינץ! זאָל לעבן די סע-כע-טע! זאָל לעבן די „אַרבעטער-איינ-הייט"! און אַ גדולה אויף אים, אויף דעם סטאַלינישן פּאַרטרעטער צווישן פרעסקאָס באַגריסער, אויף דעם לאַנד-חכם פּיאָראָוואַנטי, וואָס פאָלגט אַפילו, ווען מע שיקט אים זיך אונטערלעקן צו פרעסקאָן!

ביי אַזוי פיל מאַכטלאָזיקייט, איז נישט קיין וואונדער, וואָס די היגע אַרבעטערשאַפט לאָזט אויס אירע חלומות אויף בלומס כוח. די פוסטקייט פון די חלומות און טענות צו בלומען ווערן נאָך אייטעלער, ווען מען געדענקט, אַז בלומס כוח איז אָן אויס-געדאַכטער. — ווי גיך, ווי אומגליקלעך גיך מען האָט פאַרגעסן די אַמאָליקע „פאָלקס-פראָנט"-רעגירונגען אין דייטשלאַנד, אין פּוילן, אין עסטרייך, אין איטאַליע! דעם נאַרוואַסיקן שווידערלעכן דורכפאַל פון דער פאָלקס-פראָנט-רעגירונג אין שפּאַניע!

ביי אַזוי פיל שענדלעכער פּחדנות, איז נישט קיין וואונדער,

וואָס די חלומות פונעם אַרגענטינישן אַרבעטער זענען אַזעלכע אַכזריותדיקע: ווארעם דעם קאַסרילעווקער מלמדס חלומות זענען לפּחות געווען לויטערע, מענטשלעכע — ער וואָלט מיט ראַ־טשילדס געלט איינגעפירט שלום אויף דער גאַנצער ערד! אָבער דער אַרגענטינישער אַרבעטער, וואָס האָט נישט געהאַט קיין מוט אַפּצוזאָגן זיך פון אַ קלעגלעכן לוין פאַר אַנלאָדן געווער קעגן זיינע שפּאַנישע חברים, — ער האַלט אין איין „רעקאָמענדירן" בלומען אָנצוצינדן אַ וועלט-מלחמה, כדי מוסאָלינים מענטשן זאָלן נישט לאָדן קיין געווער פאַר די שפּאַנישע פּריצים און גענעראַלן. און די ווילדסטע חלומות ווערן נאָך ווילדער, בעת מען גערענקט, אַז מען קען גאַרנישט העלפן די, וואָס ווילן נישט העלפן זיך אַליין; בלויז דער זיגער נוצט אויס דעם זיג. און אויב די שפּאַנישע חברים וואָלטן געהאָלפן ווערן בלויז מיטן חסד פון דער פראַנצויזישער צי דער ענגלישער אָדער דער רוסישער רעגירונג, — דעמאָלט וואָלטן אונדזערע חברים אין שפּאַניע אומזיסט געהאַט פאַרגאָסן זייער בלוט!

די ווילדסטע חלומות וועגן פרעמדן כוח קומען פון אייגענער מאַכטלאָזיקייט און פון אייגענער פּחדנות. — אָבער פון וואַנען קומט צום אָמאָל העראָאישן אַרגענטינישן אַרבעטס-מענטשן אַזאַ עלנטע מאַכטלאָזיקייט און אַזאַ שענדלעכע פּחדנות?

— די עלנטע מאַכטלאָזיקייט און די שענדלעכע פּחדנות קו־מען צום אַרגענטינישן און צום אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער פון ווילדסטע חלומות וועגן פרעמדן כוח! עס איז דער פּרייז, וואָס די אַרבעטערשאַפט צאָלט, ווייל זי האָט געלאָזט פאַלן אונטערן קנאַפּל פון אַ קליקע די גרויסע דערגרייכונגען פון צענדליגער מיליאָנען העראָאישע מענטשן — די רוסישע רעוואָלוציע, וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ התחלה פון אויסלייזונג און האָט זיך אויסגעלאָזט ווי אַן אָנהייב פון פאַרשקלאַפונג, פון דיקטאַטורן, און במילא פון געמיינקייט, פון געפאַלנקייט, פון פּחדנות, פון דעמאָראַליזאַציע.

צי מיר וואָלטן נישט געוואָלט אין דער איצטיקער שטאַק־

פינצטערניש אויפזוכן אַ שטראַל האָפענונג? — אָבער מיר זעען בשום אופן נישט איין קיין אויסוועג צו ליכטיקערע צייטן, כל-זמן די מענטשהייט וועט גלויבן אין משיחים, כל-זמן די מענטשן וועלן נישט פילן יעדער איינער קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיך אַליין.

און דער דאָזיקער איינציקער ליכטיקער מאָמענט אין די איצטערדיקע פינצטערע צייטן — דער העראָאישער ווידערשטאַנד פון די שפּאַנישע חברים, — פאַר אים דאַרפן מיר דאָך אויך דאַנקען בלויז דעם גליקלעכן אויסנאַם-פאַקט איצט, וואָס אין שפּאַניע לעבן מיליאָנען אַרבעטער, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט פאַרבלענדן פון חלומות וועגן „גוטע" דיקטאַטאָרן און וועגן דעמאָקראַטישע „פאָלקס-פראָנט"-רעגירונגען!

אַפּריל, 1937

צום 1טן מאַי 1937

דער 1טער מאַי איז אויפגעקומען מיט פופציק יאָר צוריק אין פייער, מיט הייסן קאַמף, זודיקן דראַנג צו אַ מענטשלעכן צוזאַמענלעבן צווישן מענטשן. פון אַ וואולקאַן איז דער 1טער מאַי אויפגעשטיגן. די אין משך פון דורות און דורות פאַרשטיקטע כוחות פון די באַגראַבענע ארבעטנדיקע מאַסן האָבן זיך אַרויסגעריסן מיט שטורעם און פאַרלאַנגט זייער רעכט. פינף תליות פון פינף וואונדערשיינע אַנאַרכיסטן האָבן באַצירט דעם 1טן מאַי און געמאָנט מוט און יושר און ווירדע און אומאויפהערלעכן קאַמף, ביז פון דער פאַראומווירדיקטער מענטשהייט פון הארן און קנעכט, פון איבערגעפרעסענע און הונגעריקע, וועט אויפקומען אַ געזעלשאַפט פון פרייע און גלייכע און ווירדיקע.

„דער ערשטער מאַי זאָל בלייבן אַ טאָג פון פראָטעסט קעגן אונטערדריקונג און עוולה און פון קאַמף פאַר פרייהייט און יושר, ביז פרייהייט און יושר וועלן זיגן אויף דער וועלט!" — האָבן דערקלערט די אַנאַרכיסטן.

„דער ערשטער מאַי זאָל זיין אַן אַרבעטער-יום-טוב!" — האָבן נאָכגעגעבן די מאַרקסיסטן. זיי האָבן עס געמאַכט ביליקער און זיי האָבן עס פאַרביליקט. עס איז די אייביקע טאַקטיק פון די מאַרקסיסטן: זיי לאָזן פאַר וועלוועלער. עס איז די טאַקטיק פון פּאָליטיקער, פון פיליסטערס, וואָס האָבן אין די שענסטע, אַלטרואיסטישע יוגנטלעכע חלומות קיינמאָל נישט אויסגעלאָזט דעם קרעמערישן חשבון צו אָפּלעקן אַן עגאָאיסטישביינדל: אַרויפאַרבעטן זיך אויף אַ פירער צי אַ הערשער, אַ סענאַטאָר צי אַ דעפּוטאַט, אַ ראַטמאַן צי אַ פונקציאָנאַר אין דער „סאָציאַליסטישער" מלוכה.

זיי האָבן אַרויסגעלאָזט אויפן מאַרק אַ ביליקן 1טן מאַי — „אַ יום-טוב אַזאַ!": נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. די אַרבעטער מעגן רואיק קומען אויף זייערע פּאַראַדן. עס וועט זיין אַ „קולטור-רעלער" אַקט, אָן טומל, אָן „שוויצעריי" — פּאַר וואָס זאָל עפּעס די פּאָליציי זיי שטערן? — און אין דער אמתן האָט זיי די פּאָליציי נישט געשטערט. אדרבא, זיי האָט אויך געלוינט דער מאַרקסיסטישער 1טער מאַי: ער איז ביליקער פונעם אַנאַרכיסטישן, און ער העלפט, אדרבא, אָפּצוציען די מאַסן פון „געפערלעכע וועגן".

און די פּאָליציי אין אַרגענטינע האָט אָנגעווענדט די טאַקטיק, וואָס מען האָט געדאַרפט דערוואַרטן פון איר: באַשיסן די אַנאַרכיסטישע מאַניפעסטאַציעס און באַוואַכן די מאַרקסיסטישע. די אַנאַרכיסטישע מאַניפעסטאַציעס זענען געווען שלאַכטן; די מאַרקסיסטישע זענען געווען און זענען יום-טובים, מיט מוזיק, מיט געמיטלעכקייט, מיט צירלעכע מאַנערן און מיט צירלעך-מאַנירלעכע באַרואיקנדיקע רעדעס. ווען די פּאָליציי האָט דערלויבט, האָט מען די פּאַראַדן באַשיינט אַפילו מיט רויטע פענער אויך.

און צוליב וואָס פאַרלייקענען די פּחדנות און די זעלבסטנאַרעריי פון די מאַסן? — די יום-טובים האָבן לאַנגזאַם „געזיגט איבער די שלאַכטן". בפרט, זינט די סאָציאַליסטן זענען אַריין אין פּאַרלאַמענט, און זענען אַזוי אַרום געוואָרן אַ צד ביים טיש: מען איז זיכערער געוואָרן, אַז אויף זייערע פּאַראַדן וועט קיין קאַמף נישט זיין.

און אַז די הערשער האָבן דערשמעקט דעם געפאַלענעם מוט פון די מאַסן, האָט מען די אַנאַרכיסטישע מאַניפעסטאַציעס אין גאַנצן פאַרבאָטן. — אוים קאַמף די 1טע מאַיען. — בלויז יום-טוב איבערגעלאָזט.

און טאַקע אין דער זעלביקער צייט, בעת אַלע אַנאַרכיסטישע מאַניפעסטאַציעס זענען פאַרבאָטן געוואָרן, האָט די רעגירונג דערקלערט דעם 1טן מאַי פאַר... אַן אָפיציעלן יום-טוב-טאָג. עס איז געווען אַ גוט אויסגערעכנטער רידל ערד אויפן ערשטן

מאַי: — דער טאָג פון פראָטעסט קעגן די תלינים איז פון די תלי-נים גופא דערקלערט געוואָרן פאַר אַן „אַלגעמיינעם" יום-טוב, פאַר די הענקער און פאַר די געהאָנגענע. די קירכע האָט צוגעפּוצט די מתנה — איינגעפירט ספּעציעלע מעסן לכבוד דעם „טאָג פון די אַרבעטער".

פאַרשטייט זיך, אַז די מאַרקסיסטישע דעפּוטאַטן האָבן אויך געשטימט פאַרן געזעץ צו דערקלערן דעם 1טן מאַי פאַר אַן אָפיציעלן רו-טאָג: נישט אומזיסט האָבן אַרבעטער געשטימט פאַר זיי. די מאַרקסיסטישע דעפּוטאַטן האָבן מיטגעהאָלפן צו פאַרביליקן דעם 1טן מאַי ביז וועלוועלער פון אַ שיבוש.

אָבער אַ ביליקער 1טער מאַי איז נישט קיין 1טער מאַי. מיט געמיטלעכער פּחדנות דערשלאָגט מען זיך נישט צו קיין ווירדע. בעסער ווי אַלע האָבן עס פאַרשטאַנען די תלינים. — און די גרוי-סע מאַי-מאַניפעסטאַציעס פון די לעצטע יאָרן האָבן נאָך נישט אָפּגעשטעלט קיין איין דעפּאָרטאַציע, קיין איין אַרבעטער-קעמ-פער נישט באַפרייט פון תפיסה, אַפילו קיין שטויבל „דעמאָ-קראַטיע" אויך נישט אָפּגעשריען. — די גרעסטע מחנות פון יום-טובדיקע מאַרשירער באַאומרואיקן די הערשער ווייניקער (און מיט רעכט), ווי דער קלענסטער קאַמפּס-מאַרש.

ווי רעאַגירן די מאַרקסיסטן אויף דעם רעאַקציאָנערן אַוואַנס? — ווי תמיד: זיי האָבן אַרונטערגעלאָזט נאָך וועלוועלער. איצט זינגט מען שוין אויף די ערשטער מאַי-פאַראַדן דעם נאַציאָנאַלן הימן און מען מאַרשירט שוין מיט נאַציאָנאַלע פענער (די רויטע פענער האָט די רעגירונג פאַרבאָטן) און מען רעדט שוין „פּאַטריאָ-טישע" רעדעס.

גייט עס דען אום דעם נאַציאָנאַלן הימן, צי אין די נאַציאָ-נאַלע פענער, צי אום די „פּאַטריאָטישע" רעדעס פון די מאַרקסיס-טישע פּיליסטערס? — דער עיקר איז דאָך, וואָס, ווי אידיאָטיש אַ מאַרקסיסטישער דעפּוטאַט צי סענאַטאָר זאָל נישט ווערן, בלייבט אים דאָך אַלץ גענוג שכל אויף צו פאַרשטיין, אַז אָט די אַלע זאַכן

האָבן נישט קיין שום שייכות מיטן ערשטן מאַי. אַז פֿאַר אָט די זאַכן זענען פֿאַראַן באַזונדערע יום-טובים.

עס גייט אום דעם, וואָס, מיטן אַריינברענגען דעם דאָזיקן וואָלוועלן פּאַטריאָטיזם נישט אין צייט, האָט מען אין דער אמתן אַריינגעבראַכט אויף די ערשטער מאַי-פּאַראַדן פּחדנות. די אַרגענ-טינישע פֿאָן אויפֿן ערשטן מאַי-פּאַראַד ווערט אַ פֿאָן פֿון פּחדנות. און די „פּאַטריאָטישע" רעדעס פֿון די מאַרקסיסטישע „פֿירער" און „פּאָטערס פֿונעם פּאָטערלאַנד" ווערן אויסשטעלונגען פֿון העס-לעכער פּחדנות, וואָס דערמוטיקט דעם שונא, וואָס נעמט צו ביים שונא דאָס לעצטע ביסל אַכטונג פֿאַר דער „טשוסמאַ" מיט זייערע „פֿירער" אין איינעם.

אָט וואָס עס איז געוואָרן פֿונעם 1טן מאַי פֿון איין אַרונטער-לאָזן דעם מקח ביז צווייטן. — אַ טאָג פֿון טייוולאָנישער שמחה פֿאַר די תלינים! אַ טאָג פֿון ציינקריצעניש פֿאַרן אמתן סאָציאַליסט!

וואָס וואָלטן אויף אַזאַ ערשטן מאַי געזאָגט די אַלע קדושים, וואָס האָבן מיט זייער בלוט און מיט זייער חלום געהייליקט דעם דאָזיקן טאָג?

צי וואָלט נישט גלייכער געווען, אַז איידער אַזאַ ווייסטן סוף, זאָל דער ערשטער מאַי אין גאַנצן אָפּגעשאַפֿט ווערן ווי אַן אַרבע-טער-טאָג? אָדער אָפּגעשטעלט ווערן און בלייבן ווי אַ ליכטיקער אָנדענק, ווי אַ העלע אָנרעגונג, ביז עס וועט קומען אַ דור, וואָס וועט ווערט זיין און וועט קענען פֿייערן דעם טאָג ווי געהעריק?

★

דער ערשטער מאַי דערמאָנט און מאָנט פֿאַר דער געשיכטע פֿון פֿופֿציק יאָר טיטאַנישע אַרבעטער-קאַמפּן, פֿאַר פֿופֿציק יאָר חלומות און קרבנות פֿאַרן סאָציאַליזם.

ביטער זענען אין דער איצטיקער געפֿאַלענער צייט די זכרו-נות, און שווער ווי בליי איז דער חוב. — **מאַכט עס נישט לייכטער!**

די מיליאָנען קרבנות, וואָס זענען אומגעקומען אין די שלאַכטן

פּאַרן סאָציאַליזם, זענען געשפּענסטער, וואָס מאַנען זייער אויס-לייזונג — אַזוי דאַרף מען עס זען! מאַכט זיך נישט לייכטער!

ווערעם דער סאָציאַליזם האָט פאַרלוירן אַ סך וויכטיקע און ענדגילטיקע שלאַכטן, דער סאָציאַליזם איז דערפירט געוואָרן ביזן ראַנד פון באַנקראָט אין די הערצער פון די מאַסן, אויך דערפאַר, וואָס מען האָט אים ביליק געמאַכט.

און ווידער אַמאָל זענען עס די מאַרקסיסטן, וואָס האָבן אָראָפּ-געלאָזט פון מקח. די מאַרקסיסטן האָבן — אומבאַוואוסטזיניק אין אַנדערע פאַלן, באַוואוסטזיניק אינעם רוב פאַלן — קאָנקורירט מיט ביליקן סאָציאַליזם. ווי אַלע עגאָאיסטיש-אַמביציעזע, וואָס האָבן אייגננוצלעכע אויסזיכטן ביי דער זייט, האָבן זיי מקריב געווען דעם עיקר פאַר לייכטערן אויסערלעכן דערפאָלג.

דער הייליקער פּאָול האָט אַמאָל צוגעשטעלט דער עדה אַ בי-ליקן קריסטנטום. אַזאַ פּנים און אַזאַ נשמה האָט באַקומען דאָס קריסטנטום! דער משיח, וואָס אַט דאָס קריסטנטום זאָל האָבן געהאַט געבראַכט, איז געבליבן אויף יענער זייט פון זייער רעליגיע.

אויך די מאַרקסיסטישע פירער האָבן געשאַפן אַ פּילמיליאַ-ניקע „סאָציאַליסטישע" באַוועגונג, וואָס האָט דעם סאָציאַליזם ערגעצוואו פאַרלאָרן. מען טאָר נישט מיד ווערן עס אויפצוקלערן די מאַסן, כדי דער מיזעראַבלער דורכפאַל פון מאַרקסיזם זאָל נישט צוגעשריבן ווערן דעם סאָציאַליזם. כדי די מאַסן זאָלן זיך אומזיסט נישט אַנטוישן אין סאָציאַליזם.

דער מאַרקסיזם האָט באַלד פון אָנהייב זיך אויסגעאַרבעט אַזאַ פילאָזאָפיע, וואָס זאָגט צו דעם גן-עדן פאַר גאָרנישט. די גרינדער פונעם מאָדערנעם סאָציאַליזם, יענע ריזן, וואָס די מאַרקסיסטן האָבן, מיט דער גדלות פון קליינע מענטשן, אַ נאָמען געגעבן „או-טאָפּיסטן", האָבן געמאָנט ביי די מאַסן מאָראַלישע הייך, ווילן, קרבנות-גרייטקייט, בונטאַרישקייט. די מאַרקסיסטישע „דיאַלעק-טיק" האָט נישט בלויז מבטל געמאַכט די דאָזיקע אַלע „קליינביר-גערלעכע פאָראורטיילן", נאָר זי האָט דעם מענטשן גופא מבטל גע-

מאַכט ביז נול. אַ גליק, וואָס דער לענינזים האָט צוריקגעקערט עפּעס דעם ווערט פון מענטשלעכן ווילן — ווען נישט, וואָלט דער מאַרקסיזם געווען די ביליקסטע רעליגיע אויף דער וועלט. אַ רע־ליגיע, פאַר וועלכער מען קרייציקט נישט און מען ברענט נישט, פאַר וועלכער די פיליסטערס וואַרפן אַפילו קיינעם נישט קיין שטיינער אין די גאַסן. אַ רעליגיע, וואָס שטערט קיינעם נישט צו־צופּאַסן זיך צו וועלכער נישט איז סביבה, וואָס שטערט נישט קיין איין עגאָאיסטישע נייגונג, וואָס פאַרווערט נישט אַמאָל אַפילו אַ פּאַפּיראָס אויסצורויכערן אין אַ שבת.

אָבער אַ ביליקע רעליגיע טויג נאָר פאַר ביליקע מענטשן. און ביליקע מענטשן קענען קיין סאָציאַליזם נישט איינפירן, דאַרפן בכלל נישט האָבן קיין סאָציאַליזם. באמת, קיין שום מאָדערנע רעליגיע האָט נישט מתיר געווען אַזוי גרינגצושאַצן דעם מענטשן, ווי — סאַראַ ביטערע איראָניע! — דאָס האָבן געטאָן די אַזוי־גערופענע „סאָציאַליסטן".

צו וואָס דאַרף מען סאָציאַליזם פאַר מענטשן, וועלכע מען מעג אָפּנאַרן אויף די העסלעכסטע אופנים? וועלכע מען מעג באַצווינגען ערגער ווי אַמאָל די שוואַרצע שקלאַפן? וועלכע מען מעג אויסשלאַכטן, ווי אין קראַנשטאַט, און פאַר וועלכע מען מעג אינסצענירן אַזעלכע פּראָצעסן, ווי קעגן די טראָצקיסטן?

עס איז נישט קיין וואונדער, וואָס ביז איצט האָבן מאַסן־אויפשטאַנדן זיך צעפלאַקערט בלויז אין די „צוריקגעשטאַנענע" לענדער, ווי רוסלאַנד, ווי כינע, ווי אינדיע: אין יענע לענדער האָט די מאַרקסיסטישע „דיאַלעקטיק" נישט באַוויזן אָפּצוטעמפּן דעם ווילן ביי די מאַסן. און עס איז נישט קיין וואונדער, וואָס איבערן איצט שוואַרצן האָריזאָנט איז אַ ליכט אויפגעגאַנגען גראָד און בלויז פון שפּאַניע — עס איז איצט דאָס איינציקע לאַנד אין דער וועלט, וואו די מאַסן האָבן אין זייער איבערוועגנדיקער מערהייט זיך נישט געלאָזט פאַרבלענדן פונעם מאַרקסיסטישן פאַטאַליזם, זיך נישט געלאָזט פאַרפירן פונעם דעמאַגאָגישן מאַרקסיסטישן

„פירער". שפּאַניע איז איצט דאָס איינציקע לאַנד, וואו די מאַסן האָבן נישט איינגעהאַנדלט קיין בּיליקן סאָציאַליזם!

*

און מיר האָבן געבראַכט שפּאַניע נישט בלויז, ווייל עס איז דאָס לאַנד, וועגן וועלכן די אַרבעטערשאַפט דאַרף היינטיקן 1טן מאַי זייער אַ סך טראַכטן, און פאַר וועלכן, די הויפּטזאַך, די אַרבעטערשאַפט דאַרף זיך אַ סך צוזאָגן: — ניין, נישט בלויז גראַשנס, נישט בלויז דיסקוסיעס, אוודאי נישט קיין אונטערטעניקסטע ביטעס ביי קאָסטיוזשאַן...

מיר דערמאָנען שפּאַניע, מחמת „בּיליקער סאָציאַליזם", די מאַרקסיסטן פון כלערליי מינים, האָבן שוין אָנגעהויבן דאָרטן זייער טייוולאַניש-העסלעכן שפּיל. ווי אין רוסלאַנד אַמאָל, ווילן די מאַרקסיסטישע „פירער" איינקאַסירן פאַר זייער ערנגייציקייט, פאַר זייער הערשונגס-זוכט, פאַר זייערע קליינע פיליסטערישע אַמביציעס, די פּרוכטן, וואָס זאָלן אויסוואַקסן פון ווילנס, וואָס זיי האָבן נישט געפלעגט, פון אַ העראָאישן מאַסן-אויפשטאַנד, פאַר וועלכן זיי זענען אַזוי פאַראַנטוואָרטלעך, ווי סריסים פאַר עמיצנס קינדער...

זאָל זיך קיינער נישט נאַרן! אונדזערע חברים דאָרטן ליידן דערווייל איבער די פּראָוואָקאַציעס מיט דער רואיקייט און באַזאַכטקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר העלדן. אָבער די, וואָס נאַרן איצט אַ וועלט מיט זייער כלומרשטער „איינהייט", גרייטן זיך און חלומען שוין פון פאַרוואַנדלען באַרצעלאָנאַ אין אַ צווייטער קראָנשטאַט. די דאָזיקע הכנות זענען נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן נאָך דעם, ווי די שפּאַנישע אַרבעטער-מאַסן האָבן צעקלאַפּט די איטאַליענישע אַרמיי ביי גוואַדאַלאַכאַרא און קאָרדאָבאַ. די „פירער", וואָס האָבן איבערגעלאָזט זייער „סטאַדע" אויף הפקר און זענען אַנטלאָפן פון מאַדריד אין צייט פון סכנה, האָבן זיך איצט דערפילט איבעראַניים פאַר „העלדן".

נאָך נישט קיין צייט פּאַר צופיל איינצלהייטן. אָבער שוין פון איצט דאַרף מען זיך ריכטן און גרייטן אויף אַ קאַמף, וואָס וועט קומען נאָכדעם, ווי די שוואַרצע פאַשיסטן וועלן ווערן באַזיגט. אויף אַ קאַמף, וואָס די „ביליקע סאָציאַליסטן" וועלן אָנהייבן בשותפות מיט די בירגערלעכע פּאַרטייען. די „פירער" וועלן זיך נישט אָפּזאָגן פון מאַכט, אפילו ווען זיי זאָלן דאַרפן אויסקוילען אַ האַלבע שטאָט. זיי זענען נישט בעסער ווי די שוואַרצע פאַשיסטן — שיידעמאַן און נאָסקע האָבן עס באַוויזן. טראָצקי און סטאַלין האָבן עס באַוויזן.

מען דאַרף זיך גרייטן פּסיכאָלאָגיש צו יענעם ענדגילטיקן מאָמענט. — מען דאַרף געדענקען, אַז די „עפנטלעכע מיינונג", אפילו די (און גראָד די!), וואָס לעקט איצט אָפּ דאָס בלוט פון די הענט פון די פאַשיסטישע מערדער, — אָט די „עפנטלעכע מיינונג" וועט אויסלופּטערן איר גאַנצן שמוציקן כלי-זין לטובת די „ביליקערע" סאָציאַליסטן.

ווי וואָלט געווען צום סאָציאַליזם אויף צענדליגער יאָרן, אויב די „פירערישע" אַמביציעס זאָלן זיגן! אָבער צום גליק פאַרן סאָציאַליזם, האָבן אונדזערע חברים אין שפּאַניע צו פיל געלערנט פון רוסלאַנד, פון איטאַליע, פון דייטשלאַנד. זיי האָבן צו פיל אינ-טעליגענץ, צו פיל דערפאַרונג, צו פיל ווילן, אויף צו דערלאָזן, אַז וועלכער נישט איז „פירער" זאָל אויסנוצן פאַר זיך די קרבנות, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן פאַרן **סאָציאַליזם!**

מאַי, 1937

קאַסאַנדראַס גורל

קאַסאַנדראַן, דער טראָיאַנישער פּרינצעסין, האָבן די געטער פאַרשאָלטן, זי זאָל קלאָר פאָרויסזען אַלע אומגליקן, וואָס וועלן קומען אויף איר שטאָט, זי זאָל וואָרענען אין צייט קעגן די קומענדיקע סכנות, אָבער קיינער זאָל איר נישט גלייבן.

דער גורל פון די אמתע סאָציאַליסטן אין זייער קאַמף קעגן שקר איז נישט קיין פיל פריילעכערער ווי קאַסאַנדראַס: דער שקר איז פאַרטראָטן פון מאַכט-אוזורפּירער און קאַפּיטאַל-אוזורפּירער. דער ליגן האָט די מאַכט און דאָס גאָלד צו שרייען און פאַרשרייען אַ וועלט. ער האָט די פּרעסע, די ראַדיאָ, דעם קינאָ, דעם טעאַטער, די פּאַרלאַמענטאַרישע טריבונעס. און די מאַכט צו שטיקן דעם קול פון די, וואָס זאָגן דעם אמת, און צו באַשטראָפן די, וואָס הערן זיך בלויז צו צום אמת. דער ליגן האָט נישט קיין אייגענעם געוויסן, וואָס זאָל אים שטערן, און ער קאָן קויפן פרעמדע געוויסנס: טייערערע קויפט ער פאַר אַ סך געלט, פאַר אַ מיניסטער-שטעלע, פאַר אַ קאָמיסאַריאַט, פאַר חניפה אויף אַן אוניווערסאַלן מאַסשטאַב. פאַר גאָר ביליקע זענען פאַראַן גראָשנס, איז פאַראַן אַ שטעלע פון אַ ווייזשילאַנט, אַ „פירערשאַפט” אין בייטלמאַכער-סינדיקאַט. דער שקר האָט נאָך דערצו אַ גרויסן טראַדיציאָנעלן כוח — שוין הונדערטער דורות מענטשן פאַלן אויף די קני פאַר דעם גאָלדענעם קאַלב און פאַרערן די, וואָס האַלטן אַ קנוט אין האַנט. מיט יראת הכבוד און מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם הערט די גרויסע מערהייט אויס יעדע חכמה אָדער נאַרישקייט, וואָס קומט אַרויס פון אַ גאָלד-זאַק אָדער מאַכט-האָבער, בעת „דעם אָרעמאַנס טענות קלינגען ווי הילצערנע גלעקער” אפילו צווישן די אָרעמע גופא.

און אין סך-הכל באַקומט זיך, אַז דער שקר האָט די געלעגנהייט צו פאַרשרייען מיט טויזנט קולות איטלעכס אמתע וואָרט.

פאַראַן נאָך אַ פּיל מעכטיקערער פאַקטאָר, וואָס דינט אויס-שלימלעך דעם שקר — דעם פאַלשן נביאם ווערטער זענען שטענ-דיק באַרואיקנדיקע. זיי וועקן נישט דעם געוויסן און זיי שטערן נישט קיינעמס זיסע חלומות. צי איז דען נישט לייכטער פאַרן דורכשניטלעכן דייטש צו לאָזן פאַרוויגן זיין עלנט לעבן פון אַ האַלב-הונגעריקן שקלאַף מיט די פאַרשיכורנדיקע רייד פונעם נאַציישן נביא? צי וואָלט אַזאַ איינער גאָר געקאָנט לעבן אין באַרוטע מי-נוט, ווען ער זאָל צולאָזן צו זיין באַוואוסטזיין דעם פולן אמת וועגן זיין לאַגע?

אַז עלנטע מענטשלעכע לעבנס פאַרטאַיען זיך אין אַ זיסן שלאָף, קומט אָן אַפילו דער דונערנדיקסטערווירקלעכקייט שווער צו פונאַנדערטשוכען זיי. צי דאַרף מען זוכן אַ ביישפּיל דערצו פון שבתי צבים צייטן, בעת טויזנטער יידן האָבן זיך מיט ציין און נעגל איינגעקלאַמערט אין זייער משיח-חלום און נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון אים אַפילו נאָך דעם, ווי זייער משיח האָט אַזוי ווע-רעמדיק באַנקראָטירט? אַז אָט קענט איר איצט גופא צוקוקן זיך, ווי מיליאָנען קלעגלעך-אָפּגענאַרטע פּראָלעטאַריער פאַרשטאָפּן זיך אַליין די אויערן און פאַרקוועטשן זיך אַליין די אויגן לגבי די אומאויפהערלעכע אויערן-שפּאַלטנדיקע און אויגן-שניידנדיקע סי-מנים פונעם סטאַליניש באַנקראָט. זיי ווערן גאָר שונאים פון די מו-טיקע פריינד זייערע, וואָס וואַגן זיי צו וועקן פון זייער געפערלעכן שלאָף אין אַזעלכע סכנותדיקע אומשטענדן. מעגן די וועקער זיין אַפילו אַזעלכע אויסגעפּרוּווטע פריינד, ווי די באַלאַבאַנאָוואַס, ווי די שטיינבערגס, ווי די גאָלדמאַנס, וואָס האָבן שוין מיט פופצן יאָר צוריק זיך אָפּגעזאָגט פון כבודים, פון מאַכט, פון באַקוועמלעכקייטן, און אויסגעוויילט פאַר זיך דעם שווערן גורל פון עלנטן גלות, כדי צו וואָרענען קעגן סכנותדיקע וועגן.

און צום גרויל פון די פאַרשריענע אמתע סאָציאַליסטן, ווערן

אַלע זייערע פאַרױסזאָגונגען מקוים מיט אַכזריותדיקער גענױ־קײט. אַדרבא, די װירקלעכקײט האָט זיך אַרױסגעװיזן פיל אום־דערבאַרעמדיקער, װי די שװאַרצסטע פאַרױסזעאונגען. און אױ װי שנעל די שװאַרצע זעאונגען װערן פאַרװאַנדלט אין שװאַרצער װירקלעכקײט!

אָט האָבן מיר אַלײן פאַריקן מאַי אײנגעהאַלטן און פאַרזיכטיק זיך פאַרנומען צוצוגרײטן אונדזער עולם צום שװאַרצן פאַרראַט פון די פאַלשע סאָציאַליסטן אין שפּאַניע. ערשט אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן שױן די צײטונגען גענומען באַריכטן װעגן דעם געמײנסטן ברידער־פאַרראַט און ברידער־מאָרד, װאָס די געשיכטע װײס. נישט מער, װאָס די נײעס־אַגענטורן און די נײעס־קאָמענטאַטאָרס, דעם שקרם אָנגעשטעלטע, האָבן, פאַרשטײט זיך, אַזױ קונציק צוגע־שטעלט די ידיעות, אַז עס איז אױסגעקומען אַז הבל גאָר האָט גע־װאָלט דערמאָרדן קינען.

ערשט מיט צװײ חדשים צוריק, אין אַפּריל, האָבן מיר געהאָלפן װאָרענען די אַרבעטערשאַפט קעגן זײער אַפּאַטיע לגבי דעם שפּאַ־נישן פּראָלעטאַריאַט, קעגן דעם פאַרלאָזן זיך אױף בלומען און אױף סטאַלינען. מיר האָבן דעמאָלט געזאָגט, אַז אױב צום זיג פון די „לאָיאַלע” אין שפּאַניע װעט נישט מיטהעלפן דירעקט דער אינ־טערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט, נאָר די פראַנצױזישע אָדער רו־סישע רעגירונגען — דעמאָלט װעלן אונדזערע שפּאַנישע חברים אפשר אומזיסט האָבן פאַרגאָסן זײער בלוט. און שױן האָט די רו־סישע רעגירונג דורך די שפּאַנישע קאָמוניסטן, װאָס זענען אין דער אמתן נישט מער װי אומקאָנדיציאָנעלע משרתים פון מאָסקװע, אַזױ ציניש אַרונטערגעריסן איר מאַסקע. נישט מער, װאָס דער מאָסקװער פאַרראַט האָט זיך אױסגעלאָזט פיל גרעסער און העסלעכער, װי מען האָט עס געמעגט דערװאַרטן. נישט נאָר פאַר דער אַנאַרכיס־טישער אַרבעטערשאַפט האָט די מאָסקװער דיפּלאָמאַטיע צוגע־גרײט דעם מעסער אין רוקן, זי האָט אױך פאַרראַטן אירע נאָענטס־טע פרײנד און אַליאירטע, װי דאָס זענען געװען די לינקע שפּאַ־

נישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן אָנערקענט פאַר זייער פירער לאַרגאָ קאַוואַליעראָן.

און פונדעסטוועגן — הגם עס איז גאָר שווער צו פאַרשטעלן זיך אַ מער אָפענעם, אַ מער העסלעכערן פאַרראַט, ווי די האַנדלונג פון די סאָוועטישע יודאַסעס אין שפּאַניע; הגם דער אָפּגרונט, צו וועלכן דער פאַרראַט פירט, איז שוין אַזוי באַקאַנט, זינט שיידעמאַן־נאָסקעס צייטן; הגם די סאָוועטישע מאַכטהאָבער טוען לעצטנס ביי זיך אין לאַנד גופא אַלדאָס מעגלעכע, וואָס דאַרף, וואָס מוז אָפּטויטן דאָס לעצטע ביסל צוטרוי צו זיי, — פונדעסטוועגן איז דעם שקרם כוח אַזוי טייוולאַניש מעכטיק, אַז נאָך ווילן מיליאָנען אונטערדריקטע, אויסגעזויגטע און אָפּגענאַרטע נישט שיידן זיך מיט אים.

און אַפילו יענע הונדערטער טויזנטער זעעוודיקע פּראָלעטאַריער, וואָס האָבן געפונען אין זיך דעם מוט און די ענערגיע אויף צו אַנטוישן זיך אין די פאַלשע אָפּגעטער — וויפיל פון זיי האָבן אין דער אמתן אויפגעעפנט די אויגן צום אמת? שווידערלעך טראַגיש ווירקן זייערע קללות קעגן סטאַלינען, וואָס איז ערשט נעכטן געווען זייער אָפּגאָט. זיי זעען אוים ווי געצנדינער, וואָס האָבן זיך אַנטוישט אין זייערן אָפּגאָט און זיי ברעכן איצט זייער געטש און טרעטן אים מיט די פיס, פונקט ווי דער ליימענער געטש וואָלט געווען שולדיק, וואָס זיי זענען געווען נאַראָנים.

וואָס זיי זענען געווען נאַראָנים? — ניין. די, וואָס טרעטן מיט די פיס אַ געטש, באַווייזן דערמיט גופא, אַז זיי זענען נאָך פאַרנאַרישט, אַז זיי זענען נאָך אין תוך די זעלביקע געצנדינער. זייער שכל איז נאָך נישט דערגאַנגען דערצו צו פאַרשטיין, אַז די געצנדינעריי טויג נישט, אַז מען טאָר נישט וואַרטן פון אַ געטש פון ליים צי פון פלייש און בלוט, אַז ער זאָל פאַר זיי אויפטון דאָס, וואָס בלויז זיי אַליין און דירעקט דאַרפן טאָן. ביי זיי קומט אוים, אַז דאָס טויג נישט דער געטש סטאַלין, אָבער ווען דער געטש וואָלט געווען טראָצקי, צי לענין, וואָלט געווען גוט. די גאַנצע מאַרקסיסטישע דיאַ־

לעקטיק האָט זיי נישט אויסגעלערנט, אַז אַפּילו דער זשעניאַלס-טער בשר-ודם וועגט ווייניקער פון אַ שטויב אין אַ גאַנצער געזעלשאַפטלעכער סיסטעם. אַז די אויסוויקלונגען פון דער סאָוועטישער דיקטאַטור זענען נישט מער, ווי דער לאָגישער, אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט פון אַ סיסטעם, וואָס לענין און טראָצקי גופא האָבן אויך געהאָלפן אויסאַרבעטן צוזאַמען מיט נאָך מיליאָנען נאַרישע צי קליגערע מענטשן, וואָס בוקן זיך צום אָפּגאָט מלוכה.

ווי איז צו די מיליאָנען, וואָס גלייבן, אַז ערגעץ איין בשר-ודם קאָן זיי אויסלייזן! און אַלץ איינס ווי איז צו יענע מיליאָנען, וואָס גלייבן, אַז ערגעץ איין בשר-ודם איז שולדיק אין זייערע צרות! עס וועלן נישט אויסגעלייזט ווערן קיינמאָל די, וואָס זענען נישט גרייט צו נעמען זייער גורל אַליין און דירעקט אין די אייגענע הענט! אַליין און דירעקט, אין אָרגאַנישער פאַרבינדונג מיט נאָך מענטשן, וואָס פאַרטויבן נישט און פאַרשיכורן נישט זייערע נשמות, כדי צו ווערן טויטע שרייפלעך אין אַ טויטן מעכאַניזם, וואָס זאָל „אָנגעפירט" ווערן פון אַ „דערלייזער". און עס איז קיין חילוק נישט צי דער „אָנטרייבער" איז אַ פאַררעטער ווי מוסאָליני, צי אַ בריליאַנטענע פערזענלעכקייט ווי לענין. — פון טויטער מעכאַנישקייט קאָן קיין מענטשלעך לעבן נישט אַרויסקומען סאַי-ווי-סאַי!

און מיר דערמאָנען זיך, אַז גראָד די זעלביקע געדאַנקען האָט שוין פּרודאָן אַרויסגעזאָגט נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1848 — מיט 89 יאָר צוריק! און געזאָגט מיטן גאַנצן כמעט איבערמענטשלעכן כוח פון פּרודאָנס ריזיקן זשעני! און אַז צענדליגער פון די גרעסטע און שענסטע רעוואָלוציאָנערן האָבן זינט דעמאָלט אויף אַלערליי אופנים איבערגעחזרט די זעלביקע רייד, געוואָרנט, פאָרויסגעזאָגט! און אַז מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס זענען זינט דעמאָלט אומגעבראַכט געוואָרן אין אומזיניקע מלחמות, אין וועלכע די פאַרנאַרישטע מאַסן האָבן זיך געלאָזט אַריינשלעפּן; אין רעוואָלוציעס, וועלכע מען האָט אומזיניק פאַרטאַכלעוועט.

איצט האָבן מיר פאַר זיך דאָס שווידערלעכע, גיהנומדיקע בילד, ווי (סוף-כל-סוף) אַ ברודער-פּאַרטיי, ווי דאָס איז די קאָמו־ניסטישע, ווענדט אָן אַלע אירע כוחות, אַלע מעגלעכקייטן, וואָס זי האָט געירשנט פון דורות מאַרטירער; ווענדט אָן אַלע כלי-זין, אי די העסלעכסטע, אי די נאָך העסלעכערע, וואָס די געוויסנלאָזי־קייט און אוממאָראַלישקייט פון דער קאָמוניסטישער טאַקטיק דער־לויבט עס, און דאָס אַלץ — נישט אויף צו העלפן אונדזערע הערא־אישע שפּאַנישע חברים אין זייער טיטאַנישן קאַמף פאַר דער דער־לייזונג פון די אונטערדריקטע און געפּייניקטע, נאָר אויף צו פאַר־קויפן זיי צו דער שפּאַנישער און אינטערנאַציאָנאַלער בורזשואַזיע, כדי איינצוקאַסירן דעם פּרייז פאַר דער סאָוועטישער דיפּלאָמאַטיע.

ווילן מיר קיינעם נישט באַרואיקן מיט קיין פאַלשע טרייסט־ווערטער. ווילן מיר קיינעמס געוויסן נישט איינשטילן מיט נאַרישע קללות קעגן סטאַלינען. ווייל שולדיק איז איטלעכער פּראָלעטאַריער אויף דער גאַנצער וועלט, וואָס גלויבט אין געטשן און וואָס דעלע־גירט זיינע געטשן צו טאָן פאַר אים די אַרבעט, וואָס ער — דער פּראָלעטאַריער — איז מחויב צו טאָן אַליין. דער אַלוועלטלעכער פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז נאָך אַלץ אַ פּאַסיווער עדות לגבי דעם איבערמענטשלעכן קאַמף פון זיינע שפּאַנישע חברים; וואָס וואַרט, אַז פרעמדע הענט — די רוסישע מלוכה, צי די פראַנצויזישע, צי די מעקסיקאַנישע — זאָלן שאַרן פאַר אים דאָס פייער, — ער טאָר זיך נישט קלאָגן, אויב עס לאָזט זיך אויס, אַז די פרעמדע שאַרן דאָס פייער גראָד מיט זיינע הענט און דווקא פאַר זייער אייגע־נעם נוצן!

יוני, 1937

טראָצקי כעסט זיך...

די סטאַליניסטישע יוסטיץ האָט דערקלערט טוכאַטשעווסקין פאַר אַ טראָצקיסט און דייטשן שפּיאָן און אים געלאָזט דערשיסן.

טראָצקי האָט פאָרגעשלאָגן דער סטאַלינישער רעגירונג זיין מיט־אַרבעטערשאַפט מיטן תּנאַי, ס'זאָל איינגעפירט ווערן „סאָוועטישע דעמאָקראַטיע".

פון די צייטונגען.

סאָוועטישע דעמאָקראַטיע האָבן אין מערץ 1921 געפאָדערט די קראָנשטאַטער מאַטראָסן. עס איז געווען גראָד, ווען דער בירגערקריג איז איינגעשטילט געוואָרן. דער פּריציש-בורזשואַזער שונא איז געווען באַזיגט און עס איז געווען די ריכטיקע צייט צו ליימערן די רעוואָלוציאָנערע אָרדענונג פון אינעווייניק, אָוועקצושטעלן די זאַכן אַזוי, אַז עס זאָלן באַרעכטיקט ווערן די גרויסע קרבנות, וואָס די סאָציאַלע רעוואָלוציע האָט אָפּגעקאָסט, און די גרויסע האָפענונגען, וואָס דאָס פאָלק האָט געלייגט אויפן סאָציאַליזם.

די העלדישע קראָנשטאַטער, וואָס האָבן אויף זייערע פּלייצעס אויסגעטראָגן אַזאַ ריזיקן טייל פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע, האָבן קלאָר פאַרשטאַנען און קלאָר און איינפאַך דעפינירט, וואָס עס איז אַזוינס די סאָוועטישע דעמאָקראַטיע:

די באָלשעוויקישע מושלים האָבן געהאַט אויסגענוצט די צייט, בעת דאָס פאָלק איז געווען פאַרנומען אין קאַמף מיט די אויסערלעכע שונאים, און דערווייל פאַרזיכערט פאַר זיך די מאַכט מיט יענע מיטלען און אויף יענע אופנים, וואָס האָבן דערנאָך „באַרימט" געמאַכט די באָלשעוויקישע טאַקטיק, און וועלכע עס האָבן דערנאָך

מיט אַזוי פיל דערפאָלג אָפּגעקאָפּירט די אַלערליי מוסאָלינים און היטלערס. פון די ראַטן, וואָס זענען געווען דער אינסטרומענט פון דער גרויסער רעוואָלוציע, און וואָס האָבן אויך געזאָלט זיין דער אינסטרומענט פון סאָציאַליסטישער קאָנסטרוקציע, פון די ראַטן איז בלויז געבליבן אַ פוסטער נאָמען. צום יאָר 1921 האָט מען זיך שוין אין די ראַטן אין דער אמתן מיט קיינעם נישט בּאַראַטן. די וואַלן (און די „באַראַטונגען") פלעגן שוין דורכגעפירט ווערן אויף דעם אופן, ווי די באָלשעוויקעס מאַכן עס היינט, אָדער ווי זיי ווערן געמאַכט אין מוסאָלינים „קאָרפּאָראַציעס". מען פלעגט שוין נישט שטימען געהיים ווי עפּעס פחדנים, נאָר ווי העלדישע גאַוטשאָס. — אונדזערע פרעסקאָס חלומען ערשט פון אַזעלכע אידעאַלע וואַלן.

ביי אָפענע וואַלן און אונטערן באָלשעוויקישן טעראָר קעגן איטלעכן, וואָס האָט געוואַגט אַליין צו דענקען און זיך נישט באַנוגנט מיט אויספאָלגן, וואָס לענין און טראָצקי הייסן, האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין פון קיין אַנדער וואַל-צעטל, ווי דער באָלשעוויקישער. אויך די פאַרהאַנדלונגען אין די ראַטן זענען שוין דעמאָלט געווען אַ געמיינע קאָמעדיע, מחמת אין דער אמתן פלעגט שוין אַלץ פון פריער באַשלאָסן ווערן אין דער „פאַרטיי". און היות די באָלשעוויקישע פאַרטיי-פאַרוואַלטונג איז אַזוי שלימזלדיק אוועקגעשטעלט, אַז דער „פירער" פון דער פאַרטיי איז באַלעבאָס צו באַשטימען אַלע אַמטן אין דער פאַרטיי, — האָט זיך אין סך-הכל באַקומען, אַז אין רוסלאַנד איז נישט בלויז נישט געווען קיין ראַטן-הערשאַפט, נאָר אַפילו נישט קיין הערשאַפט פון דער באָלשעוויקישער פאַרטיי: עס איז געווען, ווי עס איז נאָך איצט דאָרטן, אַ דיקטאַטור פון איין מענטשן, פון „פירער".

דאָס פאָלק איז געווען פאַרשקלאַפט. נישט בלויז פּאָליטיש, נאָר אויך עקאָנאָמיש זענען ביי אים געווען געבונדן די הענט. דער הונגער און די נויט האָבן געבושעוועט, אָבער די פערזענלעכע איניציאַטיוו פון די מיליאָנען איז געווען געשמידט מיט אייזערנע

קייטן — אַלע האָבן אויף אַלץ געדאַרפט וואַרטן אויף דירעקטיוון פונעם דיקטאַטאָר.

די קראָנשטאַטער מאַטראָסן האָבן אַרויסגעשטעלט אַ פאָדע-רונג, וואָס וואָלט געקאָנט אָפּראַטעווען די רעוואָלוציע, אויב זי וואָלט דורכגעפירט געוואָרן: געהיימע וואַלן אין די ראַטן מיט שטימ-רעכט פאַר אַלע אַרבעטנדיקע און פרייע פּראָפּאַגאַנדע פאַר די סאָציאַליסטישע ריכטונגען, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע.

דאָס איז געווען די סאָוועטישע דעמאָקראַטיע קלאָר דעפי-נירט. דאָס איז געווען „די גאַנצע מאַכט צו די ראַטן". דאָס האָט געהייסן אומקערן דעם פאָלק זיין פרייהייט און באַפרייען די שע-פערישע כוחות פון פאָלק, כדי צו קענען בויען אַ סאָציאַליסטיש לעבן. עס איז געווען אַ לייזונג צום טעראָר, אַ וועג אויף אויסצו-מיידן די טרויעריקע פאַרשיקונגען און צעשיסונגען פון סאָציאַליסטן, וואָס דענקען אַנדערש ווי די באָלשעוויקעס, און פון די באָלשע-וויקעס, וואָס דענקען אַנדערש ווי די „פירער".

אָבער טראָצקי איז דעמאָלט געווען אַ „פירער", און ער האָט די קראָנשטאַטער געגעבן זיין באַרימטן ענטפער: „איך וועל אייך צעשיסן ווי די קוראָפּאַטקעס!". טוכאַטשעווסקי איז עס דעמאָלט געווען לעניגס און טראָצקיס שליח, וואָס האָט אויסגעשאָסן אין קראָנשטאָט פערצן טויזנט מענטשן. חוץ דעם, האָט מען דערנאָך וואָכן לאַנג געהאַלטן אין איין שיסן אין די פּעטראָגראַדער תפי-סות די אַרעסטירטע מאַטראָסן.

טראָצקי האָט דעם דאָזיקן מיאוסטן און בלוטיקסטן פאַרראַט אין דער געשיכטע פאַרריכט מיט אַ דערקלערונג, אַז די קראָנ-שטאַטער האָבן זיך פאַרקויפט צו מאָנאַרכיסטישע גענעראַלן... אַכזריות, פאַרראַט און שקר אונטער לעניגען און טראָצקין, ווי איצטער אונטער סטאַלינען.

דער גורל האָט געלאָזט טראָצקין לעבן לאַנג גענוג אויף אי-בערצולעבן אויף דער אייגענער הויט די מעלות פון דער סיסטעם,

וואָס ער האָט געהאָלפן איינפירן. ער האָט אָבער נישט די זכיה, ווייזט אויס, צו פאַרשטיין, חרטה צו האָבן, אויסצולייזן זיך און העלפן אַ וועלט אויסגעלייזט צו ווערן פונעם טעות, אין וועלכן ער האָט געהאָלפן זי אַריינצופירן.

טראָצקי כעסט זיך נאָך, רייסט זיך אויף די גלייכע ווענט צו באַווייזן דער וועלט, אַז ער איז „גערעכט” (גערעכט?!...) — קענטיק צו פיל האָט דער טראָצקי געפּראַוועט גדלות, צו פיל אומשולדיק בלוט פאַרגאָסן.

יולי, 1937

צוויי מאַרטירער

קאָרלאָ ראָסעלי און קאָמילאָ בערנערי — ביידע זענען זיי געווען די אָנגעזעענסטע איטאַליענישע אַנטיפאַשיסטן פונעם דור, וואָס איז געבוירן געוואָרן אויפן שוועל פון איצטערדיקן יאָרהונדערט. ביידע האָבן זיך אָפגעגעבן דעם קאַמף פאַר פרייהייט און סאָציאַליזם אינגאַנצן: ראָסעלי האָט מיטגעשטייערט צום קאַמף זיין גרויסן פאַרמעגן און זיינע נישט קלענערע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן; בערנערי האָט אָפגעגעבן זיין פרוכטבאַרע שריפטשטעלערישע פעדער, זיין קלאָרן קוק און זיין גרויסן וויסנשאַפטלעכן טאַלאַנט. ביידע האָבן זיי געלעבט נע-ונד, זינט מוסאָליני איז געקומען צו דער מאַכט. וועגן בערנערין ווייסן מיר, אַז אַפילו אין גלות האָט אים מוסאָלינים דיפלאָמאַטיע נישט געלאָזט איינזיצן אויף אַן אָרט, געפועלט מען זאָל אים אַרויסשיקן פון לענדער און אַרומשיקן פון איין אָרט אין אַנדערן. ראָסעלי און בערנערי זענען ביידע געווען אין שפאַניע אַזוי גיך, ווי דאָרטן איז געוואָרן אַן אָרט פון קאַמף צווישן סאָציאַליזם און פאַשיזם. און ביידנס גאַנץ-אַוועקגעגעבענע לעבנס זענען אין משך פון איין חודש געקרוינט געוואָרן מיטן מאַרטירער-טויט.

די ענלעכקייט פון זייערע גורלות איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַפילו דער טויט זייערער איז געקומען אויף איין אופן — נישט דער געוויינלעכער וועג פון אַ יוסטיץ-מאָרד און נישט אַפילו קיין קויל אויף די שלאַכטפעלדער, וואָס ביידע האָבן געזוכט: פריער בערנערי און נאָכדעם ראָסעלי, ביידע זענען אָפגעראַמט געוואָרן דורך פחדנותדיקע מערדער, וואָס האָבן אויסגעפאָלגט געהיימע אינסטרוקציעס פון דיקטאַטאָרישע רעגירונגען. העסלעכע מער-

דעריי, וואָס סימבאָליזירט אַזוי טרעפֿלעך דאָס העסלעכסטע פֿון אונדזער צייט, די דיקטאַטור. אָט אַזוי טאַקע האָבן געמוזט שטאַרבן איצט גרויסע און גאַנצע קעמפֿער! כדי זייער טויט גופֿא זאָל אונטערשטרייכן דעם קראַנקסטן מאָמענט פֿון אונדזער עפּאָכע, — די דיקטאַטור, מיט איר גאַנצער אָפּשײַלעכקייט!

אָבער כדי די מאַרטירערשאַפֿט פֿון די צוויי יונגע גרויסע איטאַליענער זאָלן זיך דערגאַנצן; כדי די וועלט זאָל גאָרנישט פֿאַרלירן פֿון דער ביטערער לעקציע פֿון די העסלעכע מאָרדן; כדי דער צוקוקער זאָל זיך נישט קענען אָפּנייגן נישט רעכטס און נישט לינקס און מוזן לערנען דווקא דאָס, וואָס מען מוז אָפּלערנען פֿון אָט דעם וואונק פֿון דער געשיכטע, — האָבן זיך צוויי דיקטאַטורן איינגעטיילט מיט דער טרויעריקער שליחות:

קאַרלאָ ראָסעלין האָבן דערמאָרדעט אין פֿראַנקרייך מוסאָלינים שליחים. קאַמילאָ בערנערין האָבן דערהרגעט אין באַרצעלאָנאָ סטאַלינס טשעקיסטן.

דער מלאך-המוות, וואָס האָט אַוועקגעהרגעט אָט די צוויי גרויסע האָפֿענונגען פֿונעם איטאַליענישן סאָציאַליזם, איז אוודאי דער זעלביקער. מיר ווייסן עס שוין קלאָר זינט קראָנשטאַט. דער גרויסער אומגליק פֿון אונדזער צייט איז, וואָס עס זענען נאָך פֿאַראַן מיליאָנען פֿאַרנאַרישטע מענטשן, וואָס גלייבן, אַז עס איז פֿאַראַן אַ חילוק צווישן מוסאָלינים אַ מאָרד און סטאַלינס.

און דער אומגליק איז, וואָס עס זענען נאָך פֿאַראַן זייער פֿיל סאָציאַליסטן, וואָס גלייבן, אַז מיט זאָגן ליגנס, אָדער מיט באַהאַלטן דעם אמת, קאָן מען ברענגען נוצן דעם סאָציאַליזם. צוליב אָט דעם נאַרישן גלויבן, האָבן די פֿרייערע צייטונגען און מענטשן געגעבן די נייטיקע פּובליציטעט ראָסעלים מאַרטירערשאַפֿט און כמעט ווי פֿאַרשוויגן בערנערים מאָרד. מיטגעווירקט האָט מסתּמא אויך דער פֿאַקט, וואָס ראָסעלי האָט געשטאַמט פֿון אַ פּריווילעגירטער פֿאַמיליע און האָט געהערט צו אַ „פּריווילעגירטער" פּאַרטיי — ראָסעלי איז געווען אַ מאַרקסיסט, הגם נישט אין גאַנצן

שוה בשוה מיט די אָפיציעלע ליניעס. בעת קאַמילאָ בערנערי איז געווען דער אַנגעזעענסטער טעאָרעטיקער פונעם איצטערדיקן איטאַליענישן אַנאַרכיזם.

מיר אָבער זענען פולשטענדיק איבערצייגט, אַז מיט באַהאַלטן דעם אמת קאָן מען בלויז שאַדן ברענגען דעם סאָציאַליזם. עס וואָלט געווען דער גרעסטער אומזין, עס וואָלט געווען אָפילו אַ מין שותפות מיט בערנערים רוצחים, ווען מען זאָל פאַרשווייגן אָט דעם טייוולאָנישן פאַרברעכן פון סטאַלינס טשעקיסטן.

עס איז אונדזער עלעמענטאַרסטער חוב צו באַקאַנט מאַכן אָט די באָלשעוויקישע רשעות אַזוי ברייט, ווי מיר קענען. בערנערים בלוט טאָר נישט זיין אומזיסט פאַרגאָסן: די קרבנות פון אַלע הער־שער און עקספּלואַטאַטאָרס דאַרפן לערנען גאָר אַ סך פון אָט דעם זייער גרויסן קרבן.

וואָרעם ערשט דעמאָלט, ווען ביי די אונטערדריקטע פון אַלע פעלקער וועט זיין איין גערעכטיקייט פאַר די ראַסעלים און פאַר די בערנערים, ערשט דעמאָלט, ווען די אונטערדריקטע פון אַלע פעל־קער וועלן האָבן איין גערעכטיקייט פאַר ראַסעלים און בערנערים מערדער, — ערשט דעמאָלט וועט זיין גערעכטיקייט אויף דער ערד, און פון סטאַליניזם און מוסאָליניזם וועט קיין זכר נישט בלייבן.

יולי, 1937

פּעֶרציק יאָר פּאָליטיק

היי-יאָר וועלן מיליאָנען יידן פייערן צוויי יובילעאומס: עס ווערט איצט פערציק יאָר זינט דעם ערשטן בונדישן צוזאַמענפאָר און פערציק יאָר ווערט אויך זינט דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס.

צווישן די צוויי דערמאָנטע באַוועגונגען הערשט אַ געוואַלדיקער אַנטאַגאָניזם. די בונדיסטן און ציוניסטן האַלטן זיך קעגן די אַנדערע, ווי די צוויי אַנטקעגנגעזעצטע פּאָליוסן אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. מען איז צווישן זיך שונאים ממש אויף מעסער-שטעך. און עס זענען, פאַרשטייט זיך, פאַראַן גענוג מאָמענטן, וואָס טיילן אָט די צוויי באַוועגונגען ראַדיקאַל פונאַנדער, הגם עס איז פאַרט ניטאָ קיין אָביעקטיווע באַרעכטיקונג פאַר אַזוי פיל לעכערלעכער אומטאָלעראַנץ, ווי זיי ווייזן אַרויס איינע צו די אַנדערע, און אומטאָלעראַנץ, וואָס פאַרסמט זייער אָפט אומזיסט-אומנישט אונדזער געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער. אפשר האָבן זיי זיך אַ געוויסע פּראָפּאַרץ לשם שמים — אָבער דער עיקר שנאה זייערע שטאַמט, ווי עס ווייזט אויס, פון דער קאָנקורענץ פאַר פירערשאַפט: עס איז דער קאַמף צווישן פּאָליטיקער פאַר מער דעה, ווייל אַ גרעסערע סטאַדע באַטייט אויך מער וואָל, צי אין אָנזען, צי אין נאָך מאַטעריעלערע אָביעקטן.

סאַי-ווי-סאַי, ווען עס איז נישט איז וועט דער היסטאָריקער פאַרשרייבן די צוויי צוזאַמענפאָרן אין 1897 ווי איין גרויסן נעגאַטיוון מאָמענט אין דער יידישער געשיכטע — די אינוואַזיע פון די מלוכישע אידעען און פון די מלוכיש-פּאָליטישע מעטאָדן און זיטן צווישן דעם פאָלק, וואָס האָט שוין ביי אַ צוויי טויזנט יאָר

געלעבט זיין אינעווייניקסטע לעבן אָן אַ מלוכה. אין דער אמתן, האָט די מלוכה קיינמאָל נישט געשפּילט קיין איבעריקע ראָל, קיין פּאָזיטיווע ראָל אוודאי נישט, אין דעם אינטימען לעבן פון יידישן פאָלק. אלנפאַלס, זענען די שפּעטערישע מאָמענטן אין דער יידישער געשיכטע צוזאַמענגעפאַלן מיט די מאָמענטן פון קריג קעגן דער מלוכה, און די אָריגינעלע פאָלקס־שטריכן און פאָלקס־שאַפונגען זענען באַקומען געוואָרן דווקא אין ק אַ מ ף קעגן די אייגענע און פרעמדע הערשער. סאַי די נביאים און סאַי די פּרושים — ביידע העכסטע אויסדרוקן פונעם יידישן פאָלקס־זשעני אין דער צייט, ווען די יידן האָבן נאָך פאַרמאָגט אַן אייגענע מלוכה — האָבן געלעבט אין קריג מיט די הערשער. עס איז גאָר שווער פאַרצושטעלן זיך מער „אַנטי־מלוכישע עלעמענטן", ווי די נביאים, וואָס די יידישע מלכים פלעגן האַלטן אין די גריבער, און די פּרושים, וואָס די יידי־שע מלכים פלעגן „הרגענען מיטן שווערד" און די רוימישע מוש־לים פלעגן קרייציקן.

און עס זענען דאָך די נביאישע און פּרושישע באַוועגונגען די, וואָס האָבן אויסגעפורעמט דעם עצם פאָלקס־אינדיווידואַליטעט. וואָס שייך די טויזנטער יאָרן לעבן אין „גלות", איז דאָך די שטאַט־לאָזיקייט זייערע אַן אַקסיאָמע. הגם היסטאָריקער האָבן אונטערן איינפלוס פון די אייראָפּעאיש־מלוכישע אידעען געזוכט מיט ליכט און אויסגעפונען געוויסע מלוכישע עלעמענטן, ווי די נשיאים, די ראָשי־הגולה אָדער דעם וועד אַרבע אַרצות, איז דאָך אָבער שוין צו קלאָר, אַז די ראָל פון די דאָזיקע עלעמענטן איז געווען אומבאַ־דייטנדיק לגבי דעם אינעווייניקסטן פאָלקס־לעבן.

יידן האָבן קיינמאָל נישט געוואַרט אויף אַ דערלויבעניש פון ערגעץ אַ צענטראַלער יידישער אינסטאַנץ אויף צו בויען אַ שול. קיין שום יידישער פּויפּסט אָדער בישאָף האָט זיי נישט באַשטימט קיין רבנים. זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזט מיט זייערע נויטן און האָבן קיינמאָל נישט אויסגעפאָלגט — סיידן געצוואונגען פון „גויים" — קיין שום אויטאָריטעט, חוץ דער מאָראַלישער. יע־

דער ייד האָט זיך געפילט גלייך באַרעכטיקט און גלייך באַפליכטיקט צו זאָרגן פאַר די געזעלשאַפטלעכע און רעליגיעזע הצטרכותן. אַ שיינעם פנים וואָלטן זיי געהאַט, ווען יידן ערגעץ אין אַ נייעם ישוב וואָלטן געוואַרט ביז ערגעץ אַ „פירער" זאָל זיי בויען אַ שול, שאַפן אַ חדר, באַשטימען אַ רב, פאַרזאָרגן פדיון-שבויים אאַז"וו.

איך וויל מיך נישט פאַרלאָזן אויף מיינע לינגוויסטישע קענטעניש און זאָגן, אַז דאָס וואָרט „מנהיג" — פירער — איז אַ נעאָלאָגיזם אין יידישן לשון. אָבער זיכער איז, אַלנפאַלס, אַז אַט דאָס וואָרט איז וו ע ר ט צו זיין אַ נעאָלאָגיזם, — מען האָט ביז די לעצטע צייטן געהערט, לכל הפחות, מער די ווערטער רבי, מאור-הגולה, גאון, חכם, וואָס אַלע דייטן זיי אָן אויף דער מאָראַלישער אויטאָריטעט פון דעם לערער און נישט אויף דער צוואַנגס-אויטאָריטעט פונעם פירער.

דער פרייהייטלעכער גרונט-שטריך פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן איז נישט פאַרווישט געוואָרן אויך אין די ערשטע צייטן, ווען מאָדערנע אידעען און שטרעבונגען האָבן אָנגעהויבן צו פאַרנעמען דאָס אָרט, וואָס האָט פריער געהערט דער רעליגיע. אויך די יידישע מענטשן, וואָס האָבן זיך עמאַנציפירט פון דער רעליגיעזער אַליינהערשאַפט, האָבן אויפגעהאַלטן לעבעדיק דעם געפיל פון פערזענלעכער אַחריות פאַרן כלל און די פרייע איניציאַטיוו צו שפינען ווייטער די יידישע געשיכטע.

מיר וואָלטן געקענט נעמען פאַר אַ קלאַסישן ביישפיל דעם אופן, ווי די יידישע מאַסן האָבן רעאַגירט אויף דעם שרעקלעכן קלאַפּ, וואָס דאָס האָבן באַטייט די פּאָגראָמען אין אַ ריי רוסיש-יידישע ישובים אין 1881. אין די איצטיקע צייטן פון פאַרלאָרנקייט און אָנמאַכט ד אַ ר ף מיר אַרויפקוקן, ווי צו אַ וואונדער, צו יענעם מעכטיקן און ברייט-שוואונגיקן ענטפער, וואָס די יידישע מאַסן אין רוסלאַנד האָבן געגעבן אויפן רוף פון זייער צייט.

די יידישע מאַסן האָבן דעמאָלט נישט געוואַרט אויף קיין פי-

רער, האָבן זיך אויך נישט געשפּילט אין קיין קאָנגרעסן, וואָס זאָלן זיין כמו די גוישע פּאַרלאַמענטן. אָבער כמעט אַלדאָס פּאָזיטיווע, וואָס מיר האָבן איצט אין יידישן לעבן, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די פרייע איניציאַטיוועס פון די אַכציקער יאָרן. עס איז נאָר אַ וויטיק, וואָס די מלוכישע שטרעמונגען און די מלוכישע פּאָליטיק, וועלכע האָבן שפּעטער אַריינגעדרונגען אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, האָבן אָפּגעסמט נישט איין זאַפטיקע שפּראָצונג פון יענע יאָרן.

די יידן מיט סענטימענטן פאַר ציון האָבן נישט אויסגעלעבט זייערע געפילן מיט שאַפן „אַ מלוכה אונטערוועגנס", מיט אַרויפלייגן זייערע האָפענונגען אויף ערגעץ וואו אַ מנהיג, — זיי האָבן פּשוט און נאַטירלעך פאַרלאָזט זייערע מסחרים, זייערע „קאַריערעס" און זיך געלאָזט בויען מיט מסירת-נפש קאָלאָניעס אין דעמאָלט ווילדן, אָפּגעלאָזטן ארץ-ישראל.

אַנדערע יידן, פּשוטע פאָלקס-מענטשן, וועלן זוכן צו רעאַליזירן זייער אידעאַל צו איבערבויען זייער לופט-לעבן און ווערן געזונטע ערד-אַרבעטער אין וועלכן נישט איז לאַנד מיט גינציקע תנאים. זיי וועלן זיך העראָאיש — אויף אַן אופן, וואָס האָט אפשר אין דער געשיכטע בלויז זיין גלייכן אין דעם באַרימטן „מאַיפלאָוער", — לאָזן אַ ל יי ן אין דעם דעמאָלט ווייטן און ווסטן אַרגענטינע. זיי וועלן פאַרזייען אַרום מאָזעסוויל אַ פעלד מיט קינדער-קברים, אָבער זיי וועלן אויפשטעלן די קאָלאָניע, וואו די ראַסע וועט רעגענערירט ווערן אויף אַ ממש וואונדערבאַרן אופן. — ווער וואָלט עס טרעפן אויף די איצטערדיקע מאָזעסווילער ערד-אַרבעטער, אַזעלכע ריזן אין וואוקס, אַז זיי זענען עס קינדער און אייניקלעך פון די איינגעדאַרטע ליטוואַקעס פון אַרום סלאָנים?

און ווידער אַנדערע וועלן זיך מיט דער לאָזונג צו איבערשיכטן זיך אין געזונטע אַרבעטס-פּראָפעסיעס אין פרייע תנאים, אַוועקלאָזן מאַסנווייז אין די פאַראייניקטע שטאַטן און וועלן אויפ-

בויען דעם געזונטסטן און בעסט-אָרגאַניזירטן יידישן ישוב אויף דער וועלט.

איך האָב אויסגערעכנט בלויז דריי זייער אָנזיכטיקע און ממשותדיקע פאַקטן. אָבער די אַכציקער יאָרן זענען נאָך נישט ווייט פון אונדז, און ווער עס קען זיך באַפרייען פון דער לעצטנס אָנגע-אייגנטער געוואוינהייט צו זוכן אין די געשיכטלעכע געשעענישן דעם „פירער" אָדער די מלוכיש-פּאָליטישע אידעע — יענער וועט קענען לייכט דערזען, אַז כמעט אַלע אונדזערע געזעלשאַפטלעכע דעראָבערונגען, סײַ מאַטעריעלע, סײַ קולטורעלע צי סאָציאַל-פּראָגרעסיווע, האָבן זייערע וואָרצלען אין יענער מעכטיקער דער-וואַכונג פון די אַכציקער יאָרן פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

ליידער האָבן זיך יענע איניציאַטיוועס אַלע אָנגעשלאָגן אָן דער אינוואַזיע פון די מלוכיש-פּאָליטישע אידעען, וואָס זענען אין די סוף נײַנציקער יאָרן אַריבערגעבראַכט געוואָרן פון מערב-אייראָפּע און זיך צוגענומען אין דער יידישער סביבה מיט אַזאַ קראַפט, ווי דער אַלקאָהאָל איז צוגענומען געוואָרן צווישן פּרימי-טיווע פעלקער נאָכן ערשטן קאָנטאַקט מיט אייראָפּע. צום אומגליק, זענען די דאָזיקע אידעען געקומען צו אונדז דווקא פון דייטשלאַנד, וואו די צענטראַליזאַציע, די מלוכה-מאַכט-אידעען זענען שוין גע-ווען אין אַ זייער ווירולענטן צושטאַנד: עס איז געווען גראָד נאָך ביסמאַרקן, נאָך דער „גרויסער" דערגרייכונג פון דער פאַראייני-קונג פון די צאָלרייכע דייטשע לענדער אין איין מלוכה.

די דייטשן האָבן שוין געצאָלט און צאָלן איצט זייער טייער פאַר יענער „דערגרייכונג". (ווער עס וויל, וועט קענען הנאה האָבן פון די פרוכטן פון די זעלביקע מלוכישע בלומען אין איטאַליע, אין פוילן אאַז"וו.). אָבער דער פּרייז, וואָס דאָס יידישע פאָלק צאָלט פאַרן לאָזן באַהערשן זיך פון מלוכה-סנאָביזם, איז, נאַטירלעך, דער ערגסטער.

גראָד צום פערציק-יעריקן יובילעאום פון דעם ערשטן קאָנ-גרעס, אויף וועלכן עס איז אויפגעקומען דער „פּאָליטישער" ציוי-

ניזם, קענען מיר צוליב אַ קאַפּריז פון דער געשיכטע אונטערציען אַ סך-הכל. פאַרשיכורט פון פּאָליטישן סנאָביזם, פאַרצייכענען די ציוניסטן דעם קליינעם זיג — די מיניאַטור-מלוכה — וואָס איז געבליבן אויפן דעק פונעם גרויסן דורכפאַל, אויפן חשבון פון הערצליאַנישן ציוניזם. דער אמת איז אָבער אויבן אויף, אַז גע־קראָגן האָט מען גראָד בלויז דאָס, וואָס נישט די פּאָליטיק, נאָר די פּשוטע פּ ר י ו ו י ל י ק ע אָפּפערוויליקייט און אַרבעט זינט די ביל"ו אין די אַכציקער יאָרן האָט דעראָבערט. מען דאַרף זיין אַזוי פאַרבלענדט פונעם מלוכה-מיראַזש, ווי די ציוניסטן זענען עס איצט, אויף נישט צו זען, אַז גראָד דער „הויך-פּאָליטיק", גראָד דער מלוכה-אידעע, האָט מען צו פאַרדאַנקען דעם דורכפאַל, דער אוממעגלעכקייט פון אַ פרידלעכן צוזאַמענלעבן מיט די אַראַבישע שכנים.

צי האָט זיך קיינער נישט פאַרקלערט, וואָס עס וואָלט גע־וואָרן פון הערצלס חלומות (אויב זיי וואָלטן איבערהויפּט אויפ־געקומען), אויב פריער פאַר אים און נאָכדעם וואָלטן פּשוטע יידן, מיט אַ צוגאַנג, וואָס איז דורכויס געווען להיפוך צו הערצלס גע־דאַנקען וועגן דעם, — אויב אָט יענע מאַסן וואָלטן אויף אייגענער איניציאַטיוו נישט געגאַנגען בויען ישובים אין פּאַלעסטינע? פונ־דעסטוועגן האָבן מיר אַ טרויעריקן פאַקט פון אַן אַנאַלאָגישער באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָ נ ג ע ה ו י ב ן — נישט פון ביל"ו — נאָר פון פּאָליטיק: מיר מיינען די טעריטאָריאַליסטישע באַווע־גונג.

ביי די טעריטאָריאַליסטן קענען מיר לערנען דעם מהות פו־נעם ריינעם הערצליאַניזם. זיי האָבן עס קאָנסעקווענט הערצליש, קאָנסעקווענט „מערב-אייראָפּעאיש" אָנגעהויבן פון זוכן דעם טשאַרטער. די אָנהייבער פון דער אַמאָל אַזוי פּאָפּולערער פּאַרטיי פון די ציוניסטן-סאָציאַליסטן (די ס"ס) זענען נישט געגאַנגען, ווי די ביל"ו אין זייער צייט, צו בויען ערגעץ איינע פון די פילע קאַנ־דידאַטירטע לענדער, נאָר זיי האָבן זיך — מעשה לייט — גע־

שפּילט אין „פּירערשאַפֿט״. און עס האָט זיך געענדיקט מיט אַ קאַ־טאַסטראָפֿע. צום גרויסן האַרץ־ווייטיק — מיט אַ טראַגי־קאָמישער קאַטאַסטראָפֿע. די פּאַרטיי איז צעפֿאַלן, און דער שטאַב „פּירער״ האָט געלאָזט אויסהענגען איבער זיך אַ צעטל „עס פּאַרדינגט זיך״: — עס פּאַרדינגען זיך וואַקאַנטע פּירער מיט אַ „סטאַזש״, גרייט צו „פירן״ אַן עדה: אין אַ פּאַרטיי, צי פּילאַנטראָפּישער אונטערנעמונג.

די ס״ם האָבן פֿאַרזאָרגט מיט „פּירער״ דער יעווסעקציע, דעם ציוניזם, דעם בונד, אַלע מינים „רויטע פּאַטשיילעס״, אָבער אַפּילו קיין איין און איינציקן קרבן פֿון געלן־פֿיבער, אין אוגאַנדע למשל. וואָלטן זיי אָנגעהויבן אויפֿן אַלטן מלוכהלאָזן שטייגער, ווי אונדזערע באַוועגונגען האָבן זיך אָנגעהויבן, אַ שטייגער, אין די אַכציקער יאָרן, — וואָלטן די ס״ם געהאַט וואַרשיינלעך נאָך בעסערע שאַנצן, ווי די ציוניסטן. דער מלוכישער סנאָביזם, די „פּאָליטיקע״ האָט זיי דערפֿירט צו אַ שענדלעכן קאָמעדיע־פֿינאַל.

אין צוויי יאָר אַרום וועט ווערן פֿופֿציק יאָר, זינט די ערשטע גרופּע יידישע פּיאָנערן האָבן זיך געלאָזט אין די אַרגענטינישע ווילדעניש. דער סך־הכל, וואָס מען וועט דאַרפֿן דעמאָלט אונ־טערציען פֿון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, וועט מוזן אַרויפֿברענגען אויף ענלעכע געדאַנקען, ווי דער סך־הכל פֿון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע. אויך דאָ האָט די געוואוינהייט צו זוכן דעם „פּירער״ פֿאַרשטעלט פֿון די אויגן די ווירקלעכע פֿאַקטן: מען וואָלט זיך געקאָנט וועטן, אַז אַפּילו דאָ אין אַרגענטינע גלויבט נאָך די גרויסע מערהייט, אַז די קאָלאָניסטן קיין אַרגענטינע האָט אַראָפּגעבראַכט דער באַראָן הירש. און חוץ אַרגענטינע ווייס, פֿאַרשטייט זיך, אפֿשר איינער פֿון טויזנט, אַז די מעשה האָט פּאַסירט גראָד פֿאַרקערט — די קאָלאָניסטן האָבן אַראָפּגעבראַכט דעם באַראָן הירש.

די ייק״א האָט געלאָזט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק פֿאַרעפֿנטלעכן אין דער „כוראיקאַ״ עטלעכע דאָקומענטן, וואָס וואַרפֿן אַ שיין

אויף דעם באַראָנס אידעען און מעטאָדן און דעקן אויף די סיבות, וועלכע האָבן געשטערט דעם נאָרמאַלן וואוקס פון דער היגער יידישער קאָלאָניזאַציע. לאָזט זיך אויס, אַז דער באַראָן הירש איז נישט געווען וויי‍ניקער „מערב-איראָפּעער" ווי דר. הערצל. אָבער דער ערשטער האָט געהאַט מער געלט, מער מאַכט אויף צו בויען און אויף צו שטערן, ווי דער צווייטער. וואָס שייך דער אויפפירונג פון דער ייק"א נאָכן באַראָנס טויט, איז זי שוין גענוג באַקאַנט. אויף וואָס מען האָט זיך וויניקער אָפּגעשטעלט, איז אויף דעם פּאַראַליז פון דער פרייער פּריוואַטער איניציאַטיוו, וואָס מערקט זיך בנוגע די היגע יידישע קאָלאָניעס.

אָט באַקלאָגט זיך אַ טשאַראַטער קאָלאָניסט אויף דער קאַלטער גלייכגילטיקייט, וואָס די געזעלשאַפט ווייזט אַרויס צו זייער גורל. און מאָלט אייך, אַז די יידישע געזעלשאַפט אין אַרגענטינע לאָזט נישט דורך קיין איין געלעגנהייט אויף צו באַרימען זיך מיט די יידישע קאָלאָניסטן דאָ. ווען מיר וואָלטן געהאַלטן די איצטיקע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט פאַר אַ נאָרמאַלער, נישט פאַר קיין פאַרמיחושטער אויף די פאַרשידנסטע מנחם-מענדלשע מלוכה-פּאָליטישע קרענק, — וואָלטן מיר געזאָגט, אַז די היגע יידישע געזעלשאַפט איז ערגער פון סדום; ערגער, מחמת סדום איז געווען בלויז שלעכט, אָבער די היגע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט ווייזט אַרויס לגבי די יידישע קאָלאָניעס — און שוין נישט דאָס ערשטע מאָל — נישט נאָר אַכזריותדיקע קאַלט-בלוטיקייט, נאָר אויך משונה-ווילדע קורצזיכטיקייט, מוראדיקע נאַרישקייט. עס איז דאָך קלאָר, אַז מיט פאַרפעסטיקן די יידישע קאָלאָניעס, פאַרפעסטיקט מען דאָך איינפאַך דעם אייגענעם פונדאַמענט. אָבער גייט רעדט איצט עפּעס צו די יידישע מענטשן וועגן אַן ענין, אין וועלכן עס שטעקט נישט עפּעס אַ „פּאָליטיקע", און מאָנט פּריוואַטע איניציאַטיוו ביי מענטשן, וואָס זענען איינגעוואוינט צו פאַרלאָזן זיך מיט זייערע געזעלשאַפטלעכע נויטן אויף פּאַרטייען און פירער! — וואָלט דען מעגלעך געווען מיט אַ פּאָר צענדלינג יאָר צוריק, אַז אַן

ענלעכער רוף נאָך הילף זאָל נישט געפינען קיין באַלדיקן ענטפער אין וואַכן אחריותדיקן פאָלקס-געוויסן?

אָבער אויב עס איז מעגלעך, אַז אין גאַנצן אַרגענטינישן-יידישן ישוב, וואו עס קלעקן מענטשן פאַר אַלע מינים פּאָליטישע סטאַדעס און פּאָליטישע פירער, פאַר טומלמאַכער, פאַר פּרעזידענטן, פאַר איניציאַטאָרן און דעלעגאַטן פון אַלערליי צוזאַמענפאָרן, אינלענדישע און אויסלענדישע, ממשותדיקע און ממשותלאָזע, — אויב עס איז מעגלעך, אַז עס האָבן נישט געקלעקט קיין מענטשן, וואָס זאָלן פאַראינטערעסירן צוזאַמענצושטעלן אַ הלוואה פון אַ צען טויזנט פּעזעס אויף צו ראַטעווען אַ קאָלאָניע מיט איינעם פון די גאָר בעסטע ערד-אַרבעטער-עלעמענטן אין לאַנד, — איז צו וואָס זיך חידושן, וואָס דער היגער ישוב האָט דורכגעלאָזט ממש אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן אויף איינצוואָרצלען אויף דער ערד מאַסן יידישע אויסגעוואָרצלטע, וואָס האָבן אויפן פּלאַנעט נישט ערגעץ אַנדערש אויף וואָס די פיס צו שטעלן? וואָס איז דער וואונדער וואָס מען קוקט נאָך איצטער זיך צו גלייכגילטיק און מען לאָזט פאַרביי די גרויסע מעגלעכקייטן, וואָס זענען נאָך פאַראַן?

די אַלערליי טשאַרטערס, כל-המינים דעקלאַראַציעס, אַלערליי נעבעכדיקע מלוכה-אידעען האָבן פאַרטשאַדעט דעם קאָפּ פון דעם יידישן פאָלקס-מענטש. דערצו האָט מען דעם זעלביקן צוגעוואוינט צו וואַרטן אויף ישועות פון פירער, מען האָט פּשוט אָפּגעטויט אין די פרייע געזעלשאַפטלעכע איניציאַטיוו פון די מאַסן, אין זייער אחריות-געפיל פאַרן כלל. מיר דאַרפן זיך נישט שעמען און מודה זיין דעם אמת, אַז אין דעם דאָזיקן זין פון איבערלאָזן בלינד איניציאַטיוו און אחריות אויף געטשעס פון פליייש און בלוט, שטייען איצט די יידישע מאַסן אויף דעם זעלביקן שטאַפּל, ווי די ערגסטע שונאים זייערע אין איצטיקן מאָמענט.

מיר האָבן דאָ אין אַרגענטינע געהאַט דאָס טרויעריקע גליק, וואָס די מאַסן-אימיגראַציע אין שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן, בעת

די יידישע מאַסן זענען שוין געוועזן פאַרסמט מיט די אַלע מלוכה-פּאָליטישע אידעען און מעטאָדן. מיר צאָלן דערפאַר אַ זייער טייערן פּרייז. בעת ביי דער אַמעריקאַנער אימיגראַציע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן פאַר דער עקזאָטישער אינוואַזיע פון דער מלוכישער פּאָליטיק האָט געקלעקט איניציאַטיוו און אַחריות אויף אויפצו-בויען אַזוי פיל וואונדערבאַרע אָרגאַניזאַציעס, — שטייען מיר דאָ, נאָך העכער 30 יאָר מאַסן-אימיגראַציע, ממש אין דרויסן: אָן סינ-דיקאַטן, אָן קעגנזייטיקע הילפס-פאַראיינען, אָן איין רעכטן קולטור-אַנשטאַלט, אָן איין אַרבעטער-קאָאָפּעראַטיוו. עס איז ממש אַ גליק, וואָס עס זענען נאָך געבליבן אַזעלכע „טונקעלע" מאַסן, וואָס קיין שום „מאָדערנער" געדאַנק האָט זיך צו זיי נישט צוגעקלעפּט: די האָבן לפּחות אויפגעבויט שולן צום דאַווענען און כלערליי פי-לאַנטראָפּישע אַנשטאַלטן. די „פּראָגרעסיווע עלעמענטן" האָבן געשאַפן נישט מער ווי טומל און עטלעכע פּאַרטיי-מאַשינדלעך... אויף צו פּראָדוצירן טומל.

עס איז דעם חודש פונקט געוואָרן 40 יאָר זינט דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס. מיר האָבן דערפאַר דאָס מאָל זיך מער אָפּ-געשטעלט אויף דער אויסווירקונג פון דער אימפּאָרטירטער פּאָ-ליטיק אויף די בירגערלעכע עלעמענטן אונדזערע. וואָס שייך דעם חורבן, וואָס די דאָזיקע פּאָליטיק האָט אָנגעמאַכט אין די יידישע אַרבעטער-רייען, — איז ער נאָך מער קאַטאַסטראָפאַל, ווי דער חורבן אין די בירגערלעכע מאַסן. אָבער וועגן דעם אַ צווייט מאָל.

אויגוסט, 1937

פערציק יאָר „בונד"

אַט דעם חודש ווערט פערציק יאָר, זינט דער ערשטער בונדישער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין ווילנע. אין ענגלאַנד און אין צפון-אַמעריקע איז שוין צו יענער צייט געווען אַ פ אַ ר צ וו יי ג ט ע און איינגעוואָרצלטע יידיש-סאָציאַליסטישע באַוועגונג. דער „אַרבעטער-פריינד" און „פרייע אַרבעטער-שטימע" זענען שוין דעמאָלט געווען כמעט וועטעראַנען. שוין געהאַט אַפילו אָנגעהויבן צו דערשיינען דער „פאָרווערטס", וואָס וועט שפּעטער האָבן צו פאַרדאַנקען דער בונדישער עמיגראַציע פאַר זיין גרויסן דערפאָלג. עדלשטאַט און באָוושאָווער האָבן שוין דעמאָלט געהאַט אָפּגעזונגען זייערע לידער. ווינטשעווסקי האָט שוין געהאַט געגאָלטן ווי אַ לעגענדאַרישער „זיידע". שוין געווען ביי אַן אַנדערטהאַלבן צענדליק יאָר זינט ליבערמאַן איז געווען טויט. דעם „בונד" איז אָבער באַשערט געווען צו זיין די ערשטע סאָציאַליסטישע מאַסן-באַוועגונג אין דער רוסישער „טשערטאַ", און ער האָט דעריבער פאַר אַ צייט באַוועלטיקט און אַרויפגעלייגט זיין שטעמפּל אויך אויף דער יידיש-סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין די אימיגראַציע-לענדער.

דאָס לעצטע האָט דער „בונד" געפועלט צוליב אַ שטריך פונעם טראַגישן גורל, וואָס קיין איין יידישער אימיגראַציע-קיבוץ האָט ביז איצט נישט געקענט פאַרמיידן — דאָס איז דער טיפער ריס אין דער קאָנטינואיטעט צווישן אימיגראַנטן-דור און זיינע קינדער: אַ דאַנק, הויפּטזאַכלעך, דעם שפּראַכן-חילוק צווישן אימיגראַנט און זיינע קינדער, מוז דער אימיגראַנטישער געזעלשאַפטלעכער טוער פאַרטרויען זיין ירושה נישט צו זיינע דירעקטע יורשים,

נאָר צום נעקסטן דור אימיגראַנטן־יוגנט. אויב דער אימיגראַציע־שטראָם שטעלט זיך אָפּ אין אַ געווויסן לאַנד, דערגייט עס לאַנגזאַם דערצו, אַז אַמאָל ברויזיקע יוגנטלעכע באַוועגונגען בלייבן פאַר־טראַכטן פון אַ הייפל זקנים. עפּעס ענלעכס פּאַסירט אפילו דעמאָלט, ווען די אימיגראַציע שטעלט זיך נישט אָפּ, אָבער זי קומט אָן מיט שטאַרקע איינפלוסן פון דער היים. אַרום אָנהייב יאָרהונדערט האָט דער איבערוועלטיקנדיקער בונדישער איינפלוס צווישן דער אימיגראַציע פון די רוסישע לענדער פאַרפעסטיקט די מאַרקסיס־טישע פּאָזיציעס אין צפון־אַמעריקע. יענער מאַסן־שטראָם האָט, צום ביישפּיל, אַזוי געהאָלפן פאַרפונדעווען זיך דעם „פאָרווערטס", ווי די נאָך־מלחמהדיקע אימיגראַציע האָט דאָרטן טאַקע געשאַפן אַ באָדן פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט".

אויב מיר דאָ, אין אָן אימיגראַנטן־לאַנד, זאָלן מעסטן פון דער ווייטן די איצטיקע וויטאַליטעט פונעם „בונד" לויט דעם קאָמבאַטאַנטישן אימפּעט פון די אָנהענגער זיינע, וואָס קומען אַריבער אַהער (און מיר גלויבן, אַז אָט די מאָס איז אַ ריכטיקע) — דאַן מוזן מיר קומען צו דער מסקנא, אַז דעם בונדס מאַגנעטי־שע, קאַמפּס־לוסטיקע און קאַמפּס־פעאיקע יוגנט־יאָרן זענען שוין פאַרביי. עס זענען דעם „בונד" איצט, ווייזט אויס, בלויז איבערגע־בליבן די מעלות פון דער רייפער עלטער: איינגעוואָרצלטקייט דורך אויפגעטוענע און זיך פאַרזעצנדיקע אַרבעטן, מיושבדיקייט און אַ פּרעסטיזש פון אַמאָליקע זיגן.

ווייזט אויס, אַז דער „בונד" האָט די גאַנצע יוגנט זיינע אויס־געלעבט אין זיין ערשטן יאָרצענדליק, אפשר אין נאָך עפּעס ווייי־ניקער. צו זאָגן, אַז דער „בונד" האָט אין זיך גופא געטראָגן מיק־ראָבן פון אַזאַ שנעלער פאַרוועלקונג, וואָלט געווען נישט ערלעך, — עס זענען געווען גענוג דרויסיקע אומשטענדן, וואָס האָבן גע־מוזט דערפירן דערצו. אָבער פּונקט אַזוי וואָלט נישט געווען ערלעך צו זאָגן, אַז דער „בונד" האָט צו פאַרדאַנקען זיינע אייגנ־שאַפטן פאַר דעם גרויסן דערפאָלג פון זיינע ערשטע יאָרן. דער

„בונד" איז שוין אין משך פון זיין לעבן געווען אי אַ זיגער אי אַ באַזיגטער. אָבער אויב מיר וועלן האָבן אַמאָל די זכיה, אַז אַ באַרופענער היסטאָריקער זאָל אָנשרייבן די געשיכטע פון אָט דער גרויסער מאַסן-באַוועגונג אונדזערער, ווינטשן מיר זיך, אַז ער זאָל זיך ניט האַלטן אָן קיין שאַלקהאַפטיקע כללים: אמתע גערעכטיקייט משפּט דעם זיגער און דעם באַזיגטן אָן נשיאת-פּנים פאַר קיינעם פון זיי.

דער בלי-פּעריאָד פונעם „בונד" איז צוזאַמענגעפאַלן מיט אַ מאָמענט, ווען די נשמה פון די יידישע מאַסן איז געווען באַזונדערס פריש און פילבאַר — זענען עס דאָך געווען די יאָרן 1904-5! די ווירקונג פון דער דאָזיקער באַוועגונג אויף די יידישע מאַסן איז געווען דעריבער אַן אויסערגעוויינלעך שטאַרקע. עס וועט שוין נישט מעגלעך זיין צו פאַרשטיין אונדזער פאָלקס-פּסיכיק און די געשיכטע פון אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט, אויב מען וועט נישט האָבן אין זינען די ווירקונג פון דער בונדישער באַוועגונג. מען וועט מוזן שטודירן גרינטלעך די געשיכטע און דעם מהות פון דער דאָזיקער באַוועגונג, און מען וועט דאַרפן צוגיין דערצו אָן פּאַנאַטישער איינזייטיקייט, אָבער אויך מיט טיפן יראת-הכבוד פאַר דער באַוועגונג, וואָס האָט פאַר אַ צייט פאַרכאַפּט הונדערטער טויזנטער אַרבעטער אין מאָמענטן פון סאָציאַליסטישן עקסטאַז.

מיר ווילן אָבער צו דער געלעגנהייט פונעם היינטיקן דאַטום אין דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אָנווייזן אויף אַ פּאָר שטריכן פון דער בונדישער ווירקונג, וועלכע מיר זעען באַזונדערס בולט.

קודם-כל, אַ גרויסע מעלה אירע, וואָס דערקלערט פאַר אונדז אַגב איינע פון די סיבות, פאַרוואָס אָט דער באַוועגונג איז באַשערט געווען אַזאַ קאָלאָסאַלער צוציאונגס-כוח: דער „בונד" איז געווען די ערשטע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס איז אויפגעקומען פון די טיפעניש פון די יידישע מאַסן, וואָס זענען דערצו געווען איינגעוואָרצלט אין אַן איינגעפונדעוועטן און לעבעדיקן ישוב. עס

זענען געווען שוין פריערדיקע יידיש-סאָציאַליסטישע באַוועגונגען אין ענגלאַנד און אין צפון-אַמעריקע. געווען שוין אפילו פריער אין רוסלאַנד גופא אַ גרויסע צאָל יידישע סאָציאַליסטן. יענע זענען אָבער געקומען פון דרויסן, מיט דורכויס פרעמדע ווירקונגען און אָן נויטיקער פאַרשטענדעניש פאַר די ספּעציעלע פּראָבלעמען פון די יידישע מאַסן. די יידישע סאָציאַליסטישע מענטשן האָבן זיך געוואָרפן פון עקסטרעמען קאָסמאָפּאָליטיזם צום עקסטרעם-ענגן נאַציאָנאַליזם. אין דעם לעצטן פאַל פלעגן זיי מערסטנס פאַרלאָזן אין גאַנצן דעם סאָציאַליזם. זיי האָבן נישט געקענט מאַכן, אינער-האַלב דעם סאָציאַליזם, דעם נויטיקן סינטעז צווישן די וואָרע נאַציאָנאַלע באַזונדערקייטן און דער נישט ווייניקער וואָרער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַרישקייט, וואָס ביידע קען מען נישט פאַרלייקענען, סיידן מען זאָל דערביי מיט גוואַלד פאַרמאַכן די אויגן. דעם „בונד" איז באַשערט געווען אַרויסצוגיין פון דעם נסיון אויף אַ כמעט צופרידנשטעלנדיקן אופן: אויסגעמיטן אי דעם אַבסטראַקטן קאָסמאָפּאָליטיזם פון די פאַרגייער, אי דעם אתה-בחרתנו-נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט אויפגעפרעסן, אַ שטייגער, דעם סאָציאַליזם פון נישט איין אייראָפּעאישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי.

דער יידישער אַנאַרכיזם, וואָס האָט ביז איצט געלעבט זייער ווייניק מחוץ פון דער עמיגראַציע, האָט נאָך ביז איצט נישט אויסגעאַרבעט פולשטענדיק יענעם נויטיקן סינטעז. דער יידישער אַנאַרכיזם האָט נאָך ביז איצט נישט אויסגעשטודירט אין זיין ליכט די קאָמפּליצירטע ספּעציפישע יידישע פּראָבלעמען. עס זענען נאָך אַפילו פאַראַן רעשטלעך פון די אַלטע קאָסמאָפּאָליטן, פאַר וועלכע עס איז מותר זיך אָפּצוגעבן מיט עטיאָפּיע און מיט כינע, אָבער עס איז אָסור צו דערמאָנען אַפילו ספּעציעל יידישע פּראָבלע-מען. דאָס איז אַ גרויסער שאָד אי פאַרן אַנאַרכיזם, אי פאַר די פּראָבלעמען פון די יידישע מאַסן: עס איז אַ שאָד פאַרן אַנאַרכיזם, מחמת אידעען קאָנען זיך אויסלעבן פולבלוטיק בלויז ווען זיי באַ-

העפטן זיך מיטן וואָרן קאָנקרעטן לעבן פון דער סביבה, צווישן וועלכע די אידעען ווירקן. און עס איז אַ שאָד פאַר די יידישע פּראָבלעמען, מחמת דאָרטן, וואו דער אַנאַרכיזם האָט זיך צוגע־רירט צו יידישע מאָמענטן, האָט ער זיך אַרויסגעוויזן נישט דער ערך פּרוכטבארער, ווי, למשל, דער „בונד". עס קען, צ"ב, נישט זיין קיין בלויזער צופאַל, וואָס אַ גאַנצער דור ליטעראַטן איז אויפגע־וואַקסן אין דער „פרייער ארבעטער-שטימע". און עס איז דער דור פון מ. ל. האַלפּערן, לייוויק, מאַני לייב, לאַנדוי, נאַדיר!... אָדער דערמאָנען בלויז מעריסאָנס און לעאָנטיעווס און נאָכדעם יאַ־נאָווסקים „פרייע געזעלשאַפט", דעם פאַרלאַג „ארב. פריינד" און דעם „זשערמינאַל". אויף צו קריגן אַ באַגריף פונעם קאָלאָסאַלן חילוק אין צוגאַנג און קאָנצעפּציע פון ארבעט צווישן אַנאַרכיסטן און בונדיסטן, דאַרף מען אפשר בלויז פאַרגלייכן די „קראָפּאָטקין ליטעראַטור-געזעלשאַפט" און די „יידישע ענציקלאָפּעדיע". — בעת די „קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט" האָט באַוויזן מיט אַזוי פיל פּיעטעט און קולטור אַרויסצוגעבן די ווערק פון מאַרקס, לאַסאַל א"אנד נישט אַנאַרכיסטן, האָבן די בונדיסטן ביי דער ענ־ציקלאָפּעדיע נישט פאַרגינען אַ מעריסאָנען, צי אַ ראָקערן, צי אַ י. נ. שטיינבערגן, אָנצושרייבן די אַרטיקלען וועגן אַנאַרכיזם. די בונדיסטן האָבן באַדאַי קאַליע געמאַכט זייער אַרבעט, פּשוט פּ אַ ר פּ ל ע ק ט, מיט אַרטיקלען פון נישט באַרופענע און נישט גענוג צוגעגרייטע מענטשן. די אַרטיקלען וועגן אַנאַרכיזם אין דער ענציקלאָפּעדיע זענען אָנגעשריבן פון פלאַכע בונדישע זשור־נאַליסטן און זענען פול מיט פּאַרטייאישע בבא-מעשות (מיר זאָגן נישט שקרים, ווייל — אַ קשיא אויף אַ מעשה — אפשר גלויבן טאַקע יענע פאַרפאַסערס אין זייערע אומזיניקייטן) און אפילו איינפאַכער עם-הארצות, וואָס האָט שוין גאָרנישט וואָס צו טאָן מיט פּאַרטייאישקייט. און דער פאַרגלייך צווישן דער „קראָפּאָטקין ליטעראַטור-געזעלשאַפט" (וואָס די ענציקלאָפּעדיע

קען אגב ריכטיק דעם נאָמען אירן נישט אָנגעבן) און דער ענצי-קלאָפּעדיע, איז דאָך בלויז איין ביישפּיל!

אַלנפאַלס, דעם בונדס גרויסער, היסטאָרישער פאַרדינסט איז, וואָס ער האָט באַוויזן צו פאַרוועבן זיין אידעאָלאָגיע און זיין טע-טיקייט מיטן רעאַלן לעבן פון די יידישע מאַסן אין די מזרח-אייראָ-פּעאישע לענדער.

מיר באַטאָנען אָט די זייער גרויסע מעלה פונעם בונד טאַקע, ווייל די פּרייהייטלעכע יידישע סאָציאַליסטן האָבן נאָך אין דעם פּרט אַ סך צו דערגרייכן. ווען נישט דער דאָזיקער אומשטאַנד — געפינען מיר פאַר דורכוים נויטיק צו דערקלערן — וואָלטן מיר וועגן דעם בונדס מעלות נישט גערעדט: מיר האַלטן פאַר נוציקער צו ריידן וועגן דעם בונדס גרויסע חסרונות, וואָס האָבן געהאָלפן קאַליע מאַכן ביז גאָר אונדזער סאָציאַליסטישע גייסט-שאַפטלעכקייט.

און מיר האַלטן פאַר נוציקער צו ריידן וועגן די חסרונות נישט דערפאַר, ווייל מיר האָבן אַזוי ליב צו ראַיען זיך דווקא אין די קראַנקע ערטער פון אַנדערע באַוועגונגען ווי אונדזערע — אדרבא, אונדז איז ליב צו זען בלויז דאָס פּאָזיטיווע אין מענטשן. און מיר גיבן זיך אָפּ קלאָרן חשבון, אַז די גרויסע מערהייט פון דער מענטשהייט שטייט מחוץ פון אונדזער באַוועגונג. און אָט די מענטשהייט ליבן מיר, און אין אָט איר גלויבן מיר. ווען אַלע אַנ-דערע באַוועגונגען וואָלטן געהאָט בלויז חסרונות, וואָלטן מיר בכלל נים געקענט גלויבן אין מענטשן. איז אָבער די מעשה, וואָס וועגן דעם בונדס מעלות וועלן שוין אַ סך מענטשן שרייבן און זיך אי-בערשרייבן, בעת יענע נעגאַטיווע זייטן, וואָס מיר זעען זיי, וועלן זייער וויניק באַמערקן.

דער „בונד" האָט, ליידער, נישט בלויז אויפגעוועקט גרויסע מאַסן יידישע אַרבעטער צו סאָציאַליסטישע געדאַנקען און סאָ-ציאַליסטישער אַרבעט, נאָר אויך אָפּגעטעמפּט און פאַרפלאַכט ביי די מאַסן דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק און אָפּגעטויט די פעאיקייט

צו געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. די דאָזיקע פּאַרטיי האָט אָנגעהויבן מיט אויפוועקן מאַסן-איניציאַטיווע און ביסלעכווייז דערהרגעט די פעאיקייט צו איניציאַטיוו ביי די מאַסן. האָט אָנגעהויבן מיט וועקן די ווירדע פון די אַרבעטער אַנטקעגן די באַלעבאַטים איבער זייער לעבן און פאַרענדיקט מיט פאַרשקלאַפן די זעלביקע אַרבעטער גייסטיק, מאָראַליש און — וואו מעגלעך — אויך פיזיש צו די „פּי-דער", וואָס דאָס איז אַ מין מענטש פון אַ סך אַ נידעריקערן מהות ווי די בורזשואַזיע גופא.

מיר האָבן אין פריערדיקן אַרטיקל „פּערציק יאָר פּאָליטיק" אָנגעוויזן אויף אַ מאָדנעם פאַקט, וואָס מיר ווילן זיך איצט אויף אים אָפּשטעלן אַ ביסל לענגער: — די יידישע מאַסן-עמיגראַציע קיין בוענאָס-איירעס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1905, אין די סאַמע בלי-יאָרן פון „בונד". ווער מער, ווער ווייניקער, אַ גאַנצער דור אימיגראַנטן זענען אַהער אָנגעקומען מיט השפעות פונעם „בונד". מען האָט אָנגעהויבן אין בוענאָס-איירעס נישט פון בתי-מדרשים, פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטן צי פון לאַנדסמאַנשאַפטן, נאָר פון פּאַרטיי-קרייזן, ביבליאָטעקן, אַרבעטער-קאָאָפּעראַטיוועס, קעגנ-זייטיקע הילפס-פאַראיינען, סינדיקאַטן, וכדומה. איצט, נאָך העכער דרייסיק יאָר זינט יענעם אָנהייב פון שטאַטישער מאַסן-אימיגראַציע, האָבן מיר אין בוענאָס-איירעס... פּרעכטיקע בתי-מדרשים, שיינע פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטן, זייער לעבעדיקע לאַנדסמאַנשאַפטן, קווענטעניקעס-קאָאָפּעראַטיוועס, בענקלעך מיט טויזנטער מיט-גלידער. און דווקא אַזוי גוט ווי קיין איין אָרגאַניזאַציע פון דעם מין, וואָס די מענטשן מיט די בונדישע איינפלוסן האָבן אייגנטלעך געדאַרפט אויפבויען. עס עקזיסטירן אַ פּאָר אָרעמע שולעס, אַ פּאָר האַלב-טויטע ביבליאָטעקן, וואָס זייער געמאַטערטע לעבן שטרייכט בלויז אונטער דעם משונהדיקן בלויז אין אונדזער געזעלשאַפט-לעכקייט. און דאָ קאָן נישט דינען פאַר קיין תירוץ די ערגערע עקאָנאָמישע לאַגע פון די אַרבעטער לגבי די בירגערלעכע עלע-מענטן. ערשטנס האָבן מיר געזען, אַז די צענדלינגער טויזנטער

אַרבעטער, קאָנען זיך צוזאַמענעמען און שאַפֿן אַן „אַרבעטער-רינג״ אין ניו-יאָרק, קאָנען שאַפֿן ערגעץ אַנדערש ריזיקע אַרבעטער-קאָאָפּעראַטיוועס. די היגע גוישקע אַרבעטער האָבן אויך אַזעלכע אַנשטאַלטן, זיי האָבן אַפילו... סינדיקאַטן. צווייטנס, זענען נישט אַלע יידיש-בירגערלעכע אַנשטאַלטן דאָ אויפגעבויט געוואָרן פֿון גרעסערע גבירים ווי די אַרבעטער. פֿון גרעסערע אינטעליגענטן אַוודאי נישט.

עס קען נישט זיין קיין בלויזער צופֿאַל, וואָס די פּשוטע פֿאָלקס-מענטשן קענען בויען און שאַפֿן, בעת די סאָציאַליסטישע מענטשן ווייזן זיך אַרויס פֿאַר אַזעלכע לא-יצלחם. פּונקט ווי עס קען נישט זיין קיין פּשוטער צופֿאַל, וואָס גראָד ווען נאָך דער מלחמה האָט געקומען צופֿליסן אַהער אַ יידישע עמיגראַציע מיט אַזאַ שטראָם, וואָס האָט געדעקט דעם פֿריערדיקן רעלאַטיוו קליינעם יידישן קיבוץ, און די דאָזיקע אימיגראַציע מיט מאַרקסיסטישע השפּעות האָט פֿאַרטריבן די אַנאַרכיסטישע אַקטיוויסטן פֿון די יידישע סינדיקאַטן, האָבן תיכף די דאָזיקע סינדיקאַטן גענומען וועלקן און פֿאַרלוירן דאָס גאַנצע ביסל חיות אין בעסטן פֿאַל און — אין אַ סך פֿאַלן — פּשוט אונטערגעגאַנגען. עס קען נישט זיין קיין פּשוטער צופֿאַל, וואָס די יידישע אַרבעטער טויגן זיך בלויז אויס אויף צו מאַכן צרות אין די גוישקע סינדיקאַטן: אויף צו ברעכן זיי, ווען מען דאַרף; אויף צו „פֿאַראייניקן״ זיי, ווען מען הייסט; אויף אונטערצוהאַלטן מיט מסירת-נפֿש און מיט פֿאַשיסטישע גענג אַלערליי אומפֿאַראַנטוואָרטלעכע, אומערלעכע, געלע פּאָליטיקער, — בעת די זעלביקע יידישע אַרבעטער קענען נישט אָרגאַניזירן קיין פֿאַך, וואו די גוים זענען נישטאָ אָדער זענען אַ מינדערהייט (שניידער, היטלמאַכער, אאַז״וו.).

אוודאי פֿאַלט די דירעקטע שולד פֿאַר דעם אַלעמען איבערהויפּט אויף אַ מאַרקסיסטישער פּאַרטיי, מיט וועלכער דער „בונד״ איז אויף מעסער-שטעך. אָבער, מען קען אָנווייזן אויף דער סטע-

ריליזירנדיקער ווירקונג אויף דער מאַסן-איניציאַטיוו פונעם מאַרק-סיזם אויך בעת דער בונדישער העגעמאָניע, ה ג ם א י ן אַ פ י ל ק ל ע נ ע ר ע ר פ ר אַ פּ אָ ר ץ. אָבער די הויפּט-זאַך איז, וואָס דער „בונד" האָט צוגעגרייט צווישן די יידישע אַר-בעטער דעם באָדן פאַר אַזעלכע שעדלעכע השפעות, וואָס סוף-כל-סוף זענען זיי מאַרקסיסטישע און שיידן זיך אונטער פון די בונ-דישע בלויז מיט דעם, וואָס זיי זענען קאָנסעקווענטער מאַרקסיס-טיש, קאָנסעקווענטער פאַנאַטיש, קאָנסעקווענטער אונטערגעוואָרפן דעם „פירער", דער דרויסיקער פאַרטיי-דיסציפּלין. און וואו איז — סוף-כל-סוף — די ווירקונג א י צ ט פון דער גרויסער צאָל בונדישע אַרבעטער, וואָס זענען אַריבערגעקומען מיט דעם נאָך-מלחמהדיקן אימיגראַציע-שטראָם? וואו איז זייער איניציאַטיוו? וואו איז זייער קאָמפּסלוסטיקייט? צי קאָנען זיי זיך אַליין קיין עצה נישט געבן אָן זייערע פירער פון פּוילן?

דעם בונדס גרונט-חסרונות, וואָס די געשיכטע וועט קיינמאָל נישט מוחל זיין, שטעקן אין דער מאַרקסיסטישער דאָקטרין און אין דעם מלוכישן פּסיכאָז, וואָס דער „בונד" האָט פאַרפלאַנצט אין די יידישע מאַסן. מיר וועלן נאָך דאַרפן ריידן עטוואָס מער באַרי-כות וועגן דער מאַרקסיסטישער תורה, וואָס האָט אָפּגעטעמפּט און פאַרפלאַכט מוחות, אָפּגעטויט דעם דרך-ארץ צום הומאַנעם ביז פאַרוואַנדלען דאָס וואָרט הומאַניזם גופא אין אַ שימף-וואָרט. נאָך מער וועט אונדז זיין נייטיק צו באַהאַנדלען דעם מלוכישן פּסי-כאָז, וואָס האָט געמאַכט די יידישע מאַסן „לייטן-גלייך", שיעור נישט „דייטשן-גלייך".

מיר ווילן דערווייל אָנווייזן אויף איין פאַקט, וואָס קיינער האָט נאָך נישט געזען — ווען דליק מיר ווייסן — אין זיין אמתער ליכט. עס איז אָבער אַ וויכטיקער פאַקט, וואָס קאָן געבן דעם שליסל צו זייער וויכטיקער נאָכטראַכטונג.

מאָדנע, דער דאָזיקער אַזוי באַרימטער פאַקט דאַרף אייגנטלעך

פאַר אַ ריכטיקן בונדיסט אויסזען ווי אַ קוריאָז, ווי אַ משונהדיקער פּאַראַדאָקס — ווי האָבן עס בונדיסטן ביז איצט נישט באַמערקט?

מיר מיינען דעם פאַל הירש לעקערט. ווער עס דערמאָנט די ערשטע האָניק-יאָרן פונעם בונד, דערמאָנט זיך באַלד אָן יענעם העראָאישן פאָלקס-קינד. נישט נאָר מען דערמאָנט זיך אָן אים, נאָר מען האַלט לעקערטן — און מיט רעכט — פאַרן סימבאָל פון דער דעמאָלט ברוזנדיקער מאַסע, וואָס האָט אויפגעוואַכט ביז אין די אינטימסטע נשמה-טיפענישן מיט דורשט צו גערעכטיקייט און ווירדע.

איז גאָר קיינעם נישט איינגעפאַלן צו פאַרקלערן זיך, אַז גראָד יענער הירש לעקערט, יענער סימבאָל פון דער בונדישער מאַסע אין העראָאישן אָנהייב יאָרהונדערט האָט געהאַנדלט פולע הונדערט פראָצענט אי קעגן דער טעאָריע, אי קעגן דער דיסציפּלין פונעם „בונד“?

מיר ווילן נישט, אַז ערגעץ אַ נאַאיווער לייענער זאָל אונדז שלעכט פאַרשטיין: עס גייט דאָ נישט אום לעקערטס טאַט גופא, נאָר וועגן דער העראָאישקייט פון יענעם טאַט און פון יענעם עכטן פאָלקס-קינד, וועגן דעם וואַכן געוויסן, וועגן דער פרייער איניציאַטיוו, וואָס זענען געווען טאָקע באמת כאַראַקטעריסטיש פאַר די בונדישע מאַסן אין די ערשטע יאָרן. קעגן אַזעלכע טאַטן, ווי לעקערטס, האָט שוין נישט קיין קלענערער רעוואָלוציאָנער, ווי מאַלאַטעסטאַ, אָפּגעפּילט פון זיינע בעסטע פיילן. די פרייהייטלעכע סאָציאַליסטן האָבן שוין אין זייער גרויסער מערהייט און זינט לאַנגע יאָרן איבערגעלאָזט דעם טעראָר פאַר אַזעלכע, ווי — להבדיל — די מערדער פון די קראַנשטאַטער אין רוסלאַנד און בערנערין אין שפּאַניע, אָדער די רוצחים פון אַ מאַטעאָטי אין איטאַליע און ראַסעלי אין פראַנקרייך, צי פון אַן עריך מיזאַם אין דייטשלאַנד.

פאַר אונדז אָבער איז דער פאַל לעקערט נישט מער פּאַראַדאָקסאַל, ווי דער גאַנצער בונדישער סאָציאַליזם. דער פּאַראַדאָקס

פון א דאָקטרינע, וואָס וויל באפרייען דעם מענטשן פון רעליגיעזן אָפיום, לערנט אים נישט צו גלייבן אין תורת-משה און... הייסט אים באַלד ג ל יי ב ן אין דער מאַרקסיסטישער תורה, וועלכע האָט פאַר די נײַנציק יאָר, זינט זי איז אויפגעקומען, אָפּגעוועלקט מער ווי משהס תורה פאַר טויזנטער יאָרן. דער פּאַראַדאָקס פון אַ סאָציאַ-ליזם, וואָס צילט צו עטישער, ווירדיקער מענטשהייט, און פאַר וועלכער מאָראַל, ווירדע און מענטשלעכקייט גופא זענען בורזשואַזע פאָראורטיילן. דער פּאַראַדאָקס פון סאָציאַליזם און... מלוכה, טאָטאַליטאַרע מלוכה; פרייהייט און טאָטאַלע שקלאַפעריי; פריי דענקען און נישט פריי ריידן אפילו, אוודאי נישט פריי האַנדלען — וואַרטן אויף אינסטרוקציעס פון „פירער"!

די יידישע מאַסן האָט צוגעצויגן צום „בונד" נישט די בונדי-שע תורה, נישט די בונדישע טאַקטיק, נאָר דער סאָציאַליזם בכלל, די בענקשאַפט נאָך גערעכטיקייט, נאָך פרייהייט, נאָך שיינקייט און ווירדיקייט פון מענטשלעכן לעבן. אָט וואָס פאַר אַ פּרינציפּן עס האָבן געבראַכט צום בונד די הונדערטער טויזנטער הירש לע-קערטס!

דער אומגליק איז געווען, וואָס די תורה און דער מלוכישער פּסיכאָז און די טאַקטיק האָבן זיך לאַנגזאַם צוגעקלעפּט צו די מאַסן און לאַנגזאַם טאַקע אָפּגעטויט ביי זיי דעם סאָציאַליזם. עס איז נישט קיין פּאַראַדאָקס, נאָר עס איז אַ טרויעריקער אמת, אַז די יידישע סאָציאַליסטן האָבן געפּטרט דעם יידישן סאָציאַליזם. אָט פאַר וואָס עס האָבן זיך אויסגעלאָזט די לעקערטס, און מיר זענען געבליבן מיט עקרדיקע, איניציאַטיוולאָזע „סאָציאַליסטישע" אוי-טאָמאַטן.

אָקטאָבער, 1937

ווי אַלע פעלקער

„אשמנו מ כ ל העם!" — אַזוי פיל מסתמא נישט. אָבער „אשמנו כ כ ל העם" איז אויך צופיל: וועדליק אונדזער אומ־טערלישן גורל און וועדליק די תורות, וואָס מיר גרויסן זיך, אַז מיר זאָלן זיי האָבן געשאַפן.

אונדזער איצטיקע לאַגע אויף דער וועלט איז אַזוי וואונ־דערלעך גרויליק, ווי אין די טראַגישסטע מאָמענטן אין אונדזער געשיכטע. קענען מיר פונדעסטוועגן זאָגן אויף זיך, אַז מיר לעבן איצט איבער אַ טראַגעדיע? טראַגעדיע איז דאָך נישט פּאַסיוו ליידן, עס איז דאָך קאַמף, צוזאַמענשטויס פון קעגנגעזעצטע ווילנס, צוזאַמענשטויס פון גורל מיט מענטשלעכן ווילן.

טראַגיש, למשל, איז אָן שום ספק געווען דער צונויפטרעף פון די יודייער מיט דער רוימישער מאַכט. אין דער מלחמה „ביז לעצט" צווישן יהודה און רוים איז געווען אי בלינדער קאַפּריז פון גורל, אי אַ שאַרף־אַנזיכטיקער ווילנס־מאָמענט: די יודייער האָבן געקעמפט פאַר זייער בולט אַנדערשדיקער פּערזענלעכקייט, פאַר זייער דיאַמעטראַל קעגנזעצלעכער וועלט־אַנשויאונג. עס איז געווען אַ מלחמה פאַר משהם עשרת הדברות קעגן גראָבער געצנדינעריי, פאַרן פּרינציפּ פון יושר קעגן פּרינציפּ פון געוואַלד.

די מלחמה מיט רוים האָט די יודייער געקאָסט זייער גרויסע קרבנות, אָבער אין עיקר, אינעם ווילנס־מאָמענט, האָבן גראָד די פיזיש שוואַכערע יודייער אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון: די יודייער האָבן אויפגעהיט זייער אַנדערשדיקע פּערזענלעכקייט און אַפילו אָנגעטיילט די רוימער, אויב נישט מיט ד ע ם יידישן גאָט, איז אָבער פאָרט מיט אַ יידישן גאָט. אַ גאָט, וואָס איז געבאָרן געוואָרן

אין אַ שטאַל, ביי אַ פאַמיליע סטאָליאַרעס! אַ גאָט, וואָס האָט גע-לעבט אין אָרעמקייט און פאַרפאַלגונגען און געשטאָרבן אויף אַ קרייץ צווישן צוויי חברים גנבים! באמת הערלעך יודייאיש! ווען נישט אַ פּאָר איבעריקע קליינקייטן — וואָלט אָט דער גאָט גע-ווען ממש אַן אידעאַל. עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס זיין מוטער איז געבליבן אַ בתולה נאָכן געבוירן אים. אַ שאָד וואָס ער האָט גע-מאַכט קונצן מיט פאַרפּילפּאַכן ברויטן, מיט גיין איבערן וואַסער, מיט מחיה-מתים זיין און וואָלט ער נאָר נישט גערעדט מיט אַזאַ אויטאָריטערן טאָן! און וואָלט נאָר ביי זיין קרייציקונג די זון נישט פינצטער געוואָרן אין מיטן טאָג, אָט ווי עס איז די זון נישט פינצ-טער געוואָרן אין דעם טאָג, ווען סטאַלינס מערדער האָבן דער-הרגעט קאָמילאָ בערנעריין!

צי זענען די רעזולטאַטן ווערט געווען די גרויסע קרבנות? — די יודייער האָבן אַזעלכע קשיות נישט געקענט שטעלן: עס איז אין דער יודייאישער איינשטעלונג נישט געווען קיין שפּעלטעלע, וואו אַזעלכע ספקות זאָלן זיך אַריינכאַפּן. אָבער אויך א ו נ-ד ז ע ר ד ו ר — מ ו ז א י ך ג ל ו י ב ן — האַלט אין די טיפעניש פון דער נשמה, אַז קרבנות פאַר גרויסע צילן זענען כדאי. ווען נישט, וואָלט אונדז דער גורל נישט אָפּגעהיט פון דער זינד, אַז אונדזערע זשאַבאָטינסקים זאָלן זיין פאַר אַנדערע דאָס, וואָס די היטלערס און די קוזאָס זענען פאַר אונדז. עס וואָלט באמת געווען צו שרעקלעך, אַז טויזנטער יאָרן קאַמף און פיין און משיח-גלויבן זאָלן זיך אויסלאָזן אין אַ זשאַבאָטינסקישן זיג!

אָבער באַוואוסטזיניק אויפן „יודייאישן" גלויבן זענען מיר נישט. לכל הפחות זענען עס נישט די אַזוי גערופענע אַנפירנדיקע עלעמענטן אונדזערע (גאָט! — סאַראַ שטויביק קליינע באַשעפע-נישן עס זענען אונדזערע „אַנפירנדיקע"! עפּעס נאָך נישטיקער זעען זיי מיר אויס, ווי זייערע אומות-העולמדיקע קאָלעגן!). על-כל-פנים, קיין באַוואוסטזיניקן קאַמף פאַר אַזאַ גלויבן פירן מיר נישט! — און צי פירן מיר דען איבערהויפּט אַ קאַמף? צי זענען מיר

טאַקע עפּעס אַנדערש, ווי אַ פּאַסיווער צד אין דער מלחמה, וואָס די נעאָ-רוימער פירן אָן קעגן אונדז? און צי האָבן מיר גאָר אידעען און צילן, וואָס זאָלן זיין אַנדערש ווי די שונאימשע? שטופּט אונדז דען צו מלחמה דער פאַרלאַנג אויפצוהאַלטן אָן אייגענעם פּנים, צי דורכזועצן אייגענע אידעאַלן? צי האַלטן מיר זיך דען נישט אין דעפּענסיוו? און צי באַגרענעצן מיר דען נישט די דעפּענסיוו גופא צום אויפהאַלטן נישט מער ווי אונדזער איינפאַכן גופישן קיום?

דאָס גאַנצע פּראָגרעסיווע סנאָבנטום אונדזערס איז אַמאָל באַפאַלן ביאַליקן, ווייל ער האָט געזאָגט, אַז היטלער איז פאַר די יידן אַ נס. אָבער גערעכט איז פּאָרט געווען ביאַליק — היטלער איז פאַר אונדז אַ נס, וואָס עס איז אפשר גאָרנישט אַזוי לייכט צו דערקלערן זיך, מיט וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו אים:

אָט האָבן דאָך איטאַליענישע יידן מיטגעאַרבעט מיט מוסאָליני אין גלייכער פּראָפּאָרץ, ווי אַלע איטאַליענער. אָט האָבן יידן אָנטיילגענומען און געשטיצט די דייטשע רעגירונג, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר גוסטאַוו לאַנדויערס מאַרטירער-טויט. מיר האָבן דאָך אַפילו אייגענע זשאַבאָטינסקים. — צי זענען מיר זיכער, אַז דאָס דייטשע יידנטום וואָלט דערפילט אין זיך דעם „יודייאישן גאָט”, און געפונען אין זיך דעם כוח צו פאַרטיידיקן אים קעגן וואָטאַן? צי וואָלטן די דייטשע יידן דערקלערט אַ מלחמה פאַר יושר און מענטשלעכער סאָלידאַרישקייט קעגן געוואַלט און רציחה? צי וואָלט דאָס דייטשע יידנטום נישט מיטגעשלעפּט געוואָרן אין היטלערישן נעאָ-פּאַגאַניזם, ווען היטלער וואָלט נאָר פאַר זיי נישט פאַרהאַקט די טיר צו דער גענצנדיגערישער סעודה פון בלוט און באַוועלטיקונג?

פאַראַן צווישן אונדז זייער קורצזיכטיקע מענטשן, וואָס מיינען, אַז עס איז פאַראַן אַ תוכיקער אונטערשייד צווישן די מערבדיקע יידן און אונדזערע אָסט-יידן. מען גלויבט, אַז די מערב-יידן זאָלן כלומרשט זיין מער אַסימילירט ווי מיר זענען עס. אָבער דער

אומגליקלעכער אמת איז דאָך, אַז די מזרחדיקע יידן זענען נישט ווייניקער אַסימילירט, ווי זייערע מערבדיקע ברידער, הגם מיר, מזרחדיקע, ריידן אַ יידישע שפּראַך און בילדן אַ באַזונדערן קיבוץ. דער קיבוץ גופא אונדזערער איז אַן אַסימילירטער, אויב מיר לאָזן נאָר אויס די יידן מיט די לאַנגע קאַפּאָטעס, מיט בערד און פאות. און אפשר אָט די אויך — עפּעס האָבן שוין די אויך אַן אגודת ישראל!

דער גאַנצער חילוק אין אַסימילאַציע צווישן די וועסט- און אָסט-יידן זעט מיר אויס נישט ערנסטער, ווי דער חילוק צווישן דורכשניטלעכן אַסימילאַנט און דורכשניטלעכן ציוניסט: דער אַסי-מילאַנט וויל זיין „ככל הגויים” אין דעם לאַנד, וואו ער געפינט זיך, בעת דער ציוניסט וויל אויך זיין „ככל הגויים”, אָבער באַזונדער, אין פּאַלעסטינע. אין תוך, גייט דעם ציוניסטס שטרעבונג צו זיין „לייטן גלייך” נאָך פיל ווייטער ווי דעם אַסימילאַנטס. ס'איז נאָר פאַראַן צווישן ביידן אַ חילוק אין טאַקטיק. ביידע — סיי דער ציו-ניסט און סיי דער אַסימילאַנט, — ווילן זיך אויסלייזן פון יידיש-קייט. דער ציוניסט גלויבט אָבער נישט, אַז ער וועט עס קאָנען אויספירן אין גלות. ער וויל דערפאַר אַ באַזונדערע טעריטאָריע, וואו ער וואָלט האָבן אַן „אייגענע” מלוכה, אַן „אייגענע” פאָן, „אייגן” מיליטער, „אייגענע” תפיסות, „אייגענע” קאַדעקסן. די אייגענע קאָדעקסן — פאַרשטייען אַלע, — אַז דאָס דאַרפן זיין גוישע גע-זעץ-ביכער, איבערגעזעצט אויף אַן „אייגענער” שפּראַך. — נו, און די מלוכה, און די תפיסות, און די פאָן, און דאָס מיליטער — זענען זיי דען מער ווי מעכאַנישע איבערזעצונגען פון גוישע אָריגינאַלן? און אַפילו לגבי דער „אייגענער” שפּראַך ווייזט דער ציוניסט אַרויס דעם גאַנצן סנאָבישן אַסימילאַנט: אַפילו פאַר אַן „אייגענער” שפּראַך האָט ער אויסגעקליבן נישט דאָס לשון, וואָס ער רעדט, נאָר אַזעלכן וואָס די גויים רעספּעק-טירן... אין אַן „אייגענעם פאָטערלאַנד” וויל דאָך דער ציוניסט אָפּ-

זאָגן זיך פון די הערלעכסטע בלעטער פון דער יידישער געשיכ־טע, וואָס ביי אים הייסן זיי „שענדלעכער" (!) גלות...

אונדזער אָסט־יידישע אַסימילאַציע גייט, אין תוך, אפשר ווייטער ווי די פון די מערב־יידן. זינט מיר האָבן פאַרוואָרפן די טראַדיציאָנעלע יידישע קליידונג, האָבן מיר זיך גענומען יאָגן נאָך אַ ל ע אייראָפּעאישע מאָדעס, נישט דווקא נאָך די קליידער־מאָדעס אליין. — וועלכע מאָדישע געצנדינערייי האָבן מיר דען אויסגעלאָזט? און ס׳איז אַ ספק, צי מיר האָבן איצט צווישן זיך — אין פאַרגלייך צו אַנדערע — אַ גרעסערע פּראָפּאָרץ מוטיקע מענ־טשן, וואָס וואָגן אַרויסצואווייזן אפיקורסות לגבי די הערשנדיקע אָפּגעטער. און די קליינע צאָל מוטיקע מענטשן, וואָס מיר האָבן יאָ, פאַריאָגן מיר אָדער מיר באַמערקן זיי אינגאַנצן נישט — סיי־ווי־סיי שטעלן מיר זיי אָן אַ זייט פון אונדזער קיבוץ, „מחוץ למחנה".

מיר האָבן נישט קיין בירגערטום אויף אָפּצונעמען עס ביי אונדזערע אמתע נביאים — אָבער פון וואָסער „לאַנד" איז געווען אַ בירגער דער נאַר־וואָס פאַרשטאָרבענער גאונישער ריז יעקב מאיר זאַלקינד? — ווער האָט אים געקענט? ווער האָט אים „געדאַרפט"? אפילו די „איטאַ" האָט נישט געפונען פאַר נייטיק צו טעלעגראַ־פירן וועגן טויט פון אָט דער ריזיקער פּערזענלעכקייט, אַ שטייגער ווי מ׳וואָלט יאָ טעלעגראַפירט, אויב עס וואָלט געגאַנגען אין אַ יידישן פּאָליציי־עלטסטן, אָן אַ דריטקלאַסיקן משרת (פירער) אין אַ לייטישער (מאָדישער) פּאַרטיי, אָדער אום אַ מיטלמעסיקן זשור־נאַליסט מיט פאַרבינדונגען אין איינער פון אונדזערע קאַמאַריליעס.

עס איז דאָך דער טרויעריקער אמת, אַז גראָד ווי צווישן די ערגסטע גוישקע מוסטערן הייַנטיקע, באַהערשן אונדזער עפנטלעך לעבן דווקא די פאַלשע נביאים, די, וואָס זאָגן נביאות נאָך אַ מאָדע נאָך, פאַר געלט אָדער כבוד, צוליב מאַטעריעלער אָדער מאָראַלי־שער באַקוועמלעכקייט, צוליב פּחדנות.

איז פאַרוואָס פאַרשטייען מיר נישט די גערהאַרד הויפּטמאַנס,

די קנוט האַמסונס, די טעאָדאָר דרייזערס? — מיר אַליין הערן דאָך און זעען בלויז די מענטשן, וואָס לויפן נאָך נאָך די מתנות, די וואָס בייטן זייערע געטער נאָך די מאָדעס נאָך פון די סטאַדעס, וואָס גיבן זיי וואַרעמקייט... און וואָל און פלייש.

ס'איז אַ זכיה, וואָס אונדזערע „פירער" האָבן נישט דער־גרייכט קיין מלוכה, און וואָס זיי קענען, נעבעך, נישט פאַרקער־פערן זייערע געטשישע אידעאַלן אין בלוטיקער קאָמעדיע. וואַ־רעם ס'איז קלאָר, אַז קיין אָריגינעלע בלוטיקע קאָמעדיעס וואָלטן זיי אונדז נישט געוויזן. און די גוישקע אָריגינאַלן האָבן אַ מעלה פאַר אונדז, וואָס מיר פאַרשטייען זיי בעסער.

אָבער ווען מען גייען זיי באמת אָן אָט די „פירער"? וואָס אינ־טערעסירן אונדז און וואָס אינטערעסירט דער געשיכטע אָט די אַלע שטערבלעכע, בשר־ודמיקע אָפּגעטער? — דער עיקרדיקער גרויסער אומגליק פון אונדזער דור איז דאָך דאָס, וואָס פאָלק דינט צו אָפּגעטער. אונדזערע מאַסן וואונדערן זיך אויף דער „גרענעצלאָזער דומהייט" פון דייטשן פאָלק, אויף זיין בלינדן נאָכגיין דעם „פירער". און אַליין גייען אונדזערע מאַסן נאָך גראָד אַזוי בלינד זייערע „פירער" ביז גרענעצלאָזן שקר, ביז סדומישער רציחה. אונדזערע מאַסן סאַנקציאָנירן מאָראַליש בן־גוריונס כנאַביזם, זשאַבאָטינסקיס עבודה־זרה, טראָצקיס און סטאַ־לינס מאַסן־מאָרדן, דעם סטאַלינישן בלוטיקן פאַרראַט אין שפּאַניע, די אומווירדיקייטן פון די פעפערס און כאַריקס. אונדזערע מאַסן האָבן געפאָלגט און געבראָכן אַרבעטער־באַוועגונגען, פאַרשפּינן ווירדיקע מענטשן און מענטשלעכקייט, און אָט דינען זיי איצט מיט התלהבות דעם תהומיקן שקר, וואָס הייסט „פאַראייניקטער פראָנט".

וואו איז פאַרט דער חילוק צווישן דערקלערן טאָמאַס מאַנען פאַר אַ פאַררעטער צום דייטשן פאָלק ביז קלאַפּן אין אַלע פויקן, אַז שמואל ניגער זאָל האָבן געקומען קיין דרום־אַמעריקע אויף צו

העלפן די אימפעריאַליסטישע מדינות צו אינטערווענירן אין ראַטנפאַרבאַנד?

ניין, אונדזער דור פירט ניט קיין באַוואוסטזיניקן קאַמף קעגן געצנדינעריי און קעגן עוולה. דער גורל אונדזערער האָט אונדז נאָך אַזוי אויסגעטיילט, אַז געצנדינעריי און עוולה באַקעמפן אונדז. שוין באַלד אויף אַלע פראָנטן באַקעמפן אונדז אַלע סאָרטן שקרים: פוילן, דייטשלאַנד, רומעניע, פּאַלעסטינע, און שוין אַ התחלה אין בירא-בידזשאַן (ווער גרייט אונדזערע מאַסן צו קענען לייכטער איבערטראָגן די מעגלעך זייער נאָענטע גיהנומשע אַנטוישונג?).

און כ׳מיין, אַז כ׳האָב געפונען דעם טראַגעדיע-עלעמענט אין אונדזער גרויליקער דראַמע: אויב אונדזערע יסורים זענען ווערט צו הייסן טראַגישע, איז עס צוליב דעם עקשנותדיקן — הגם אומזיסטיקן — קאַמף, וואָס מיר פירן מיט אונדזער גורל. וויפל וועגן מיר האָבן עס געזוכט אויף צו אַנטלויפן פון אונדזער שיקזאַל! אַסימילאַציע: פולן אָפּזאָגן זיך פון אונדזער אייגענער געשיכטע, פון דעם אייגענעם פּנים, פון דער אייגענער שפּראַך! מלוכישער ציוניזם: זיך פאַרוואַנדלען אין אַ גוייִשן פאָלק אויף אַן אייגן לאַנד! מלוכישע קולטור-אויטאָנאָמיע: שלאָגן וואָרצלען אין די פאַרשידענע גוייִשקע מאַכט- און צוואַנג-פלאַנצן, וואָס זענען פאַראַן אויף די ערטער, וואו יידן וואוינען! נאַציאָנאַליזם: דער נאַציזם איבערגעפלאַנצט אויף יידישן באָדן! באָלשעוויזם: דרויסנדיקער צוואַנג אַפילו דורך מאָרד און שקר און עבודה-זרה, אָנשטאָט אינערלעכן דראַנג צו דערגרייכן יושר און אמת און דעם איין און איינציקן אמתן גאָט, דעם אינערלעכן גאָט פון אייגענעם האַרצן!

און אויף אַלע וועגן, דורך וועלכע מיר האָבן געוואָלט אַנטלויפן פון אונדזער גורל, האָבן מיר זיך אָנגעשלאָגן מיט די קעפּ אָן אייזערנער וואַנט!

★

וואָס דאַרפֿן מיר אָפּלערנען פֿון אונדזערע פּרוכטלאָזע קאַמפֿן מיט אונדזער שיקזאַל? — מיר דאַכט, אַז אַט וואָס:

ערשטנס. — מיר קענען פֿון אונדזער שיקזאַל און פֿון אונדזער נשמה נישט אַנטלויפֿן. מיר מוזן זוכן צו דערלייזונג אַזאַ וועג, וואָס זאָל נאָכפֿאָלגן און נישט ווייכן פֿון דער ריכטונג פֿון אונדזער גורל פֿון אונטערדריקטע. און נישט אַנטלויפֿן, נאָר נאָכפֿאָלגן דאַרפֿן מיר אונדזער נשמה, וואָס איז פֿאַרהאַרטעוועט געוואָרן און אויסגעפּיינט אין טויזנטער יאָרן פֿון פּיין.

צווייטנס. — זענען מיר ווי אַלע פֿעלקער? אָן ספֿק, אַז יאָ. אָבער דער באַגריף „פֿעלקער" איז ביי דער מערהייט מטושטש. דעריבער ווערט דער באַגריף „ווי אַלע פֿעלקער" אַ נאָנסענס. אונדזער גורל וועט פֿאַר אונדז קלערער ווערן, אויב מיר וועלן זיך פֿאַרגלייכן פּשוט מיט אונטערדריקטע מענטשלעכע גרופּעס — די גרויסע מערהייט פֿון דער מענטשהייט. מיר וועלן דעמאָלט זיך אויסלערנען צוזאַמען מיט אַלע אונטערדריקטע, אַז די אונטערדריקטע וועלן נישט אויסגעלייזט ווערן כּל-זמן עס וועט זיין אונטערדריקונג. מיר וועלן פֿאַרשטיין, אַז אונדזער גאולה ליגט בלויז אויפֿן וועג פֿון אמת און יושר. קיינמאָל נישט אויפֿן וועג פֿון שקר און עוולה. מען טאָר זיך נישט לאָזן איינריידן, אַז וועלכע נישט איז ליגנס און אומרעכט און אונטערדריקונג און רמאות קאָנען ברענגען נוצן פֿאַר אַזעלכע שיכטן, וואָס זענען פֿאַראינטערעסירט אין יושר און אמת און פֿרייהייט. אומעטום, וואו עס איז פֿאַראַן ליגן און אונטערדריקונג, זענען פֿאַראַן ליגנער און אונטערדריקער. במילא זענען אויך פֿאַראַן אָפּגענאַרטע און אונטערדריקטע.

און דריטנס. — אויף אַט די אַלע ביטערע נאָכטראַכטונגען האָט מיך דאָס מאָל אַרויפֿגעפֿירט זשיטלאָווסקי. עס איז געווען אַ שווערע איבערלעבונג, הגם נישט קיין אומדערוואַרטע, צו הערן זשיטלאָווסקיס הסכמה צום „פֿאַראייניקטן פֿראָנט" אויפֿן קול-

טור-פעלד: אויב דער רבי, וואָס האָט פּאָר דורות געלערנט ליבע און דרך-ארץ צו יענעמס אמתן, ליבע און דרך-ארץ צו דער איי-גענער פּערזענלעכקייט און צום מענטשן אין פּרט און אין כּלל, אויב אָט דער רבי איז מסכּים געווען צו שותּפות מיט שבתי-צבי-איזם — איז פאַרוואָס האָבן מיר געהאַט טענות צו גערהאַרד הויפּטמאַנען?

ניין, איך האָב אַפילו איין מינוט נישט מבזה געווען אין האַרצן דעם רבין. אַדרבא, זשיטלאָווסקי האָט מיך אויסגעלערנט נישט מבזה צו זיין אויך די גערהאַרד הויפּטמאַנס. אויב אונ-דזערע גרויסע קענען מאַכן טעותים, — פאַר וואָס זאָלן די „פּרעמדע" גרויסע דווקא זיין פריי פון פעלערן? און אויב אונדזע-רע מאַסן מעגן נאָכגיין בלינד געצנדינסט און געטשעם — פאַר וואָס זיך אַנטווישן אין דער מענטשהייט, ווייל אַנדערע מאַסן טוען, כּוף-כּל-סוף, דאָס אייגענע, וואָס אונדזערע טוען?

און אויב איך קען נישט און טאָר זיך נישט אָפּזאָגן פון ליב צו האָבן אונדזערע מאַסן, הגם איך זע זיי בלאָנדזשען אויף אַלע ווילדע אומוועגן, — איז פאַר וואָס זאָל איך פילן שנאה צו די אַנ-דערע מאַסן, וואָס בלאָנדזשען גראָד אַזוי ווי די אונדזעריקע?

מיר וועלן עס מוזן האָבן אין זינען: נישט צו האָסן די געצנ-דינער, נאָר דאָס געצנדינסט; ריכטן אונדזער מלחמה נישט קעגן די פאַרפירטע, נאָר קעגן ליגן; נישט קעגן באַצוואונגענע און אַפילו נישט קעגן באַצווינגער, ווי קעגן צוואַנג.

און דורך די דורכפאַלן פון די אַלע אייגענע ליגנס אונדזערע, האָב איך פאַרטיפט דאָס, וואָס איך האָב אַמאָל געלערנט ביים רבין זשיטלאָווסקי: צו גלויבן אין ענדגילטיקן נצחון פון דעם אמת.

פעברואַר, 1938

וועכטער! וואָס הערט זיך אין דער נאַכט?

אין די דיקטאַטאָרישע לענדער זענען די פעלקער אין גאַנצן שטום. צו אונדז דערגייען בלויז די פאַררוסענע רייד פון די היט-לערס, גערינגס, מוסאָלינים, סטאַלינס. מיר ווייסן נישט, וואָס עס טראַכטן און פילן די הונדערטער מיליאָנען מענטשן אין די פאַשיסטיש-באָלשעוויסטישע לענדער.

ערגער איז, וואָס אויך אין די „דעמאָקראַטישע" לענדער פאַרמשכונען די פעלקער פרייוויליק זייער קול ביי פאַרשידענע רעגירער און פירער. עס ווייזט, אַז די מאַסן פון דער וועלט זענען א י נ ע ו וי נ י ק פאַרשקלאַפט און אָפּהענטיק. אַט פאַר וואָס די פעלקער זענען ציטוויייליק טויט פאַר דער געשיכטע. זיי שלאָפן, די אונטערדריקטע, גראַד בעת מען גרייט די פעטליע אויף צו פאַרציען זיי איבערן האַלדז.

אין אונדזער מדינה איז עס נאָך קענטיק ערגער, ווי דער דורכשניט. מען הערט נישט ביי אונדז דאָס פאָלק שוין לאַנג, חוץ ביים פוטבאָל און וואַל-מיטינג. אַפילו ביי די סינדיקאַלע פאַר-זאַמלונגען זענען שוין אונדזערע אַרבעטער געוואָרן „פּעבל", וואָס באַמקעט צו, אַפּלאַדירט און הייבט הענט לויטן מושטיר פון פירערס, וואָס זענען אַליין אויך טאַקע אַזעלכע גולמס צו דינסט פון אַלערליי פּאָליטיקער.

דעם ערשטן מאַי זענען מיר אַרויס אין גאַס דעריבער מיט באַזונדער צוגעשפיצטע אויערן: אפשר וועט ביי דער מאַניפעס-טאַציע דאָס פאָלק זיך פאַרט עפּעס לאָזן הערן. אפשר וועט זיך אונדז איינגעבן צו דערשפירן אַ מאַסן-שטימונג, אַ זכר פון פאָלקס פאַרלאָרענעם קול.

אומזיסט געחלומט. — די צענדלינגער טויזנטער אַרבעטער, וואָס האָבן אויסגעפילט עטלעכע קוואַדרעס פון דיאַגאָנאַל, זענען געווען שטום ווי פיש. עס איז נישט געווען קיין פאָלקס-מאַניפעס־טאַציע, נאָר עפּעס אַ קאַזיאָנער פּאַראַד, אויסגעפירט לויט אַ גרויען נוסח, וואָס „פירער" האָבן ערגעץ וואו אויסגעשטעלט. און די פירער האָבן נישט געטראַכט פון פאָלק, נאָר דערפון, אַז קיי־נער, חלילה, פון די שותפים אין פראָנט זאָל נישט געקריוודעט ווערן, קיינער פון זיי זאָל חלילה נישט קאָמפּראָמעטירט ווערן.

די פּאָליטיקער איז געלעגן אין זינען, מען זאָל זיי נישט אויסשווינדלען די וואַלן. די מאַרקסיסטן איז געגאַנגען אום דעם, מען זאָל זיי נישט חושד זיין, חלילה, אין רעוואָלוציאָנערישקייט אָדער אין אַנטי-פּאַטריאָטיזם. די סינדיקאַלע מאַכערס האָבן מורא, מען זאָל ביי זיי נישט אויסכאַפּן די פירערשאַפט.

האָט מען דעם מיטינג אָנגעהויבן מיטן נאַציאָנאַלן הימן און מיט פּאַטריאָטישע דרשות. איין רעדנער האָט איבערגעשטיגן דעם צווייטן אין הכנעה-אויסדרוקן צו די נאַציאָנאַלע אינסטי־טוציעס און נאַציאָנאַלע רעגירער. די סע-כע-טע-מאַכערס האָבן צוגעזאָגט, אַז די אַרבעטער וועלן נישט פאָדערן קיין סך. דער קאָמוניסטישער רעדנער האָט צוגעזאָגט, אַז זיין פּאַרטיי וועט שטיצן אָרטיסן, אויב נאָר ער וועט אָפּהיטן דאָס געזעץ סאַענס־פּעניאַ און וועט נישט פאַרפאָלגן די אַרבעטער (די תפיסות זענען פול מיט אַרבעטער, וואָס די פּאָליציי מעלדעט אָפט נישט אַפילו וועגן זייער אַרעסט. אָבער נישט אָט די אַרבעטער מיינען די קאָ־מוניסטן — ביי זיי הייסן אַרבעטער בלויז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי).

רעפּעטאָ האָט אויסגעמוסרט דעם עולם, פאַר וואָס ער האָט ביי די לעצטע וואַלן נישט געשטימט פאַר די סאָציאַליסטן. בראַ־וואָ האָט געגעבן אַ שרעק איבער דעם עולם מיט אַ סענסאַציע: מיניסטאָרן פּלאַנעווען צו פאַרכאַפּן די מערהייט פאַר זייערע מענטשן אויף דעם קאָנגרעס פון די באַן-אַרבעטער, כדי דערנאָך

צו פאַרכאַפּן אויך די לייטונג פון דער סע-כע-טע. פון דעם האָבן מיר אָפּגעלערנט, אַז די פּיפּיקע מאַכערס פון דער סע-כע-טע האָבן נאָך ביזן ערשטן מאַי נישט באַוויזן דורכצוקומען מיט דער נייער רעגירונג. און עס האָט אונדז געגומען אַ פאַרלאַנג צו באַרואיקן בראַוואָן, אַז נישקשה — עס איז נישט די ערשטע שוועריקייט, וואָס די דאָמענעטשעס האָבן גובר געווען. ער דאַרף זיך נישט נעמען צום האַרצן, דער בראַוואָ: מען וועט דורכקומען מיט אַר-טיסעם רעגירונג אויך. און אַ וואונדער איז אונדז געווען אויף אָט דעם בראַוואָן, אַזאַ אויסגעפּרואווטן פּאָליטיקער: צי איז שוין דער כלל אַזאַ, אַז ווען די פאָלקס-פראָנטניקעס הייבן אָן צו באַוויי-רעכן אָן אָרעמען מענטשן, מוז ביי אים אַביסל פאַרטונקלט ווערן דער שכל?

דערווייל האָט מען דעם מיטינג געשלאָסן מיט דער וואָרע-נונג, אַז אַרבעטער זאָלן זיין וואַך, נישט לאָזן צונעמען פון די דאָמענעטשעס די פירערשאַפט. — צו וואָס פאַר אַ קאָשמאַר זאַכן קענען דערגיין, בעת דאָס פאָלק שטומט! — איז דאָס די רום-רייכע, רעבעלישע, לעבעדיקע אַרגענטינישע אַרבעטער-מאַסע?

די הויך-ריידער האָבן פאַרקלונגען די לופט מיט רייד וועגן אַרבעטער-יום-טוב. אַרגענטינישע נאַציאָנאַלע פענער האָבן גע-פלאַטערט. עולם האָט געזונגען אין כאָר דעם שיינעם נאַציאָנאַלן הימן. אָבער צווישן די יום-טובדיקע מאַסן זענען אומגעגאַנגען — ליידער נישט אַזוי פיל ווי מען האָט געדאַרפט, — אַרבעטער מיט איכה-שטימונגען. און בלויז אָט די זענען איצט ווערט!

יוני, 1938

ספּקדיקע געשיכטע

וועגן זאַמלבוך „אַרגענטינע" *)

רעקלאַמע צי עגאָצענטרישקייט?

נאָכדעם ווי מיר האָבן איבערגעלייענט דעם קאַלאַמבור, וואָס די יידישע ענציקלאָפּעדיע האָט זיך פאַרגונען אונטערצוטראָגן פאַר אַן אַרטיקל וועגן אַרגענטינע, האָבן מיר פון אונדזער איבער־קלייבערישקייט שטאַרק נאָכגעלאָזט. מיר וואָלטן זיך געפרייט איבער יעדער אַרבעט, וואָס וואָלט געווען מסוגל צוצושטעלן אַ פאַראינטערעסירטן לייענער ערלעכע און דירעקטע ידיעות וועגן אונדזער ישוב.

מיר האָבן זיך דעריבער צוגעכאַפּט מיט אמתער שמחה צום זאַמלבוך „אַרגענטינע", וואָס „די פּרעסע" האָט נאָר וואָס אַרויס־געלאָזט, הגם די צוויי אונטערקעפּלעך אויפן שער־בלאַט — „פופ־ציק יאָר יידישער ישוב, צוואַנציק יאָר „די פּרעסע" — האָבן נישט צוגעזאָגט קיין גוטס: צי דאַרף מען ערשט אויפווייזן מענטשן, אַז עס שמעקט נישט גוט אָט דאָס אַוועקשטעלן גלייך אַזעלכע צוויי אומגלייכע געשעענישן? — די פּיאָנערן פון דער „וועזער", דער באַראָן הירש, חלומות און האָפענונגען פון אַ פאָלק, די דראַמע פון דער איבערפלאַנצונג פון הונדערטער טויזנטער מענטשן... און אַן אַניווערסאַר פון אַן אייגענעם פּיצעמאָנטשינקן אויפטו?..

צו פריקרע איז אויך די זעלבסט־רעקלאַמע, מיט וועלכן „די פּרעסע" הייבט אָן איר זאַמלבוך. מילא, מיר לעבן טאַקע אין אַמע־ריקע, און אַ טעגלעכע צייטונג איז סוף־כל־סוף אַ פּרנסה־זאַך. און

*) אַ ר ג ע נ ט י נ ע. — פופציק יאָר יידישער ישוב. צוואַנציק יאָר „די פּרעסע". 700 זייטן. אַרויסגעגעבן פון „די פּרעסע". בוענאָס־איירעס, 1938.

פּרנסה האָט ליב רעקלאַמע. אָבער אַלץ האָט אַ שיעור. אַז איר לייענט דאָס אַרטיקל „צוואַנציק יאָר די פּרעסע", קענט איר מיינען, אַז נישט די אַנאָנסן-געבער און לייענער האַלטן אויס „די פּרעסע", נאָר אַז אַדרבא — „די פּרעסע" האַלט ממש אויס דעם ישוב אויף קעסט.

אַז מען דערלעבט צו זען, ווי אַן אייגענע אונטערנעמונג ווערט אַלט צוואַנציק יאָר און איז עקאָנאָמיש געזונט און שטאַרק, מעג מען זיך טאַקע פרייען. מען דאַרף אָבער נישט אַריינפאַלן אין אַזעלכע גוזמאות, ווי צו שרייבן, אַז „ביז „די פּרעסע" האָט אַ צייטונג מיט אַזאַ אָרנטלעכער באַציאונג, ווי אונדזערע, צו געזעלשאַפטלעכע פראַגן, מיט אַזאַ פּיעטעט צו שפּראַך און ליטעראַטור, געקענט זיין בלויז דאָס ווערק פון אַ מעצענאַט".

אַז מען לייענט אַזעלכע איבערטרייבונגען, דערמאָנט מען זיך נישט ווילנדיק, אַז „די פּרעסע" האָט נ י ש ט אַרויסגעוויזן קיין גרעסערע אָרנטלעכקייט, ווי די אַנדערע היגע יידישע טאָגלעכע צייטונגען. אָט האָבן מיר גאָר דעם איינדרוק, אַז „די פּרעסע" האָט איבערהויפּט נישט אַרויסגעוויזן די געוואָגטקייט צו אָננעמען אַן אייגענע שטעלונג צו געזעלשאַפטלעכע פראַגן. זי איז קיינמאָל נישט פ אָ ר ו י ס ג ע ג א נ ג ע ן, נאָר אַלעמאָל נ אָ כ ג ע ל אָ פ ן יענע מאָסן, צווישן וועלכע זי האָט זיך געקענט ריכטן צו ווערבירן לייענער. פאַר די צוואַנציק יאָר, וואָס „די פּרעסע" עקזיסטירט, איז זי שוין געווען אי ציוניסטיש, אי אַנטי-ציוניסטיש, אי פּשרהדיק. אַנטי-באָלשעוויקיש און פּראָסאָוויעטיש (ביז אַ גרענעץ!). דעמאָקראַטיש, אַנטי-דעמאָקראַטיש, איבער אַ נייעם דעמאָקראַטיש.

„די פּרעסע" האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין מוט אין די צייטן פון די וואַנדאַלישע חורבנות פון די קולטור-אַנשטאַלטן, סינדיקאַטן און אַנדערע אַרבעטער-אַנשטאַלטן. נישט איינגערייסן צוליב אַזעלכע „קלייניקייטן" מיט דער לייענער-קליענטור. אַדרבא, נאָך

צוגעבאַמקעט, נאָך געדרוקט דעמאָלט פילאָסאָפיעס וועגן דער נויטיקייט פון קריגן זיך. און נאָך ערגערע זאַכן. אָבער אין דער זעלביקער צייט, בעת די אַנאַרכיסטישע צי סאָציאַל־דעמאָקראַטי־שע „קליינבירגער" זענען געווען הפקר, האָט „די פּרעסע" זיך גע־היט נישט איינצורייסן מיט די קוענטעניקעס, צי אַנדערע קליינ־בירגערלעכע שיכטן, פון וועלכע מען שעפּט פּרנסה.

מיט דער „פּרעסע"ס פּיעטעט צו שפּראַך און ליטעראַטור איז אויך נישט אַלעמאָל אַזוי פויגלדיק. מען האָט זיך אין דער „פּרע־סע" נישט איין מאָל געזידלט מיט פּרנסה־קאָנקורענטן און פּער־זענלעכע שונאים. און געניצט האָט מען דערביי דעם זעלביקן יאַ־דערדיקן לשון, וואָס די מאַרק־יידענעס באַנוצן אין אַזעלכע פאַלן. און בנוגע פּיעטעט צו ליטעראַטור, איז דאָס קלענסטע געווען צו שרייבן אין דער „פּרעסע", אַז ש. דובנאָוו איז אַן עובר־בטל. פאַ־ראַן ערגערע מוסטערן פון דער „פּרעסע"ס פּיעטעט. אָבער ווער איז מחויב זיי נאָכצוריידן?

ווי עס פּאַסירט אַלע מאָל אין ענלעכע פאַלן, איז דער מחבר פון דער באָמבאַסטישער קילאָמעטרישער זעלבסט־רעקלאַמע אי־בערגעטריבן שטרענג צו פרעמדע חסרונות. ער פאַרגעסט נישט און איז נישט מוחל קיין איין עבירה פון זיינע זשורנאַליסטישע פאַרגייער. דער מחבר זעט נישט דעם צווייטן עק פון דעם שטעקן, בעת ער שרייבט אַן ערך וועגן דער אַטמאָספער פון דער אַמאָלי־קער זשורנאַליסטיק: „געדייעט האָבן אין יענער אַטמאָספער נאָר די, וואָס האָבן זיך געקענט פאַרמעסטן מיט יאַבעדע־געזעלשאַפט־לעכקייט, אַריבערשרייען איינער דעם צווייטן און אויסנוצן וואָס פלינקער דעם יאַריד". אָדער בעת ער וויל אָנהייבן די געשיכטע פון דער „פּרעסע" פון די צייטן, בעת „עס ווערט אַלץ שטילער און זעלטענער דער מאַרק־טאָן אין דער היגער יידישער זשורנאַליסטיק און מען קען שוין אַרויסהערן אין איר שטילע און פאַרנונפטיקע רייד"...

איר מעגט אונדז גלייבן, אַז מיר זענען נישט גאָטס סטראָפּ־

טשעם און מיר גייען נישט איבער די קראָמען צו זוכן אמת און יושר און עניוות. מיר האָבן אויך נישט קיין ספּעציעלע תרעומות אויף דער „פרעסע", וואָס האָט צו אונדז נישט אַרויסגעוויזן קיין ער־גערע באַציאונג ווי מיר דערוואַרטן פון קאָמערציעלע צייטונגען. און בעת מענטשן פּראַווען אַ יום־טוב, וואָלט זיך אונדז, אדרבא, געגלוסט אויפצוזוכן פאַר זיי אַ פּאָר קאָמפּלימענטן. עס וואָלט בדרך כלל געווען נישט שווער צו געפינען גוטע מאָמענטן אונטערצו־שטרייכן, צי פאַרדינסטן, פאַר וועלכע אָפּצודאַנקען. אָבער גייט זייט אַ בריה און געפינט קאָמפּלימענטן פאַר מענטשן, וואָס האָבן זיך מקדים געווען און אויסגערעדט אויף זיך אַליין אַלדאָס גוטס אויף דער וועלט.

דאָס קלענסטע, וואָס מיר וואָלטן געדאַרפט זאָגן אויף צו האַלטן זיך אין איין טאָן מיט די בעלי־שמחה, איז, אַז מען וואָלט באַדאַרפט אַראָפּנעמען אין יידישע שטיבער פון די ווענט די פאַר־טרעטן פון דעם באַראָן און דער באַראָנעסע הירש און אויף זייער אָרט אויפהענגען די בילדער פון פיניע כ"ץ און עוזר בומאַזשני. פאַרשטייען מיר, אַז דאָס וואָלט געווען אַ קליין ביסל צופּיל. וועט זיין גענוג פון אונדזער זייט צו ווינטשן דער „פרעסע" אַ גוטן יום־טוב און אַ קליין ביסל באַשיידנקייט אויף להבא. און צום 25טן אַניווערסאַר זאָל „די פרעסע" ווערן אַ קאָאָפּעראַטיווע! און אויב אַפילו זי זאָל דעמאָלט נישט ווערן „אויפגענומען שיעור ווי אַ וועלט־וואונדער", זאָל זיך „די פרעסע" דערלעבן צו ווערן אַ צייַ־טונג פון אַ וועלט־פאַרנעם! אַזוי, אַז עס זאָל טאַקע ווערן „אַ כבוד פאַר יידישע שריפטשטעלער מיטצואַרבעטן אין דער פרעסע!"

דער גרונט־חסרון פונעם זאַמלבוך

די פאַרוואַלטונג פון דער „פרעסע" האָט, אָן ספק, באַוויזן אַ וויכטיקע אָנשטרענגונג. עס איז אָן אויפּטו צוצושטעלן אַ בוך פון 700 גרויסע זייטן. מען האָט אָבער געדאַרפט מאַכן נאָך אַ קליינע

אָנשטרענגונג און אויפזוכן אַ פּאַסיקע רעדאַקציע פאַר אַזאַ ערנס־טער אַרבעט, ווי מען האָט געוואָלט האָבן. די רעדאַקציע פון אַ טאָג־צייטונג איז זעלטן — און אפשר קיינמאָל נישט — צוגע־פּאַסט צו וואָגיקער, גרינטלעכער אַרבעט. מען האָט איבערהויפּט נישט געדאַרפט אַזוי מיסברויכן מיטן אייגענעם רעדאַקציע־פער־סאָנאַל. מען קען זיך זיין די בעסטע האַנט אין אַ צייטונג און נישט פעאיק זיין צוצושטעלן אַ שורה אין אַזאַ זאַמלבוך, ווי „די פּרעסע" האָט פאַרנומען.

האָט מען צו דער האַנט אַן אייגענעם מענטשן, ווי אַקסענ־צאָוו, וואָס איז פעאיק צוצושטעלן אַ ביבליאָגראַפישע רשימה פון אַלע היגע יידישע אויסגאַבן, איז אוודאי גוט. צי אַז עס מאַכט זיך אונטער דער האַנט צו שרייבן וועגן קאָלאָניזאַציע אַן אייגענעם מענטש, וואָס איז באַהאַוונט אין דעם ענין און איז גענוג פאַראַנט־וואָרטלעך נישט אונטערצונעמען קיין אַרבעט איבער די מעגלעכ־קייטן, דאַרף מען טאַקע קיין פרעמדע נישט זוכן. עס איז אָבער גע־ווען אַ שיינער איינפאַל אָנצופאַרטרויען, למשל, דאָס אַרטיקל וועגן אַרגענטינישע געשיכטע צו אַ פּאַכמאַן, הגם ער איז נישט קיין רעדאַקציע־מיטגליד. מען האָט פונקט אַזוי געקענט און געדאַרפט אויפזוכן די געהעריקע פּאַכלייט אויף צו באַהאַנדלען די אַנדערע ענינים, וואָס זענען אין דעם זאַמלבוך אָדער שלעכט באַהאַנדלט געוואָרן (אין געווויסע פאַלן, אפילו אוממעגלעך שלעכט!), אָדער אין גאַנצן פאַרזען געוואָרן.

מען האָט אויך געדאַרפט האָבן די עלעמענטאַרע פאָרזיכטי־קייט און נישט פאַרטרויען אַזעלכע שרייבער, ווי באָטאָשאַנסקי, צי אַ דר. בראָמיטשן, צו שרייבן געשיכטע פון געשעענישן, צו וועלכע זיי זענען אַליין אַ נוגע בדבר. באָטאָשאַנסקי, למשל, איז אַ שריי־בער מיט אַ פּען, נישט ערגער אויף אַלע יידן, אָבער באַשטעלן ביי אים געשיכטע איז אַזאַ שכל, ווי אַ שטייגער שיקן די קאַץ נאָך פּוטער. אַ קנאַפּער שכל איז אויך געווען צו לאָזן פיניע כ"צן שרייבן די געשיכטע פון „פּופּציק יאָר יידן אין אַרגענטינע".

פּיניע כ״ץ שרייבט... געשיכטע

פּיניע כ״ץ איז גראַד, ווי באַטאַשאַנסקי, פון די בעסערע פּע-נעם ביי אונדז. אָבער בעת עס האַנדלט זיך וועגן שרייבן געשיכ-טע, ווערט ביי זיי זייער מעלה גראַד אַ חסרון: מענטשן שרייבן אַזוי גלאַט, צייטנווייז אַפילו שיין — היינט גיי גלויב זיי נישט! אָדער, לפּחות, זאָל איינעם איינפאַלן, אַז הינטער אַזעלכע שיינע רייד שטעקט אַזאַ מין סוביעקטיווקייט, וואָס גרענעצט זיך זייער אָפט מיט אומבאַהאָלפענער עגאָצענטרישקייט!

כ״ץ ווייזט אָפט אַרויס אַ נישט קיין אויסגעלעבטן בעלעטריס-טישן אָדער. עס דריקט זיך ביי אים אויס אין זיין זאָרגפעליקן פּוצן זיין לשון און זיין נייגונג צו שרייבן זכרונות. כ״צס זכרונות ליידן פון דעם מחברס עגאָצענטרישקייט: אַז מען לייענט זיי, האָט מען דעם איינדרוק, אַז דער מחבר גלייבט באמת, אַז ער איז טאַקע אָב-יעקטיוו די צענטראַלע פיגור פון די אַלע פּאַסירונגען, אין וועלכע ער נעמט אַן אָנטייל. כ״צס זכרונות האָבן אָבער די מעלה, וואָס זיי זענען געשריבן לעבעדיק, און זיי גיבן אונדז — אויב נישט קיין אָביעקטיוו ריכטיק — איז אָבער אַ לעבעדיק פולבלוטיק בילד פון אַלע געשעענישן, וואָס דער מחבר האָט דירעקט איבערגעלעבט. דערביי דאַרף מען געדענקען, אַז פאַרלאָזן זיך אַ ביסל מער קען מען אויף כ״צס אינפאָרמאַציעס וועגן זאַכן, וואָס האָבן פּאַסירט ביז אַן ערך 1915, דאָס הייסט איידער כ״ץ האָט „חתונה געהאַט" מיטן זשורנאַליזם און זיך איינגעשפּאַנט אין די רעדאַקציעס און אין „ליניעס".

דערפאַר אָבער ווערט כ״ץ פולשטענדיק אוממעגלעך דאָרטן, וואו ער שרייבט וועגן זאַכן, וואָס ער האָט פּערזענלעך נישט דורכגעלעבט: צו דער ענגער סוביעקטיווקייט זיינער, צו דער נישט קאָנטראָלירטער פּאַרטייאישקייט זיינער, קומט צו דער חסרון, וואָס כ״ץ האָט נישט די דיסציפּלין צו קאָנטראָלירן זיינע ידיעות און זיין זכרון. מיר וועלן נעמען פּאָר אַ ביישפּיל, ווי כ״ץ

באַהאַנדלט דעם קולטור-צוזאַמענפאַר אין 1915. כ"ץ מאַכט צו קליין-געלט יענץ געשעעניש, וואָס „האָט — לויט זיין מיינונג — נאָך זיך נישט איבערגעלאָזן, נישט קיין אָרגאַניזאַציע און אויך נישט קיין ווירקונג דורך פּראָקלאַמירטע לאָזונגען".

מיר וועלן ציטירן דעם גאַנצן צווייטן פּאַראַגראַף כ"צס וועגן צוזאַמענפאַר. מיר וועלן דאַרטן נישט אומבייטן קיין אות, ווייל ערשטנס איז פאַראַן אַ סכנה, מען זאָל אונדז נישט וועלן גלייבן, אַז אַזאַ פיינער זשורנאַליסט, ווי כ"ץ, זאָל קענען דערלאַנגען אַזאַ געשיכטלעכן קוואַטש. צווייטנס, ווייס כ"ץ דעם סוד פון צימצום, און ער קען אַריינקוועטשן אין איין קורצן זאַץ אַזוי פיל גרייזן, אַז איר וועט שוין זיין רעקאָרד נישט שלאָגן. אָט וואָס כ"ץ שרייבט:

„אין דעם קאָנגרעס האָבן זיך נישט באַטייליקט די קולטור-פאַראיינען, וואָס זענען געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון די פּועלי-ציון, דעמאָלט דער גרעסטער קולטור-כוח אין לאַנד. פון דער הויפּטשטאָט האָבן אינעם קאָנגרעס אָנטיילגענומען די ביבליאָטעק „פּראָגרעס" און „ווידשאַ קרעספּאַ" און די „ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט", וועלכע האָט זיך דאָס יאָר געהאַט געגרינדעט אַלס פאַרזעצונג פון דער אונטערגעגאַנגענער גרופּע „זוכער פון אמת", וועלכע איז פון איר זייט געווען אַ פאַרזעצונג פון „אַרבעטער-פריינד".

מיר וועלן, פאַרשטייט זיך, נישט עפענען דאָ קיין דיסקוסיע וועגן דעם קולטור-צוזאַמענפאַר אין 1915, פון וועלכן כ"ץ איז בשעתו געווען אַ קעגנער. מיר וועלן בלויז אַנאַליזירן די פאַקטן, מיט וועלכע כ"ץ אָפּערירט:

קודם-כל, האָט כ"ץ געדאַרפט דערמאָנען, וואָס פאַר אַ קולטור-פאַראיינען זענען עס דעמאָלט געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון די פּועלי-ציון. אָט קענען מיר זיך נישט דערמאָנען קיין איינעם אַפילו. ווען כ"ץ גענומען אַ געדענקען, זענען אין 1915 די פּועלי-ציון נישט בלויז נישט געווען „דער גרעסטער קולטור-כוח אין לאַנד", נאָר אַפילו נישט געווען גענוג כוח אויף צו האָבן אַן אייגענע

פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. די אַמאָליקע אָרגאַניזאַציע זייערע איז אונ־טערגעגאַנגען אַרום 1910. נאָך אַמאָל אויפגעקומען. זענען די פּועלי־ציון שוין האַרט אַרום דער באַלפור־דעקלאַראַציע.

עס איז נישט ריכטיק, אַז פון דער הויפּטשטאָט האָבן אין צוזאַמענפאַר בלויז אַנטיילגענומען דריי אַנשטאַלטן. וואָס שייך דער „ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט", איז זי ערשט געגרינדעט געוואָרן אין 1916. אין צוזאַמענפאַר האָט אָנטיילגענומען דער צענ־טער „זוכער פון אמת", וועלכער איז נישט געווען קיין פאַרזעצונג פון דער גרופּע „אַרבעטער־פריינד". די גרופּע „אַרבעטער־פריינד" האָט עקזיסטירט ביז אַרום 1918, און אין אָנהייב 1915 האָבן אפילו די דאָזיקע גרופּע צוזאַמען מיטן צענטער „זוכער פון אמת" געהאַט געגרינדעט די „יידישע פרייע ביבליאָטעק". יענע ביב־ליאָטעק האָט נישט דערלעבט די ליכטיקע שיין, מחמת דער שי־דוך צווישן דער אַנאַרכיסטישער גרופּע און דעם קולטור־קרייז איז נישט געראָטן. די „זוכער פון אמת" זענען געווען פאַר אומפּאַר־טייאיש־ראַציאָנאַליסטישער קולטור־אַרבעט, בעת די גרופּע „אַר־בעטער־פריינד" האָט פון קיין אומפּאַרטייאישקייט און ראַציאָנאַ־ליזם נישט געהאַלטן. בכלל, האָט די גרופּע „אַרבעטער־פריינד" געהאַט וועגן קולטור אַן ערך אַזאַ שטעלונג, ווי „די פרעסע" האָט ביז מיט אַ קורצער צייט צוריק פאַרטיידיקט.

די „ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט" איז נישט געווען קיין פאַרזעצונג פון „זוכער פון אמת" אליין, נאָר אַ רעזולטאַט פון אַ פאַראייניקונג צווישן די „זוכער פון אמת" און דער „יידיש־שפּרעכנדער אָפּטיילונג פון דער ראַציאָנאַלער ליגע". דער נאָמען גופא פון דעם לעצטן אַנשטאַלט דערמאָנט אַ גאַנצע, איצט אונ־טערגעגאַנגענע, שיטה, וואָס האָט אָבער בשעתּו געהאַט אַ היפּש ביסל מער ווירקונג, ווי די פּועלי־ציון, און מען האָט זיי געמעגט דערמאָנען און באַשרייבן אפילו אין אַזאַ לאַנגער אַרבעט, ווי כ"צס „פופציק יאָר יידן אין אַרגענטינע".

דער יצר-הרע רעדט אונדז שוין צו צו ציטירן דעם זאַץ, וואָס קומט ביי כ"צן האַרט נאָך דעם אויבן-ציטירטן. אָט איז ער: „צו די ביבליאָטעקן קומט צו אין 1916 די „יידישע פרייע ביבליאָטעק", מיט עלעמענטן פון געוועזענער גרופּע „אַרבעטער-פריינד" און פּועלי-ציון".

ווידער אַ פּלאָנטער: די גרופּע „אַרבעטער-פריינד" איז דעמאָלט נישט געווען קיין געוועזענע, און האָט צו יענער ביבליאָטעק נישט געהאַט קיין שייכות. געהייסן האָט די ביבליאָטעק „יידישע פרייע ביבליאָטעק דוד עדעלשטאַט". געגרינדעט איז זי געוואָרן נאָך דעם, ווי צוליב די דערמאָנטע חילוקי-דעות צווישן די „זוכער פון אמת" און „אַרבעטער-פריינד", איז די פריער-דערמאָנטע „יידישע פרייע ביבליאָטעק" געבליבן אויף אַ וויילע אַרכיווירט*). די גרינדער פון דער ביבליאָטעק „דוד עדעלשטאַט" זענען געווען, וואָס מען האָט דעמאָלט גערופן, אַנאַרכיסטישע סימפּאַטיזירער (היינט וואָלט מען זיי גערופן מיטלויפער). די פּועלי-ציון (ווידעראַמאָל די פּועלי-ציון) האָבן צו דער ביבליאָטעק קיין שייכות נישט געהאַט, כל-זמן די ביבליאָטעק איז געווען געזונט און שטאַרק און געבליט, ווי קיין יידישע ביבליאָטעק נישט פאַר איר דאָ. און דערווייל אויך נישט, ווי קיין ביבליאָטעק נאָך איר.

די פּועלי-ציון זענען צוגעקומען אַרום 1926. עס איז געווען סאַמע אין די צייטן, בעת די באָלשעוויקעס האָבן אַריבערגעבראַכט אַהער די מאָדע פון שפּאַלטן, ברעכן, פאַרכאַפּן. די לינקע פּועלי-ציון זענען דעמאָלט געשפּרונגען פון דער הויט אויף צו זיין ענלעך אויף די באָלשעוויקעס, און זיי האָבן פאַרטראַכט צו פאַרכאַפּן די ביבליאָטעק. קיין פיזישן כוח צו פאַרכאַפּן האָבן די לינקע פּועלי-ציון נישט געהאַט. דערצו זענען אַפילו די באָלשעוויקעס דאָרטן

*) שפּעטער איז די איניציאַטיוו פאַרווירקלעכט געוואָרן דורך דער „יידישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט".

געהאַט דורכגעפאַלן מיטן פּיזישן מעטאָד. דערפאַר אָבער איז די באַראַכאָוועצעס געקומען צו נוץ זייער אַמאָליקער שם פון לייטישע „אומשולדיקע" יונגעלייט. האָבן זיי עס גענומען מיט חכמה: גע־וואָרן מיטגלידער פון דער ביבליאָטעק אָרגאַניזירטערהייט, און נאָך דעם ווי זיי האָבן מאַיאָריזירט אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, האָבן זיי אויסגעוויילט אַן „אייגענע" פאַרוואַלטונג, און אַריבער־געצויגן דערנאָך די ביבליאָטעק צו זיך אין פאַרטיי־לאָקאַל.

די פרישקייט פון דער ביבליאָטעק האָט געדויערט ביי די פאַרכאַפּער פון אסתר־תענית ביז פורים. אָבער אַקוראַט קורץ נאָכן פאַרכאַפּן איז אַראָפּגעקומען זרובבל פאַר די ציש"א, און ער האָט נאָך באַוויזן אויסצולויבן זיינע חברים, „וואָס האָבן באַוויזן אויפצובויען אַזאַ שיינע ביבליאָטעק". די ביבליאָטעק האָט ביי די נייע באַלעבאַטים געגומען תיכף וועלקן, ווי עס האָט איבעריקנס פּאַסירט מיט אַלע פאַרכאַפּטע אַנשטאַלטן. אַנדערע ביבליאָטעקן זענען ביי די נייע באַלעבאַטים אונטערגעגאַנגען נאָך גיכער און אפילו העסלעכער. אין דעם אַרטיקל כ"צס האָט אָט דער שענדלעכער קאַפּיטל פאַרכאַפּונגען נישט געדאַרפט פעלן.

האָבן מיר גערעדט וועגן יענעם טרויעריקן פעריאָד, אין וועלכן „די פרעסע" האָט, אגב, געשפּילט גאָרנישט קיין שיינע ראָל, וועלן מיר דערמאָנען די וואונדערלעכע ראָל, וואָס עס האָט אין יענע כאַאָטישע יאָרן געשפּילט די „יידישע ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט": זי איז דעמאָלט געבליבן און איז נאָך די איינציקע לעבעדיקע ביבליאָטעק אין צענטער, און די איינציקע אומפּאַרטייאישע און רעספּעקטירטע קולטור־טריבונע. זי האָט ממש דורכגעטראָגן מיט מסירת־נפש די קולטור־טראַדיציע און איז געווען אַן אָנשפּאַר פאַר ליטעראַטן און קולטור־טוער, וואָס האָבן נישט געוואָלט פאַרקויפן זייער נשמה צו דער מאָדע פון טאָג. גענוג צו וויסן איין פאַקט — די טאַטעס פון דער „יידישער פרייער ביבליאָטעק" זענען געווען דאָס רוב סימפּאַטיזירער פון

דער „יידישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט". אין די קריטישע צייטן פאַר דער ערשטער פון די דערמאָנטע ביבליאָטעקן, האָבן עטלעכע מיטגלידער פון איר פאַרוואַלטונג פאַרגעשלאָגן דער „ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט", זי זאָל „פאַרכאַפּן" די אינסטי-טוציע. עס איז געווען אַ סטראַטעגיש-געזיכערטער צוג, און עס איז געווען דעמאָלט אויך די מורא, אַז, אויב די „יידישע ראַציאָ-נאַליסטישע געזעלשאַפט" זאָל זי נישט פאַרכאַפּן, זאָלן עס אַנדע-רע טאָן. די טוער פון דער „ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט" האָבן באַוויזן אמתן העראָאיזם און זיך נישט געלאָזט אריינגעשלעפּט ווערן אין שטראָם פון כאַפּעררייען. געוואָלט בעסער אויפהאַלטן דעם מוסטער פון טאָלעראַנץ און קולטור.

מיר האָבן זיך פאַרגונען אַ לענגערן קאָמענטאַר, כדי עס זאָל קלאָר ווערן, וואָס אַזוינס כ"ץ האָט זיך פאַרגונען צו פאַרשטעלן מיט אַ כלומרשט אָביעקטיווער שורה. אויך כדי עס זאָל קלאָר ווערן, פאַרוואָס עטלעכע און צוואַנציק יאָר „יידישע ראַציאָנאַ-ליסטישע געזעלשאַפט" האָט אין גאַנצן „אַרגענטינע" נישט פאַר-דינט קיין האַלבן קאָלום.

ענלעכע „גערעכטיקייט" ווייזט כ"ץ אַרויס צו אַלע איבע-ריקע פאַרטייען, חוץ צו די לינקע פועלי-ציון. אָבער אויף קלאָר צו מאַכן די גרייזן, וואָס כ"ץ מאַכט אין די העכער 80 קאָלומס, וואָס זיין אַרטיקל פאַרנעמט, וואָלט מען געדאַרפט פאַרנעמען נאָך אַזאַ בוך ווי דער זאַמלבוך „אַרגענטינע". און עס איז נישט כדאַי; עמעצער אַנדערש וועט שוין אַמאָל אָנשרייבן די געשיכטע פון אונדזער ישוב. דערווייל איז געגנוג אַ וואָרענונג: — לאָזט זיך נישט פאַרפירן פון כ"צס באַהויפּטונגען! איר מוזט כ"צן נאָכקאָנטראָ-לירן ממש וואָרט ביי וואָרט, אויב איר זענט געצוואונגען צו באַ-נוצן זיך מיט זיינע זכרונות. און וואו ער שרייבט נישט קיין זכרונות, איז גלייכער, אַז איר זאָלט זיך מיט אים אין גאַנצן נישט באַנוצן.

די פּאַראָדיע אויף אַ וויסנשאַפטלעכער אַרבעט —

איז דאָס אַרטיקל „יידישע פינאַנץ-אינסטיטוציעס" פון דר. ל. זשיטניצקי. אויסזען זעט עס אויס צוויי טראָפּנס וואַסער ווי אַן אַרבעט פון אַן אמתן עקאָנאָמיסט צי סטאַטיסטיקער: פאַראַן טאַבעלן, ציפערן און קאָמענטאַרן ממש ווי אין, להבדיל, יעקב לעשטשינסקיס אַן אַרבעט. זשיטניצקין פעלט נאָר דאָס ביסל וויסן און די עלעמענטאַרסטע וויסנשאַפטלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

מיר פוילן זיך צו ברעכן די ציין אויף זשיטניצקיס עברי, אָבער אין דערמאָנטן אַרטיקל זיינעם איז פאַראַן איין זאַץ, וואָס דער מחבר האָט געפונען פאַר נויטיק אונטערצושטרייכן. אָט האָט איר אים:

„נאָך 1917 הייבט זיך אָן אַן אינטענסיווע איינוואַנדערונג קיין אַרגענטינע, וואָס ברענגט אַ גרויסן קאָמערציעלן, אינדוסטריעלן און אַרבעטער-עלעמענט..."

דער מחבר מיינט דערמיט צו דערקלערן, פאַרוואָס די יידישע קרעדיט-אַנשטאַלטן הייבן אָן אויפצוקומען גראָד אין 1917. אָבער איידער מען פאַרעפנטלעכט אַזאַ דערקלערונג, לפּחות איידער מען שטרייכט אונטער אַזוי געוואַגט אַ זאַץ, האָט זשיטניצקי געמעגט זיך מטריח זיין צו קאָנטראָלירן זיין השערה מיט די אָפיציעלע סטאַטיסטישע ציפערן. און אויב ער איז דערצו צו שטאַרק אָפּגעלאָזט און פויל, האָט ער כאָטש געמעגט אַ קוועטש טאָן דעם אייגענעם מוח: פון וואַנען האָט עס געקענט אין 1917 אַראָפּפאַלן קיין אַרגענטינע אַ יידישע איינוואַנדערונג? און נאָך אַן אינטענסיווע דערצו? פון עסטרייך? פון רומעניע? פון פוילן? פון רוסלאַנד? — אַז אַפילו אַ בריוו איז אַהער פון יענע מקומות זעלטן אָנגעקומען אין יענע יאָרן. וואָלט זיך זשיטניצקי נישט געפוילט און אַ פרעג געטאָן וועמען נישט איז פון די עלטערע תושבים פון צווישן זיינע רעדאַקציע-חברים, וואָלט ער זיך דערוואוסט, אַז פון אַן ערך אוי-

גוסט 1914 ביז סוף 1920 איז קיין יידישע איינוואַנדערונג איבער-הויפּט דאָ נישט געווען, חוץ עטלעכע יידן פון ענגלאַנד און פון די פאַראייניקטע שטאַטן, צי פון די נאָענטע דרום-אַמעריקאַנישע לענדער.

אָבער כאַראַקטעריסטישער פאַר זשיטניצקים עברי און פאַר זשיטניצקים באַהאַוונטקייט אין סטאַטיסטישע ענינים און אין פינאַנצן, איז אָט דער זאַץ זיינער:

„קענן א גרינדונגס-קאַפּיטאַל פון די אַלע קרעדיט-אַנשטאַלטן, וואָס באַטרעפט עפּעס מער פון עלף מיליאָן פּעזעס, זענען ארויסגעגעבן געוואָרן קרעדיטן אויף א סכום פון אריבער אכצן מיליאָן פּעזעס ביי אַן אומזאַץ פון קנאַפּע 31 מיליאָן פּעזעס, וואָס ווייזט, אַז אַלעס ווערט פאַרוואַרטעט פאַר קרעדיטן, אַז דער קאָנצענטרירטער יידישער פינאַנץ-קאַפּיטאַל ווערט דינאַמיש פאַרוואַרטעט און שטייגט אין זיין הויך".

דאָס דאַרף זיין אַ קאָמענטאַר צו אַ טאַבעלע פון אַרויסגע-טיילטע קרעדיטן און אומזאַץ פון 37 יידישע קרעדיט-אַנשטאַלטן. עס איז נישט אַזוי לייכט איינצובייסן זשיטניצקים שטאַמלענדיקן סטיל. דאָס איינציקע, וואָס איר פאַרשטייט, איז, אַז דער מחבר איז אַריין אין התפעלות, וואָס בענק מיט אַ קאַפּיטאַל פון 11 מיליאָן פּע-זעס קענען אַרויסטיילן קרעדיטן פאַר 18 מיליאָן פּעזעס. עס איז ביי אים אַ נס, וואָס ער קען נאָר דערקלערן מיט מטושטשע רייד: עפּעס ווערט „דינאַמיש פאַרוואַרטעט און שטייגט אין זיין הויך".

פונדעסטוועגן, איז אָט דאָס „דינאַמישע פאַרוואַרטונג און שטייגונג אין זיין הויך" קיין סוד נישט אפילו פאַר אַ לערן-יינגל אין אַ באַנק. וואָס זשיטניצקין האָט געדאַרפט וואונדערן, און וואָס ער האָט געדאַרפט זוכן צו דערקלערן, איז גראַד, וואָס די אַרויס-געטיילטע קרעדיטן זענען צו קליין אין שייכות צו די גרונט-קאַפּי-טאַלן: מיר האָבן גראַד פאַר זיך אין דעם מאָמענט דעם באַלאַנס פון די בענק, וועלכע זענען אַקציאָנערן פון דער צענטראַלער מלו-כישער באַנק, פאַר מאַי 1938. די קאַפּיטאַלן צוזאַמען מיט די רע-

זערוון פון די 43 בענק באַטרעפן בס"ה 520 מיליאָן פעזעס, בעת די אַרויסגעטיילטע קרעדיטן זייערע באַטרעפן 2.828 מיליאָן.

ווי איר זעט, איז דאָ פאַראַן אַ גרויסער וואונדער אויפצוקלערן, אָבער דאָס איז גראָד די צו ק ל יי נ ע „פאַרוואַרטונג און שטייגונג אין זיין הויך". ווען עמיצער וואָלט אויסגעפונען די סי־בות דערפון, וואָלט ער אויפגעטאָן אַ וויכטיקע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, און וואָלט דורך־אַגב אויפגעקלערט אַ סך פאַזיסן פון דער היגער יידישער עקאָנאָמיק.

אָבער אַזעלכע אַרבעטן זענען נישט פאַר קיין זשיטניצקים.

אָקטאָבער, 1938

„די פרעסע" וויל נישט, אַז מען זאָל זי באַשרייבן אויף די בלעטער

— האָט איר זיך אַמאָל פאַרטראַכט איבער דער זשורנאַלים-שער פרנסה? — אונדז האָט תמיד אויסגעוויזן פריקרע, וואָס מענטשן דאַרפן מאַכן אַ לעבן פון קריטיקירן יענעם, פון זאָגן טאָגטעגלעך מוסר דער גאַנצער וועלט.

אָבער ווייזט אויס, אַז די זשורנאַליסטן גופא געוואוינען זיך צו צו זייער פּראָפעסיע, און דאָס קריטיקירן די וועלט ווערט ביי זיי אַ נאָרמאַלע זאַך. זיי מ ע ג ן: אויף דערויף זענען דאָך פאַראַן בלעטער, אַז מען זאָל אין זיי „באַשרייבן".

אָט דאָס, וואָס די זשורנאַליסטן זענען געוואוינט צו קריטיקירן יענעם, מיינט נאָך אָבער נישט, אַז די זעלביקע זשורנאַליסטן זאָלן פאַרטראָגן, אַז עמיצער אַנדערש זאָל זיי גופא קריטיקירן. זיי ווערן גראָד אַזוי אין כעס, און אפשר ווערן זיי נאָך מער אין כעס, ווי געוויינלעכע „באַלעבאַטים", וואָס מעגן דאָך ענדער האָבן פאַראיבל ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער שרייבער — סוף-כל-סוף טשעפּעט דאָך דער „באַלעבאָס" קיינעם נישט מיט דער פען, און ער קען אַפילו האָבן אַ טענה, אַז עס איז נישט דזשענטלמעניש צו באַקעמפן אים מיט אַזעלכע וואָפן, וואָס ער איז נישט ביכולת צו באַנוצן.

מיר מיינען עס אַנטקעגן דעם, וואָס „די פרעסע" האָט אַרויסגעוויזן אַ מאָדנעם כעס אויף אונדז צוליב אונדזער קריטיק אויף זייער אומגעראָטענעם בוך „אַרגענטינע". פונדעסטוועגן איז אונדזער קריטיק געווען דורכויס געשטיצט אויף קאָנקרעטע פאַקטן. עס האָט זיך אַפילו נישט געהאַנדלט פון אַזעלכע דעליקאַטע זאַכן, ווי בעלעטריסטישע שאַפונגען, וואָס וועגן זייער ווערט קענען זיין

חילוקי-דעות. חוץ דעם, זענען מיר צוגעגאַנגען צו די מענטשן פון „די פרעסע" נישט מיט קיין הפקרדיקער באַציאונג, אַפילו נישט מיט קיין טרוקענער באַציאונג. הגם עס קען זיך גראָד מאַכן, אַז די מענטשן זענען אונדזער פריינדלעכקייט און אונדזער איינזעעניש אַפילו נישט ווערט.

אַלנפאַלס — „די פרעסע" האָט מודה געווען, אַז די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג האָט זי טאַקע פאַרזען און אפשר טאַקע אויך פאַרקוקט, „אַלס שעדלעכע". זיי האָבן אַלזאָ מודה געווען אויף אַ טייל פון אונדזער טענה, און נאָכן יידישן דין וואָלטן זיי איצט געדאַרפט שווערן, אַז זיי האָבן נישט „פאַרזען און אפשר טאַקע פאַרקוקט" אַלע אַנדערע יידישע באַוועגונגען, וואָס זענען זיי נישט געווען צום האַרצן. מיר האָבן זיי געזאָגט, אַז פּיניע כ"צם אַרטיקל, למשל, איז אומגערעכט צו אַלע יידישע פּאַרטייען חוץ צו דער פּועלי-ציונים-טישער.

ערגער איז דער חשד, וואָס „די פרעסע" וויל אַרויסרופן בנוגע אונדז, אַז אונדזער נישט גינציקע קריטיק איז געקומען פון ברוגז אויף זיי דערפאַר, וואָס זיי האָבן אונדז פאַרשוויגן. מיר האָבן זיך אַליין אין צענטער פון דער וועלט קיינמאָל נישט געשטעלט, אָבער מיר ווייסן פּאָזיטיוו, אַז אַפילו אין דעם איצטערדיקן מאָמענט פּטרן מיר נישט דאָס פּאַפּיר צוליב פירן חשבונות מיט דער „פרעסע". מען מעג אונדז גלייבן, אַז מיר פילן נישט קיין ברוגז אויף דער „פרעסע". און אויך, אַז נישט צוליב ברוגז אָדער צוליב פריינדשאַפט וועלן מיר גיין שרייבן ליגנס. מיר האָבן אויך נישט קיין „פירער", וואָס זאָל אונדז הייסן שרייבן שקרים צוליב דער „ליניע".

און מכוח פאַרשווייגן אונדז — מיר זענען קיינמאָל קיין אַקטיאָרן נישט געווען. קיין קאַנדידאַטן אויף דעפּוטאַטן אוודאי נישט. קיין טומל אַרום אונדזערע נעמען האָבן מיר זיכער נישט געזוכט.

אַן אַלטער איטאַליענישער רב האָט אַמאָל געזאָגט: אַז דריי זאַכן האָט ער זיך געלערנט פון אַ גנב: אַרבעטן בסתר (באַהאַל-

טענערהייט), טאָן זיין אַרבעט מיט מסירת נפש, און אַוועקגעבן די פּרוכט פון זיין שווערער מסירת-נפשדיקער אַרבעט פּאַר אַ שיבוש.

פריינד פּיניע כ״ץ, יעקב באַטאַשאַנסקי, א״אַנ..., — מיינט איר, אַז אייך גופא וואָלט טאַקע געשאַדט אַביסל אָפּצולערנען זיך פון אַ גנבֿ? — מיר, פון אונדזער זייט, מוזן דאָך סיי-ווי-סיי לער-נען יענע תורה.

אָבער עס איז פאַראַן עפּעס וויכטיקערס צוצוגעבן צו דעם ענין פון דער „געשיכטע״ פון 50 יאָר ישוב. אַט וואָס:

עס איז קיין געשיכטע נישט געווען, נאָר צעקאַליע-טשעטע, געפּעלשטע זכרונות. ווען איר וואָלט געשריבן גע-שיכטע, וואָלטן מיר אפשר גאָרנישט דיסקוטירט דאָ, וואָס איר זענט געווען אומגערעכט צו דער אָדער צו יענער פּאַרטיי, צי קולטור-אַנשטאַלט. צי וואָס איר האָט פאַרגעסן צו דערמאָנען דעם אָדער יענעם מענטשן.

עס איז געקומען צו רייד וועגן אַזעלכע קלייניקייטן, ווייל די מחברים פון די „געשיכטלעכע״ אַרטיקלען אין „אַרגענטינע״ האָבן געשטעלט דעם גאַנצן טראָפּ אויף די געשעענישן, מענטשן, אַנ-שטאַלטן, וואָס האָבן געהאַט אַ דירעקטע שייכות מיט די מחב-רימס ענגערע איבערלעבענישן גופא.

צי האָט איר זיך אָבער פאַרטראַכט, אַז שוין נאָכן פאַרריכטן אַלע תרפ״ט גרייזן — אומגערנדיקע און במזידע — וואָס די עגאָ-צענטרישע און אומדיסציפּלינירטע כראָניקער האָבן דערלאַנגט פאַר געשיכטע, — אַז נאָך אַזאַ אָפּעראַציע וועט די „געשיכטע״ אַלץ ניט טויגן? —

מחמת... מיר האָבן נישט געהאַט פּלאַץ אויף צו דערקלערן לענ-גער, וואָס מיר מיינען. אָבער מיר האָפן, אַז איר וועט פאַרשטיין: ווי שטייט דאָרטן געשריבן? — „פאַר אַ קלוגן קלעקט אַ וואונק״:

למשל — וואָס פאַר אַ ווערדע האָבן די אַלע אָרעמע נעמען

פון אונדזערע מענטשן (און די מעשים זייערע), סיי די וואָס איר האָט יאָ דערמאָנט און סיי די וואָס איר האָט פאַרקוקט? וואָס באַטרעפן אונדזערע נעמען לגבי, אַ שטייגער, דעם נאָמען באַראָן הירש, צי ד״ר ירחי, אָדער סאַכאַראָוו, אָדער נח קאַצאָוויטש? צי וועלכע גרופע מענטשן וועט זיך קענען פאַרגלייכן אין דער געשיכ-טע פון אונדזער ישוב מיט דער גרופע פיאָנערן פון דער „וועזער״?

ווען איר וואָלט עס פאַרשטאַנען, פריינד פיניע כ״ץ און יעקב באַטאַשאַנסקי, וואָלט איר נאָך קיין היסטאָריקער אַלץ נישט גע-וואָרן. אָבער „די פרעסע״ וואָלט דערפון אַ סך געוואונען. איר וואָלט באַקומען פערספעקטיוו, וויזיע, פאַרשטענדעניש פאַר זאַכן און געשעענישן, וואָס פאַסירן ווייטער פון אייער לעזשאַנקע. אייער ראיה וואָלט געוואָרן ווייטער, איר וואָלט דערזען זאַכן אַפילו אויף יענער זייט פון ארץ-ישראל, בירא-בידזשאַן: איר וואָלט דערזען אַפילו מאָזעסוויל, און אפשר אַפילו די דראַמעס, וואָס שפילן זיך אָפּ אויף די קאָנינגער מאַסטראַדאָרן, בעת די מעצענאַטן פון „פראָגרעס״ טיילן אוים חיונה צו אונדזערע שמעון-אליהם.

און ערשט דעמאָלט וואָלט איר זיך אַזוי נישט באַליידיקט פון קריטיק.

דעצעמבער, 1938

דער אופן ווי די מאַסן רעאַגירן.

...דער אופן, ווי די „דעמאָקראַטיע" האָט רעאַגירט אויף דעם בייט פון פויפסטן, איז אַ זייער טרויעריקער סימפּטאָם פון אַ קראַנ-קער צייט. פאַראַן אָבער אַ נישט דער ערך טראַגישער סימפּטאָם פון דעגראַדאַציע און פאַרלאָרנקייט פון יענע שיכטן באַפעלקערונג, פון וועלכע מיר האָבן דערוואַרט און מיר מוזן דערוואַרטן די דער-לייזונג.

מיר מיינען דעם אופן, ווי די מאַסן — ביי אונדז דאָ לפּחות — רעאַגירן אויף דער איצטיקער מלחמה-געפאַר. דאָס רוב ווייזן זיי אַרויס אַ דורשט נאָך בלוט און לייגן אַרויף אַלע האָפענונגען אויף דער מלחמה. מעגלעך, אַז די „סאָציאַליסטישע" מאַסן ווייזן אַרויס נישט ווייניקער מלחמה-ענטוזיאַזם, ווי דאָס באַווייזן די פאַשיס-טישע מחנות. ס'זענען געבליבן ווייניק אַנטי-מלחמהניקעס אַפילו צווישן די, וואָס ציען זייער יחוס פון צימערוואַלד.

— וואָס איז געבליבן פון דעם כלל, אַז „די באַפרייאונג פון די אַרבעטער וועט זיך פון די אַרבעטער גופא"? — פאַרלאָרענע און אַנטמוטיקנדע, לאָזן זיך די מאַסן פאַרשיכורן מיטן ריח פון דער נאָענטער בלוטבאָד. מען האָט פאַרגעסן — צי מען וויל נישט געדענקען, — די שרעקלעכע דערפאַרונגען פון דער אייראָפּעאי-שער מלחמה, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ נצחון פאַר די „דע-מאָקראַטן" און פאַרט געבראַכט בלויז פינצטערע שקלאַפעריי אַנשטאָט דער געגאַרטער פרייהייט. אכזריות און נויט אַנשטאָט די דערוואַרטע ברידערלעכקייט און פּראָספּעריטעט.

און אָט דער דראַנג פון די מאַסן אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די

אַחריותן און אַרויפלייגן זיי אויף... טשעמבערליינען, דאַלאַדיען, סטאַלינען, רידז־שמיגלין, מיט זייערע גענעראַלן — אָט דאָס גופא איז דען נישט קיין רעזולטאַט פון דער מאַסן־משוגעת, וואָס מיר האָבן פאַר איר צו פאַרדאַנקען דער מלחמה פון 1914—1918?

ווייגעשריען! די אַרבעטער און אונטערדריקטע, וואָס האָבן נישט אַרויסגעוויזן גענוג מוט און בריהשקייט צו פאַרטיידיקן זייערע ברידער אין שפּאַניע, — אָט די זעלביקע אַרבעטער וועלן איצט לויפן אין מלחמה אַריין צו פאַרטיידיקן גיבראַלטאַר פאַר ענגלאַנד, דעם „קאָרידאָר" פאַר פוילן, אאַז"וו.

— צי זענען די טשעמבערליינס אַזוי קלוג? — ניין. די אַרבעטער זענען נאָך צו נאַריש!

מאַי, 1939

טאָטאַליטאַרע עברי

...להבדיל. צען טויזנט מאָל להבדיל... „די וואָך"! — „די וואָך" איז אויך געוואָרן גאָר נייטיק. מיט אַ צייט צוריק האָט מען זי געדאַרפט נאָר אַ ביסעלע: אויף צוצוהעלפן פּראָפּאַגירן באָיקאָט קעגן דייטשלאַנד. אויף צו פאַרטיידיקן דעמאָקראַטיע. אויף צו לויבן רוזוועלטן. אויף צו שילטן היטלערן. און... די הויפּטזאַך, אויף אויפצואווייזן, אַז בוכאַרין, אַנדרעס נין, קאַמילאָ בערנערי, זענען געווען פאַשיסטישע שפּיאָנען. נאָכדעם האָט מען „די וואָך" אָפּגעשטעלט: בוכאַרינען האָט מען שוין אין ראַטנלאַנד אויסגעשאָסן. און די אַרבעט אויסצושיסן די אַנדרעס נינס און די קאַמילאָ בערנערים האָט איצט איבערגענומען פראַנקאָ. צוליב דער דעמאָקראַטיע, צוליבן באָיקאָט, און נאָך אַזעלכע זאַכן, איז נישט כדאי זיך אויסצוברענגען, בעת אַלע יידישע צייטונגען טוען עס שוין. אָבער איצט איז „די וואָך" געוואָרן נייטיקער ווי ווען עס איז פריער: — אַ שטייגער וועלכע אַנדערע צייטונג אין יידיש וועט זיך עס אונטערנעמען צו פאַרטיידיקן דעם דייטשן עקספּאָרט נעבעך?

עפנט אויף די נאָזלעכער און נעמט איין דעם ריח ניחוח, וואָס זעצט פון אָט די ציטאַטן, וואָס מיר גיבן אייך פון בוענאָס-איירעסער „די וואָך", נומער פון 15טן דעצעמבער 1939:

אַ טיטל: „די בלאָקאַדע אויפן דייטשן עקספּאָרט". און איצט די עברי:

„די ענגלישע אימפעריע האָט שוין איינגעפירט די בלאָקאַדע אויפן דייטשן עקספּאָרט. די אַמעריקאַנישע לענדער, וואָס זענען אַזוי גרייט אָנצונעמען זיך די קריוודע פון פינלאַנד, האָבן פּראָטעסטירט נאָר צווישן די ציין, נאָר ווי עס איז זיך אַרויסצודרייען, נישט מער. אָבער די זאַך איז ערנסט, זייער ערנסט. האַלבע קאָלאָניעס פון

ענגלאַנד, ווערן מיר פאַרוואַנדלט אַזוי אַרום אין גאַנצע קאָלאָניעס, פון דער זעלבער קאַטעגאָריע וואָס אינדיע. מיר ליידן שוין געגוג די קאָנסעקווענצן פון דער איצטיקער מלחמה. און טיילווייז צאָלן מיר זי אויס. אָבער די גרופּע קליווערן איז נאָך נישט צופרידן. זי וויל מיר זאָלן צאָלן מער. בסך־הכל האַלט מען אונדז פאַר גענוג רייך מיר זאָלן נעמען אויף זיך דאָס גאַנצע פעקל פון צעשטערן די וועלט.

טאָ וואָס־זשע פאַר אַ לייזונג דאַרף מען געבן דערצו?

מען מוז פאָדערן ביי דער רעגירונג אָפּצוהיטן אַ שטרענגע נייטראַליטעט, וואָס זאָל פאַרזיכערן פאַרן לאַנד די בענעפיטן פון אַ האַנדלס־טויש מיט אַלע לענדער פון דער וועלט און נישט נאָר מיט די וואָס מר. טשעמבערליין ווייזט אונדז אָן.

אין אַ סך אַנדערע פאַלן האָבן מיר די נייטראַליטעט אָוועקגע־לייגט אין אַ זייט, אָדער ענגלאַנד און אירע מחותנים האָבן עס אויף אונדז אַרויפגעצוואונגען. ס'הייסט, אַז דאָס פאַרטיידיקן די נייטראַ־ליטעט, וואָס דאָס מיינט צו פאַרטיידיקן די פאָלקס־עקאָנאָמיק, קאָן נאָר ווערן אַ פאַקט אויף דער באַזע פון אַ מעכטיקער פאָלקס־באַווע־גונג, וואָס זאָל פאַרטרעטן דעם אמתן פאָלקס־ווילן, וואָס קאָן סינטע־טיזירט ווערן אויף דער איינציקער פראַזע: אַנטיאימפּעריאַליסטישער קאַמף.

אַזוי אַרום וועט מען דערגרייכן, אַז די מלוכה זאָל האַלטן וואָרט בנוגע פּאַנאַמאַ און אירע אייגענע דעקלאַראַציעס. אַזוי אַרום וועלן מיר אַרויפצווינגען אויף אונדזערע אימפּעריאַליסטישע אויסנוצער זיי זאָלן האָבן דרך־ארץ פאַר אונדז.

אָבער אין דער זעלבער צייט קאָן נישט זיין קיין שטאַרקע אַנטי־אימפּעריאַליסטישע באַוועגונג אָן דער באַזע פון אַ מעכטיקער און שטרענגער אייניקייט פון די אַרבעטער".

און חלשט נאָך נישט!

איר דאַרפט נאָך איבערלייענען נאָך אַ שטיקל ציטאַט פון דעם זעלביקן נומער „די וואָך":

„און איצט קומט צו אַ פרישע מיסטיפיקאַציע: ראַטנפאַרבאַנד

ווערט אַן „אימפּעריאַליסטיש" לאַנד. דער „רויטער אימפּעריאַליזם" קלייבט זיך צו פאַרכאַפּן שוואַכע פעלקער. האָט „פאַרכאַפּט" טיילן פון פּוילן, האָט אויך „פאַרכאַפּט" ליטע, לעטלאַנד, עסטרייך און וויל איצט אויך „פאַרכאַפּן" פינלאַנד.

זאָלן זיי געדענקען, אַז די אַלע רכילות- און ליגנס-פאַרשפּרייטער, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד איז קיין אימפּעריאַליזם נישט מעגלעך. דאָרטן איז נישט פאַראַנען קיין פינאַנציעלער שיכט, וואָס קאָן רייך ווערן פון פאַרכאַפּן אַ ניי לאַנד. ראַטנפאַרבאַנד נייטיקט זיך נישט אין קיין נייע ערד-שטחים, אָדער נאַטירלעכע רייכטימער — זי האָט זיי גענוג. אין ראַטנפאַרבאַנד ווערט אויך קיין שום פאָלק נישט אונטערדריקט, נישט עקאָנאָמיש, נישט קולטורעל, נישט פּאָליטיש — ווייל ראַטנפאַרבאַנד איז אַ פעדעראַציע פון פעלקער, און אַ מוסטער פון אמתן ברידערלעכן פעלקער-צוזאַמענלעבן — פּונקט דער קעגנזאַץ פון אימפּעריאַליסטישע איבערפאַלן אויף שוואַכערע פעלקער, וואָס ווערן אונטערדריקט און אויסגעראַטן".

נישט דער עיפּוש, וואָס טראָגט זיך פון יענע שרייבערצן, איז דאָס שווערסטע! שווערער ווי דער גיהנום איז דער געדאַנק, אַז דאָס האָבן אָנגעשריבן ברואים, וואָס זענען באַשאַפן אין דעם זעלביקן צלם-אלהים וואָס מיר. באמת, קיין שום חיה, חוץ דעם מענטשן, איז נישט מסוגל צו פאַלן ביז אַזוי פיל קנעכטישקייט! און הונדערט יאָר האָבן די בעסטע מענטשן פון רוסלאַנד געקעמפט, געוואַלגערט זיך אין די תפיסות און קאַטאָרגעס, געהאַנגען אויף תליות, געקאַטעוועט געוואָרן פון די באַרימטע „קנוטן", כדי ס'זאָל אויפקומען אַ מלוכה, וואו די איינציקע, וואָס קאָנען איבערהויפּט קומען צום וואָרט, זענען אָט אַזעלכע קנעכטישע ברואים!

דעצעמבער, 1939

אתה בחרתנו

אתה בחרתנו מכל העם, „דו האָסט אונדז אויסדערווײלט צווישן אַלע פעלקער, האָסט אונדז דערהויבן איבער אַלע לשו־נות", — זאָגט זיך דער ייד פון אַ גאַנץ יאָר אָפּ די אוראַלטע רי־טועלע ווערטער מיט דער זעלביקער זיכערקייט, ווי ער וואָלט געווען געזאָגט אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. טרעפט זיך צווישן פאָלק איינער מיט אַ שוואַכערן שכל, כאַפּט ער זיך אויף דער בימערער איראָניע און גיט זיך אַ טראַכט דערבײַ: „אתה בחרתנו מכל העם — וואָס האָסטו געהאַט צו אונדז, יידן?" אָבער אָט־דער גאַלגאַן־הומאָר באַציט זיך בלויז אויף דעם אויסערלעכן קאָנ־טראַסט צווישן די גאַוהדיקע ווערטער און דעם שפּלן וואָר. קיין צווייפל בנוגע זיין אויסדערווײלטקייט צווישן פעלקער האָט קיין שום ייד נישט. אין דעם איז קיין חילוק נישטאָ צווישן קלוגן יידן און דעם טעמפּן, צווישן רעכטן און לינקן. צווישן די לינקסטע יידן הערט איר זייער אָפט ריידן, אַז ווען די גויים וואָלטן געווען אַזוי רעוואָלוציאָנער ווי די יידן, וואָלט שוין די רעוואָלוציע לאַנג געקומען. און דער, וואָס זאָגט עס, כאַפּט זיך גאָרנישט צו פאַר־טראַכטן זיך, אַז די יידישע פאַכן זענען ווייט נישט די אָרגאַני־זירטסטע און די חשיבותדיקסטע. אַז די יידישע רעוואָלוציאָנערן וואַקסן זיך שטיל אַריין אין דער בורזשואַזיע אַריין, און די פאַר־צעניאָריקע אַנאַרכיסטן און קאָמוניסטן דאַרפט איר זוכן אין די האַנדלס־קאַמערן. אָבער דאָס ערגסטע: די יידישע רעוואָלוציאָ־נערן גופא זענען פון די קלענסטע בונטאַרעס, אַז זיי זענען דווקא פון די געצוימטסטע, פון די פאָלגעוודיקסטע — ריכטיקע סטאָ־דעם, וואָס טרעטן נישט איבער דעם פאַסטעכס געבאָט, גרייט צו

שרייען זייער „מע״, צו אָפּגעבן זייער וואָל און פלייש און בלוט זייער פּאַסטעך, וואָס הייסט ביי זיי „באַליבטער פירער״, צי „גע-ניאַלסטער פירער״. דער יידישער רעוואָלוציאָנער איז דאָס רוב אַזוי ווייט פון רעבעלישקייט, אַז דאָס וואָרט „בונטאַר״ גופא איז ביי אים שיעור אַ זידל-וואָרט. און זוכן דאַרפט איר די מאָסן יידי-שע בונטאַרעס, „יידישע גזלנים״, צווישן די נאַרישסטע, ליגנע-רישסטע און שקלאַפישסטע סאָרטן „סאָציאַליסטן״, צו וועלכע יידן ווערן צוגעלאָזט.

דער ייד איז ביי זיך אַליין פאַררעכנט פאַר אַן „עם הספר״ — דאָס פאָלק פון בוך. וואָסער ייד ספקט עס דען, אַז דער ייד לייענט מער פון אַלע פעלקער? און אָט דער שרייבער פון די שורות לייגט שוין פונדעסטוועגן אָפּ וואָכנלאַנג זיין ענטפער צו אַ פיינעם, אָנגעזועענעם יידישן נאָוועליסט, וואָס האָט געבעטן אַן עצה מכוח פאַרשפּרייטן אין אַרגענטינע זיינעם זייער אַ שיינעם בוך, וואָס די יידישע קריטיק האָט גוט אויפגענומען אויך. — גיי און גיב צו פאַרשטיין אַ דיכטער, אַז ווען ס׳זאָל געלינגען צו פאַר-שפּרייטן אין בוענאָס-איירעס צען עקזעמפּליאַרן פון זיין בוך, וואָלט עס געווען אַ נס. און דער מחבר וואָלט זיך געקענט דעמאָלט פאַררעכענען פאַר אַן אומשטערבלעכן. אוי, ליבער זינגענדיקער יידישער נאָוועליסט! גלייבט: מיר האָבן דעם איינדרוק, אַז דער פערטל מיליאָן יידיש-ריידנדיקע יידן פון אַרגענטינע לייענען ווייניקער ביכער מיט יידישע אותיות, ווי דער, מסתמא, צענדליגג טויזנט יידן פון דער פאַר אַכט-נײַן-הונדערטיאָריקער קאָרדאָבאַ, הגם פון קיין דרוק האָט מען דאַך נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט, און ביכער זענען געווען דעמאָלט אַזוי שרעקלעך טייער.

✶

און אָט איז דער טרויעריקסטער קאָנטראַסט צווישן דער איינ-רעדעניש און דער ווירקלעכקייט וועגן אונדזער „העכערקייט״: — וועלכער ייד האָלט עס נישט זיין פאָלק פאַר קליגער פונעם

דייטשן? נישט נאָר די נאַרישסטע יידן האַלטן זיך פאַר חכמים, נאָר אַפילו אמת קלוגע אַחינו בני־ישראל זענען איבערצייגט, אַז דער דייטש איז אַ יעקי אַ שוטה, וואָס איר קענט אים איינשמועסן, וואָס איינך גלוסט זיך נאָר. און עס איז, לײדער, אמת אויך — דאָס דייטשע פאָלק איז זייער דום און לאָזט זיך פירן אין שפּאַן און צו דער שחיטה, ווי... דאָס רוב היינטצייטיקע פעלקער אויף אונדזער פאַרנאַרישטער ערד. אָבער דער זאָג, אַז דאָס דייטשע פאָלק איז נאַריש, קען ערשט ווערן אַן אמתער אמת, אויב איר שטרייכט אויס דאָס וואָרט „דייטשע”. עס וועט זיך באַקומען, אַז דאָס פאָלק איז נאַריש, און אין דעם — ווי איז אונדז — איז קיין שום ספק נישט מעגלעך. על־כל־פנים, דאָס איצטיקע יידישע פאָלק איז פיל נאַרישער פונעם דייטשן: פאַרגלויבט אין „פירער”, אין מענטש־געטשעם, זענען די יידן נישט ווייניקער ווי די דייטשן, און אפשר נישט מער אויך. אָבער נאַריש ווי דער דייטש זאָל נישט זיין, כאָטש ער לאָזט זיך פירן בלינד פון זיין געטש, מוז מען אָנערקענען, אַז עפּעס געווינט ער, דער דייטש, פאָרט פון זיין געטשס נצחונות: אי „כבוד”, אי טאַקע אַז מ׳נעמט צו געשעפטן, צי אַרבעטס־פּלעצער ביי יידן, קומט עס אָן צו דייטשן. אַמאָל בלייבט מען אויך מיט יידישע געלט צי חפצים. און די שפּייז, וואָס מען רויבט צו בייב פּוילישן פּויער, קומט אויך אָן צום דייטש. אָבער אָט אַרבעטן יידן, פאַר אונדז אין די אויגן, אַזוי פיל אויף צו פאַרשפּרייטן „לא הארא”, וואָס קעמפט אין אַרגענטינע קעגן... ענגלאַנד און פראַנקרייך. אָט לאָזן זיך יידן קאָסטן געלט און מי אויף מיטצוהעלפן היטלערן אין זיין אַקציע „פאַר שלום”. און — גאָט פון אברהם! — וואָס קען דעם יידן אַרויסקומען גוטס דערפון, אויב דייטשלאַנד זאָל, חלילה, געווינען? וואָס האָבן די יידן געוואונען פון פינלאַנדס אונטעריאָכונג? פון דעם בראָך און יסורים פון די סקאַנדינאַווישע פעלקער? וואָס וועלן אַרגענטינישע יידן געווינען דערפון, וואָס די ענגלענדער און פראַנצויזן און נאָרד־אַמעריקאַנער וועלן פאַרלירן פון זייער איינפלוס לטובת די דייטשן? — צי זוכן זיי טאַקע, די

קאַנינגער יידן, באַוואוסטזיניק, אַז אין אַרגענטינע זאָלן געווינען די פאַשיסטישע אידעען און מען זאָל נעמען קאָנ־פיסקירן יידישע פאַרמעגנס, זעצן יידן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, דעפּאָרטירן, שלאָגן יידישע קאָמוניסטן און „יידישע קאָמוניסטן״?

ניין, מיר גלויבן נישט אין דעם, אַז קאַנינגער טאַנדעטניקעס, צי אַפילו יידישע פאַבריקס־אַרבעטער אין בוענאָס־איירעס זאָלן באַוואוסטזיניק זוכן אַ „תשובה״, אַן אָפּקומעניש אויף זייערע עברות אויף דער וועלט. מיר גלויבן יאָ פון גאַנצן אָנגעווייטיקטן האַרצן אונדזערן, אַז די יידישע מאַסן — נאָך מער ווי די גויישקע — זענען נאַריש. אוי, ווי נאַריש זיי זענען!...

מאַי, 1940

וועגן אַ פאַרצווייפלטן זשעסט

אַט דעם בריוו האָבן מיר באַקומען פון אַן אַנגעזעענעם אינטעליגענטן חבר, וועמען מיר האָבן געהאַט איינגעלאַדן צו געבן אַ לעקציע פאַר אַ יוגנטלעכן קולטור-פאַראיין:

„מיר דאַכט, אַז ביים פאַרענדיקן מיין לעצטע לעקציע, האָב איך געזאָגט גענוג קלאָר, אַז ס'איז די לעצטע קאָנפערענץ מיינע פאַר אַ צייט, ס'הייסט פאַר דער צייט, וואָס איך מיין, אַז מיר דאַרפן פאַרווענדן אויף אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע און נישט אויף פלאַפלערייען. איך האַלט, אַז פונעם איצטיקן צושטאַנד וועלן מיר זיך נישט אַרויסראַטעווען מיט קיין קולטורעלע קאָנפערענצן. אפשר דאַרף מען די לעצטע האָפענונג לייגן גראָד אויף אומקולטור. איך האָב די וואָך געענטפערט אויף דריי נאָכפראַגן אויף לעקציעס, און כ'האָב אַלעמען געזאָגט דאָס אייגענע. כ'קען נישט מאַכן קיין אויסנאַם מיט אייערן אַ יוגנט-קרייז, און איך בעט אייך, איר זאָלט זען, זיי זאָלן זוכן אַן אַנדערן: פאַראַן אין בוענאָס איירעס אַזוי פיל מענטשן, וואָס ריידן. זיי וועלן עס מאַכן בעסער און מיט מער חשק, ווי איך, וועמען אָט די טייען, שאָקאָלאַטן און קאָנפערענצן, וואָס זענען איצט אין מאָדע, זעען מיר, וואָס ווייטער אַלץ מער, אויס צו זיין קאָנטראַרעוואָלוציאָנערע טעטיקייטן, וואָס אין דער פראַקטיק פירן זיי אַוועק אָן אַ זייט פון די קאָנקרעטע זאָרגן פון מאָמענט. איך באַשטיי אויף דעם, אַז איצט דאַרף מען זיך אָרגאַניזירן אויף צו געבן קלעפ די נאַצי־פאַשיסטן. יוגנט דאַרף זיך גרופירן אין וואַך- און קאַמפס־גרופעס. אַלע יוגנטלעכע דאַרפן וויסן, אַז ס'איז אַן עפּאָכע פון גוואַלד, אין וועלכער אַלע פּראָבלעמען דאַרפן געלייזט ווערן בגראַנדע. אויף דעם איז נישט נויטיק, אַז איך זאָל געבן לעקציעס אָדער אינסטרוקציעס. בלויז אויף

דעם אופן וועלן מיר אַרויסקריכן פונעם זומפּ, אין וועלכן מיר זינ-
קען, און וועלן אויפהערן צו זיין נאַרישע צוקוקער פונעם היינט-
צייטיקן פונאַנדערפאַל".

כדי מען זאָל אָט דעם בריוו בעסער פאַרשטיין, וועלן מיר צו-
געבן, אַז ס'קומט פון אַ חבר אַן אינטעליגענט פון ריינסטער פּראָבע.
דערצו איז ער נאָך אין אַזאַ עלטער, בעת אַפילו די שוואַכסטע מענ-
טשן האַלטן נאָך זייער ווייט פון יענעם גרענעץ, אויף וועלכן מען
קען אָנהייבן זאָגן קהלת. אויך נישט צו יונג אַזוי פיל, אַז ער זאָל
זיך לייכט לאָזן באַהערשן פון שטימונגען. אמת איז, אַז דער בריוו
איז אַ פּריוואַטער. קען זיין, אַז אויב דער חבר וואָלט געוואוסט, אַז
מיר וועלן פאַרעפנטלעכן זיין בריוו, וואָלט ער די ווערטער מער
געציילט. מיר דערלויבן זיך צו דרוקן דעם בריוו בלויז, מחמת מיר
ווייסן אַז דער מחבר וועט אונדז נישט חושד זיין אין קיין שלעכטע
כוונות. און אינטערעסאַנט איז אָט דער „צופעליקער" דאָקומענט
צוליב אַ סך פּרטים.

לאָמיר קודם-כל זיין ערלעך גענוג מיטן מחבר פונעם בריוו און
אונטערשטרייכן דעם עיקר מיין זיינעם: דאָס איז די אומבאַדינגטע
און דרינגענדיקע נויט, אַז די פרייהייטלעך-סאָציאַליסטישע יוגנט
זאָל זיך נישט צוקוקן פּאַסיוו צו די פאַרשריטן פון די אויטאָריטערע
כוחות. נישט קוקן ווי די גולמס אויף די פאַרריסענע מאַרשן פון
טאָטאַליטאַרישע סטאַדעס איבער די חורבות פון פרייהייט, פון יושר,
פון מענטשלעכער חשיבות, איבער די גיהנומדיקע יסורים און אי-
בער די טויטע קערפּערס פון אומשולדיקע מענטשן. די יוגנט דאַרף
באמת און זאָל זיך אָרגאַניזירן אין גרופּעס, גרייטע צום קאַמף.

מיר וועלן צוגעבן, אַז די יוגנט דאַרף געדענקען, אַז זי דאַרף
נישט וואַרטן אויף קיין שום „פירער", וואָס זאָל זי קומען אָרגאַ-
ניזירן: לויטן פרייהייטלעכן פּרינציפּ איז יעדער יחיד פאַראַנט-
וואָרטלעך פאַר זיך און פאַרן כלל. אָט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט
גיט אים די רעכט אויף (און אויך די פליכטן

צ ו !) פרייהייט, חשיבות, איניציאַטיוו, פּרייוויליקער גרופּירונג, קאַמף. בלויז די פרייווילּיקע גרופּירונג, די וואָס קומט פון דער זעלבסט-איניציאַטיוו פון די גרופּירטע, און וואָס — אויב זי פּעדערירט זיך — דאַרף די אָרגאַניזאַציע גיין פון אונטן אַרויף און נישט פון אויבן אויף אונטן, — בלויז אַט אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז בכוח צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד די טאָטאַליטאַרישע פאָרשריטן. יעדע גרופּירונג אָבער, וואָס וועט קומען פון אויבן און נישט פון דער זעלבסט-איניציאַטיוו פון די גרופּירטע; יעדע גרופּירונג, וואָס וועט נאָכמאַכן די טאָטאַליטאַרישע מעטאָדעס, וועט נישט ווירקן קעגן טאָטאַליטאַריזם, נאָר וועט, אדרבא, ווירקן לטובת אַט דער סטיכיע. יעדע גרופּירונג פון מענטשן, וואָס וועלן מוותר זיין אויף זייער אייגענעם שכל, אויף דעם אייגענעם ווילן, און זיך שטעלן צו דינסט די באַפעלן פון אַ פירער, — יעדע גרופּירונג אַזאַ וועט זיין אַ טאָטאַליטאַרישע סטאַדע און וועט ווירקן לטובת דעם פּראָגרעס פון טאָטאַליטאַריזם. ס'איז קיין נפקא-מינה נישט, ווי די גרופּירונגען וועלן זיך לאָזן אַ נאָמען געבן: באָלשעוויקעס, פּאַשיסטן, קאַטאָליקן, נאַצים. דער נאָמען איז אַ קלייניקייט. און די כוונות פון די אָרגאַניזירטע האָבן סיי-ווי אַ ווערט פון נול, וויבאַלד זיי האָבן רענונסירט אויף זייער אייגענער מיינונג און ווילן. אַפילו ווען אַזאַ מין סאָרט אויטאָריטערע גרופּירונג וועט איינפאַלן זיך אַ נאָמען צו געבן אַנאַרכיסטן, וועט דער נאָמען נישט אומבייטן דעם עצם-פאַקט, אַז די אָרגאַניזאַציע איז אַ טאָטאַליטאַרישע, און די מענטשן, וואָס נעמען אָנטייל אין דער אָרגאַניזאַציע, מעגן זיי אינדיווידועל זיין גאונים, אָבער די גרופּירונג זייערע וועט אַלץ זיין די זעלביקע סטאַדע בהמות בצורת מענטשן, ווי עס זענען די אַלע אַנדערע טאָטאַליטאַרישע אָרגאַניזאַציעס, אונטער וואָס פאַר אַ נאָמען זיי זאָלן נישט אַרומגיין.

דער אומגליק פון אונדזער צייט איז, וואָס די געזעלשאַפטלעכע זעלבסט-איניציאַטיוו פון די מאַסן איז פּאַראַליזירט געוואָרן.

און דעם אומגליקלעכן פאַקט, וואָס אין אַ לאַנד מיט אַזעלכע הער-לעכע רעבעלישע טראַדיציעס, ווי אַרגענטינע איז, זאָל מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט ווערן יענער שעפערישער שטראָם פון פרייוויליקע רעבעלישע גרופּירונגען און אָרגאַניזאַציעס, — אַט דעם אומגליק-לעכן פאַקט שרייבן מיר צו צו דער ווירקונג פון די פינצטערע טאָטאַליטאַרישע שטראָמען. דער יונגער דור איז אויפגעצויגן גע-וואָרן אונטערן צייכן פון אָפּשיילעכסטן פירער-קולט. פון רעכטס און פון לינקס האָט מען בלויז געזען, ווי מיליאָנען מענטשן זענען מסרם זייערע ווילנס און זייערע שכלס און קניען פאַר מענטשן-געטשעס. און די יוגנט איז אויפגעצויגן געוואָרן אָן דרך-ארץ פאַרן אייגענעם שכל און פאַרן אייגענעם ווילן. זי הייבט נישט אויף אַליין קיין האַנט און קיין פוס. אַלץ וואַרט אויפן פירער, אויפן מדריך. אַט דאָס איז דאָך טאַקע ווי דער עיקר פון אונדזער רעאַקציאָנערער צייט, דער צייכן פון דער רעאַקציע און אויך איר סיבה.

די רעאַקציע, דער כוח פון דער איצטיקער טומאה, שטאַמט פון דעם, וואָס די מענטשן האָבן מוותר געווען אויף זייער ווילן, שכל און מענטשלעכער חשיבות. די רעאַקציע האַלט זיך טאַקע אויף אַ דאַנק דער זעלביקער גייסטיקער און מאָראַלישער שקלאַ-פעריי. און די רעאַקציע וועט פאַרשווינדן ווי אַ רויך, ווי אַ פּוסטער חלום, בעת די מענטשן וועלן אויפהערן צו וועלן זיין בהמות. ווען די מענטשן וועלן אינערלעך אויפהערן צו זיין שקלאַפן פון פירער-געטשעס, דעמאָלט וועלן זיי גאַנץ שנעל צוריקגעווינען אויך די אויסערלעכע פרייהייט.

און דאָס, וואָס אונדזער פרייהייטלעכע יוגנט האָט אויך פאַר-לאָרן אַזוי פיל פון איר שטורם-קראַפט, דאָס, וואָס זי אָרגאַניזירט זיך נישט מיט יענער ספּאָנטאַנקייט, מיט יענער אָפּטקייט, מיט יענער רעבעלישקייט צו וועלכער מיר זענען אין אַרגענטינע געווען געוואוינט, — דאָס איז אויך אַ פּועל-יוצא דערפון, וואָס דעם שונאס זיגן האָבן אונדז אָפּהענטיק געמאַכט, צוגעטעמפּט אונדזער ווילן

און אָפּגעשוואַכט אונדזער גלויבן אין אונדזער אייגענעם שכל. די אינערציע פון דער צייט האָט אַפילו געבראַכט דערצו, אַז פריי־הייטלעכע מענטשן זאָלן אַזוי ווי וואַרטן, אַז עמיצער (אַ פירער?) זאָל זיי קומען אָרגאַניזירן, געבן איניציאַטיוועס, הייסן.

גובר זיין די אינערציע פון דער צייט — אָט וואו עס איז אונ־דזער פּראָבלעם. און אויב נישט אויפהערן צו צווייפלען אין דעם ווערט פון דעם אייגענעם שכל, איז, לפחות, אָנהייבן צו ספקן, אַז דער שכל פון די כלערליי פירער־געטשעס קענען פאַרבייטן דעם אייגענעם שכל — אָט איז נאָך אַ פּראָבלעם. און צוריקגעווינען די איניציאַטיוו! די קאַמפּס־לוסטיקייט! גרופירן זיך! און אַליין! נישט וואַרטן, אַז עמיצער זאָל קומען אָרגאַניזירן!

✶

מיר האָבן אונטערגעשטראָכן דעם הייסן וואונטש פונעם מחבר פון קאָמענטירטן בריוו, אַז אונדזער יוגנט זאָל זיך אָרגאַניזירן אויף ווידערצושטעלן זיך דעם וואוקס פון פאַשיזם. מיר האָבן אויך אונ־טערגעשטראָכן (און שאַרף אונטערגעשטראָכן!) אונדזער אייגענעם אַנגסטיקן פאַרלאַנג בנוגע אונדזערע אָרגאַניזאַציעס — זיי זאָלן זיין פ ר יי ה יי ט ל ע כ ע! ווי שאַרף מיר זאָלן נישט פילן די נייטי־קייט, אַז די פרייהייטלעכע יוגנט זאָל זיך אָרגאַניזירן, האָבן מיר פונדעסטוועגן צו שטעלן די אָרגאַניזאַציעס אַזאַ מין תנאַי, אָן וועלכן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס הערן אונדז אויף צו אינטערעסירן אין דער פּאָזיטיווער ריכטונג: מיר באַשטייען קודם־כל אויפן פריי־הייטלעכן כאַראַקטער פון אונדזערע גרופּירונגען!

אָט דער דאָזיקער תנאַי אונדזערער וועט פאַר אויפמערקזאַ־מערע לייענער אויפדעקן זייער פיל, וואָס דער שרייבער פון אָט די שורות האָט צו זאָגן וועגן דעם בריוו־שרייבערס ספקות בנוגע דער קולטור.

לאָמיר זיין גערעכט צום חבר: די דאָזיקע ספקות זענען נישט

בלויז זיינע. און די טונקעלע שטימונג פון זיין בריוו האָט שוין צו קענטיקע און צו שכלדיקע סיבות. — צי האָט גאָר עמיצער פון אונדז אויסגעמיטן אָט די שוואַרצע ספקות און אָט אַזעלכע נאַגנדיקע שטימונגען?

די געשעענישן אויף דער וועלט פאַר די לעצטע יאָרן ווייזן אויס צו באַרעכטיקן אַלע ספקות וועגן ווערט פון דער קולטור און פון דעם מענטשלעכן שכל בכלל. ביזקל וואַנען עס וועט נישט קומען דער גרויסער זעער, וואָס וועט אונדז קלאָר מאַכן דעם זין פון די איצטיקע געשעענישן; אָדער ביז יענער צייט, ווען עס וועט שוין געשאַפן ווערן די נייטיקע געשיכטלעכע פּערספּעקטיוו, אַז יעדעם געוויינלעכע אויג זאָל קענען אַרומכאַפּן מיט איין קוק אָט דאָס, וואָס עס שפּילט זיך איצט אָפּ צווישן מענטשן אויף אונדזער ערד, — ביז דעמאָלט מוז אונדז — ווער, וועמען ווייניקער — אַלץ אויסזען צו פאַרקומען אויף אַן אַבסורדן אופן. עס מוז אונדז אויך אויסקומען, אַז גערעכט איז יענער רשע, וואָס האָט געזאָגט, אַז די מאַסן גלייבן דווקא אין ליגנס; און צווישן ליגנס — דווקא אין גרעבסטן ליגן!

עס זעט דאָך אין דער אמתן אויס צו זיין חוזק אויפן מענטשנס שכל און ווילן דאָס, וואָס עס איז געשען אין רוסלאַנד: הונדערט יאָר האָבן די בעסטע, די קליגסטע און טאַלאַנטירטסטע מענטשן געקעמפט, געגאַנגען אין תפיסות, אויף תליות פאַר מענטשלעכער חשיבות, פאַר פרייהייט, פאַר שיינקייט פון געזעלשאַפטלעכן צוזאַ- מענלעבן, כדי עס זאָל נאָכדעם אויפקומען אַזאַ געזעלשאַפט דאָרטן, וואו עס זאָלן קענען גערייען נאָר די, וואָס קענען זיך אַריינפּאַסן אין דער פאַרקנעכטיקסטער עדה, וואָס האָט ווען עס איז עקזיסטירט, זינט מענטשן האָבן אויפגעהערט צו זיין בהמות! צו וואָס האָט מען דען געדאַרפט, און וואָס האָבן זיי אויפגעטון אָט די ריליייעווס, פּוש- קינס, בעלינסקיס, דאָבראָליובאָווס, הערצענס, באַקונינס, טאָלס- טאָיס, קראָפּאָטקינס, לאַפּאַטינס, פיגנערס?... אָט די מיליאָנען העל אויפגעפלאַמטע נשמות אין 1905?...

הונדערט יאָר האָבן אין דייטשלאַנד געדענקט און געקעמפט משה העס, שטירנער, מאַרקס, ענגעלס, לאַסאַל, ליבקנעכט, בעבעל, מאַסט, קאַוטסקי, לאַנדויער, מיזאַם... און אויסגעוואַקסן איז גראָד דאָס, וואָס מען האָט, דאַכט זיך, נישט געזייט.

און וואָס איז געוואָרן פונעם לאַנד פון די גאַריבאַלדיס, קאַ-פיעראָס, גאָרים, מאַלאַטעסטאַס? וואָס פון די פּרודאָנס, רעקליוס, פאָרס, גראַווס? און מיר זענען נאָך צו איינזייטיק, מחמת מיר רע-כענען אוים בלויז סאָציאַליסטישע מענטשן. צי האָט דען דער גאַנ-צער מענטשלעכער שכל, די גאַנצע קולטור בכלל, נישט אויסגעזען צו ציען גראָד אין אַזעלכע ריכטונגען, וואָס זענען דיאַמעטראַל קעגנגעזעצט צו דעם וועג, וואוהין די וועלט איז פאַרקראָכן?

און וואָס אַן ערך פאַר אַ גלויבן אין מענטשנס שכל, אין דער ווירקונג פון דער אידעע קען האָבן אַן אַרגענטינישער אַנאַרכיסט, וואָס געדענקט, ווי די טאַטעס זענען געגאַנגען אויף מיטינגען און אויף באַריקאַדן צו אויסקעמפן דרך-ארץ פאַרן מענטשנס פּערזענ-לעכקייט, און וואָס זעט איצט, ווי די זין פון יענע מענטשן פון 1909, פון 1919, לויפן בלויז אויף בעלער, צי רעווען ווי די אָקסן אין די פוטבאָל-סטאַדיומס און ווייזן אַ לע סימנים, אַז מען איז גרייטע שעפסן צו גיין אין די סטאַדעס און שרייען „מע", אויב אַ „פירער" וועט עס פאָדערן, צו גיין „אין שפאַן", אָדער אַפילו אין שעכט-הויז נאָך דער ערשטער „שוואַרצער" שעפס?

דער בריוו-שרייבער איז — צו זיין גליק! — אַ גוי. פאַר-שפּאָרט ער, חוץ פון אַנדערע ביטערקייטן, צו וויסן אויך פון יענעם גאַל-ביטערן טעם, וואָס עס פילט יעדער יידישער מענטש, וואָס האָט געהאַט אַמאָל די זכיה צו זיין אַ „באַוואוסטזיניקער", אַ „פּראָ-גרעסיווער" און „קולטורעלער": די האָבן אַמאָל אַ סך פייער און אַ מאַסע ענערגיע פון זייער יוגנט אַוועקגעגעבן אויף צו בויען ביב-ליאָטעקן, שולעס, קאָאָפּעראַטיוועס, סינדיקאַטן, סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אַרבעטער-פאַרבאַנדן. זיי האָבן פונעם בעסטן בייגע-

טראָגן צום בנין פון אַ וועלטלעך-יידישער קולטור, וואָס זאָל פאַר-נעמען דעם אָרט פון דער „אָפּגעלעבטער", „אָפּשטאַרבנדיקער" שול. אויסגעוואַקסן זענען עטלעכע צענדליגג גרויסאַרטיקע שילן (טאַקע צום דאַווענען!), הונדערטער טאַנץ-קלובן, בענק און בענקלעך, תלמוד-תורהס און — פולע קולטור-לאָזיקייט. מיט איין וואָרט: אַלץ, וואָס מען האָט נישט געבויט, איז אויפגעבויט געוואָרן; און אַלץ, וואָס מען האָט געבויט, איז חרוב. און די „באַוואוסטזיניקע", די „פּראָגרעסיווע" זענען געבליבן די בטלנים. די ערשטע, וואָס זע-נען אַרויס פון דער מאָדע. די, וואָס האָבן צו די צוואַנציק יאָר גע-זונגען צום רענעסאַנס פון יידיש, פייערן ערשט איצט זייערע פופ-ציק-יעריקע יובלם און זעען שוין אויס אין די אייגענע אויגן ווי צו די הונדערט יאָר, ווען מען דאַרף זיין „עבר ובטל מן העולם". זייערע קינדער פאַרשטייען זיי נישט דער ערך ווייניקער, ווי זיי אַליין האָבן פאַרשטאַנען זייערע עלטער-זיידעס!

מיר זענען בּיסלעכווייז אַראָפּ פון דער דראַמע פון אַ וועלט ביז צו די אייגענע קליינע (און אפשר נישט אַזעלכע קליינע!) ביטער-נישן, כדי צו קאָנסטאַטירן, אַז מיר זענען געשלאָגן אויפן גאַנצן פראָנט: — עס איז אָנגעקומען אַלץ דאָס קאַפּויערדיקע, וואָס די מענטשן האָבן מיט זייער שכל געמיינט צוצוגרייטן.

עס זעט טאַקע אויס באַנקראָט פון מענטשלעכן שכל. ווילן מיר פאַר אַ משל און פאַר אַן ענטפער הערצו איבערדערציילן אַ תלמו-דיש מעשהלע:

געווען איז עס אין אַמאָליקן ארץ-ישראל. אין די צייטן נאָך חורבן ביתר. בעת בר-כוכבאס אויפשטאַנד איז דערטרונקען גע-וואָרן אין בלוט פון מיליאָנען. האָבן דעמאָלט די רוימער פאַרבאָטן יידן צו לערנען תורה. איז געגאַנגען רב עקיבא און צונויפגעזאַמלט תלמידים און געלערנט פאַר זיי. האָט צו אים איינער אַ פּפוס גע-זאָגט, אַז די יידן לעבן שוין איבער גענוג שרעקן און צרות, און ער, רבי עקיבא, דאַרף נישט עובר זיין אויפן רוימישן פאַרבאָט און

פאַרגרעסערן דערמיט די סכנות. האָט אים רבי עקיבא געענטפערט מיט אַ משל: אַ פוקס איז דורכגעגאַנגען פאַרביי אַ טייך און געזען, ווי די פיש ציטערן. פרעגט ער זיי, פאַר וואָס זיי שרעקן זיך. ענט־פערן אים די פיש, אַז זיי האָבן אַ סך סכנות, פאַר וואָס צו שרעקן זיך — פאַר די פישערס, פאַר די טייך־פייגל, פאַר גזלנים פיש גופא. האָט זיי דער פוקס אַן עצה געגעבן, אַז זיי זאָלן אַרויס פון וואַסער און לעבן אויף דער טריקעניש. האָבן אים די פיש געענטפערט אָט וואָס: — „מה דאָך אין וואַסער, וואָס איז אונדזער עלעמענט, איז אונדז שווער איינצוהיטן זיך פון אַזוי פיל סכנות, — איז ווי וועלן מיר זיך שוין קענען איינהיטן אויף דער לופט, וואָס איז נישט אונ־דזער עלעמענט און איז שוין אַליין פאַר זיך אַ סכנה פאַר אונדז?״

✶

יאָ. עס גייט אונדז כלל נישט אין פאַרטושן דעם דורכפאַל פון דער קולטור, פון מענטשלעכן שכל, פון דער ביזאַיצטיקער סאָציאַ־ליסטישער זיי־אַרבעט. מיר ווילן נישט אַפילו אָפּשוואַכן די ספקות וועגן ווערט פון דער איצטיקער קולטור: אָט ווי מיר וואָלטן נישט געוואָלט באַרואיקן אַ מענטשן וועגן דער שטאַנדהאַפטיקייט פון זיין הויז, וואָס די ווענט זיינע שאָקלען זיך. צוליב עפּעס זענען מיר נישט קיין דאָגמאַטיקער, און מיר האַלטן נישט, אַז מיר דאַרפן גראָד ווייזן פאַר דער וועלט אַ מינע, אַז מיר האָבן אָנגעכאַפּט גאָט פאַר דער באָרד.

אָבער. פונדעסטוועגן. עס לייגט זיך נישט אויפן שכל אַז אָט דער אויפשטייג פון אויטאָריטערישקייט זאָל קומען פון פרייהייט־לעבע מעטאָדן. אַז די אַלמעכטיקייט פון שקר זאָל שטאַמען דווקא פון אמתדיקייט. אַז די רשעות זאָל אַרויסקומען פון אומאייגננוצלעכ־קייט. אַז די הערשאַפט פון די אינסטינקטן זאָל האָבן אַרויסגע־וואַקסן, מחמת מען האָט ביי די מאַסן געוועקט דעם שכל.

מיר קענען אויך נישט פאַרגעסן די פאַקטן: אַז די סאָציאַ־

ליסטן האָבן אין 1914 נ י ש ט איינגעריסן מיט זייערע „פּאַטער-לענדער”. אַז דעם אָנהייב פון דעם גרענעצלאָזן שקרענען האָבן גראָד געמאַכט סאָציאַליסטן (באָלשעוויקעס!), וואָס האָבן אפשר געמיינט דערמיט צו דינען זייער גאָט... אַז דעם אומזיניקן טעראָר האָבן אויך אָנגעהויבן די וועלט-איבערקערער. און אַזוי ווייטער. און אַזוי ווייטער. מיר מיינען, אַז סאָציאַליסטן מוזן אָנערקענען, אַז ז יי האָבן אָנגעהייבן אָט דעם באַרג-אַראָפּ צום אומזין, צו גוואַלד, צו שקר. אַז צו ווייניק סאָציאַליסטן האָבן מקפּיד געווען אויף מעטאָדן.

אמת איז, אַז דער פרייהייטלעכער סעקטאָר האָט צום ווייניקסטן געזינדיקט אין דער ריכטונג. האָבן טאַקע די לענדער, וואו דער פרייהייטלעכער סאָציאַליזם איז געווען מער פאַרשפּרייט, באַוויזן מער ווידערשטאַנד קעגן פאַשיזם, קעגן אַבסורד.

מסתמא זענען מיר אויך נישט פריי פון פעלערן. אַזוי מוזן מיר אָננעמען, כדי נישט אָרויפצוואָרפן אינגאַנצן אויפן קעגנער די שולד פאַר אונדזערע דורכפאַלן. איטלעכער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיך! אָבער אויך אונדזערע זינד דאַרפן מיר נישט זוכן אין „צו פיל” קולטור, אין „צו פיל” פרייהייט, נאָר אדרבא...

מיר זענען איצט אין דער סאָציאַליסטישער וועלט די איינציקע, וואָס קעמפן קעגן אַבסורד, קעגן גייסטיקער שקלאַפעריי. דאָס איז אונדזער זכות, און דערפאַר זענען מיר אַ האָפענונג פאַר דער וועלט.

וואָס פאַר אַ זין וועלן מיר האָבן, אויב מיר וועלן נאָכמאַכן די טאָטאַליטאַריער? — אויב נישט קיין געזעלשאַפטן פון מענטשן, נאָר סטאַדעס מיט בהמות — זענען דאָך שוין פאַראַן אַזעלכע אי רעכטע, אי לינקע. פון אַלערליי מינים.

אָט, למשל, רעדט מען וועגן יוגנטלעכע אָרגאַניזאַציעס. — ווען האָבן זיי אַ זינען? — דעמאָלט ווען זיי קומען ווי אַ ווידערשטאַנד צום בלינדן פאָלגן, צו יעזואיטישע מעטאָדן, צום אַבסורד.

אויב אָבער אַן אָרגאַניזאַציע זאָל זיך נעמען מתקנא זיין אין די טאָטאַליטאַרישע „דערפאָלגן” און זיך נעמען נאָכמאַכן זייערע מע־טאָדן: „פירערשאַפט”, אויטאָריטעטישקייט, אָפּנאַרעריי, „אינפיל־טראַציע”... — איז דעמאָלט גלייבט אונדז, אַז מיר גלייבן באמונה שלימה, אַז אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן מ י ר נישט בויען.

אָקטאָבער, 1940

אויך מיר זענען שולדיק!

אַ מענטש איז גענייגט צו געפינען שפורן פון זיין ווירקונג אין די פּאַסירונגען, וואָס געפעלן אים. ער זעט אָבער פיל זעלטענער זיין חלק שולד אין די שלעכטע געשעענישן. דאָס רוב לייגט ער אַרויף די גאַנצע שולד פאַר די אומאָנגענעמע זאַכן אויף אַנדערע מענטשן, אויף אַנדערע ריכטונגען, אויף אַנדערע פעלקער, אויף אומשטענדן. ער זוכט שוין אויף אַ שעיר לעזאָזל. פונדעסטוועגן איז דאָס אַראָפּוואַרפן פון זיך אַחריות נישט קיין וועג צו דערגרייכן די אייגענע פערזענלעכקייט, און, פאַרשטייט זיך, אויך נישט קיין וועג אויף צו פאַרבעסערן די געשעענישן. כואַן באַוטיסטאַ כוסטאַ פלעגט זאָגן, אַז ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט אויף זיין צייט, מחמת דעריבער לעבט ער אין אָט דער צייט אויף צו פאַרבעסערן אירע פעלערן.

מיר זאָגן עס אַנטקעגן די פאַרצווייפלטע פּרואוון פון די סאָציאַליסטן אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די שולד פאַר דעם איצטיקן טראַגישן שטורעם אויף דער וועלט, וואָס דער צענטער זיינער ווייזט אויס צו זיין די טאָטאַליטאַריש-כאַאָטישע אייראָפּע. די סאָציאַליסטן כאַפּן זיך נישט דערביי, אַז אויב מען זאָל אָננעמען די השערה, אַז זיי זענען טאַקע גאָט די נשמה שולדיק אין די אַלע אומגליקן, וואָלט אויסגעקומען, אַז די גאַנצע הונדערט יאָר סאָציאַליסטישע טעטיקייט איז געווען ווינט און רויך. אַז עס איז געגאַנגען, עס זאָלן אויפקומען עטלעכע „דעגענעראַטן" און „משוגעים", און עס זאָלן פאַרווישט ווערן אין געציילטע טעג די שפורן פון דורות סאָציאַליסטישער ווירקונג. אַפילו אויב מען זאָל אָננעמען פאַר גוט געלט די גלויבענישן אין דער אַלמעכטיקייט פון די „זשע-

ניאַלע פּערזענלעכקייטן" פונעם דיקטאַטאָרישן טיפּ, וועט אַלץ אויסקומען אַבסורד, אַז די עטלעכע לעניגס, היטלערס, מוסאָליניס, זאָלן האָבן, ווי די מאַגערע קי פון מצרים, פאַרשלונגען אַלע פּרו-דאָנס, באַקונינס, מאַרקסעס, לאַסאַלס, ענגעלסעס, קראָפּאָט-קינס, רעקליוס, מאַלאַטעסטאַס, לאַנדויערס.

נייִן. מיר מוזן אָננעמען, אַז עס זענען פאַראַן טיפערע און ממשותדיקערע סיבות, ווי די עקזיסטענץ פון די „דעגענע-ראַטן", די „זשעניאַלע פירערס", אין דעם וואָס די וועלט אונדזערע איז דערפירט צום איצטיקן כאָאָס. און אויב, חוץ די אָביעקטיווע סיבות, האָבן אויך מיטגעווירקט מענטשלעכע ווילנס, דעמאָלט איז זינלאָז אָנצונעמען, אַז אין דעם פונאַנדערפאַל פון די ביזאַיצטיקע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען זאָלן גראָד נישט האָבן קיין חלק מיליאָ-נען סאָציאַליסטן פון אַלערליי ריכטונגען, וואָס האָבן אַ יאָרהונ-דערט נאָכאַנאַנד געהאַלטן אין איין ברעכן די קאָלאָנען פון דער אַלטער אָרדענונג.

✶

אויב מיר ווילן האָבן אַ רעכט אויף אַ האָפענונג איבערצו-קומען צום בעסערן דעם איצטיקן שטורעם פון בלוט, אַכזריות, שקר און משוגעת, מוזן מיר קודם-כל פּרואוון צו פאַרשטיין די סיבות פון אָט דעם בייזן שטורעם. מיר מוזן אויך זוכן אונדזער חלק שולד, מחמת אויך מיר האָבן געלעבט, געווירקט, און אין אַ סך פונעם בייזן מוזן מיר זען אונדזער אייגענעם שפּיגל. אויב מיר וועלן זיך אָפּזאָגן צו זען אונדזער חלק אין דעם שלעכטן, וועלן מיר איבער-הויפּט נישט געפינען אונדזער אָרט אויף דער וועלט. דעמאָלט מוזן מיר אויך דערקענען אונדזערע פעלערן, כדי אויסצובעסערן זיי. כדי צו פירן אונדזער טעטיקייט אין אַזעלכע ריכטונגען, וואָס זאָלן מעגלעך נישט דערפירן נאָך אַמאָל צום היפּוך דערפון, פאַר וואָס מיר האָבן הונדערט יאָר געקעמפט.

אויף צו פאַרשטיין דאָס, וואָס עס קומט איצט פאָר אויף דער וועלט, מוזן מיר פריער פאַר אַלץ זיך באַפרייען אַזויפיל, וויפיל מיר קענען פון דעם פערזאָנען־קולט. למשל, מיליאָנען און מיליאָנען מענטשן האָבן אַ האַליוואודישע פאָרשטעלונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע: די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט פאַר זיי געמאַכט איינער אַ גאָט־מענטש, צי אַ טײַוול־מענטש, לענין, מיט דער הילף פון נאָך אַ גרויסן מענטשן, טראָצקין. אַז לענין איז געשטאָרבן, האָט סטאַלין איבערגענומען דעם רודער אין זיינע הענט. פאַר אַזעלכע פאַרנאַרישטע געצנדינער (און לײַדער זענען זיי די גרויסע מערהייט), איז דער גאַנצער גאַנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע אָפּגעווענדט אָן דעם „רודערער". ביי אַזאַ איינעם קען אויסקומען, אַז לענין איז געווען גוט, אַז טראָצקי וואָלט געווען דערפירט רוסלאַנד אין גן־עדן אַריין, אאַז"וו. מיר דאַרפן פאַרשטיין, אַז אָט דאָס זענען אָפּערעטן־באַגריפן. אַז לענין איז נישט שולדיק אפילו אין קיין מיליאָנטחלק פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. און פונקט אַזוי דאַרפן מיר פאַרשטיין, אַז קיין שום היטלער, ווען אפילו ער זאָל זיין די הויך אַ דריי קילאָמעטער אויף אַ קילאָמעטער די גרעב, וואָלט נישט געקענט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס דאָס הונדערט־מיליאָניקע דייטשע פאָלק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַכזריותדיקער חיה, וואָס וואַרפט זיך און דערשטיקט יעדע שוואַכערע באַשעפעניש, וואָס איז איר צו דער האַנט.

אין אַזעלכע געשעענישן ווי די רוסישע רעוואָלוציע און איר טרויעריקער דורכפאַל, ווי דער דייטשער בלוטיקער כאַאָס, — מוזן זיין „שולדיק" אומגעהייער וויכטיקע אָביעקטיווע אומשטענדן, און אויך טעותים און שלעכט־געפירטע ווילנס, נישט פון איינעם, נאָר פון מיליאָנען און מיליאָנען יחידים. צי איז דער סטאַליניזם, אָדער דער היטלעריזם, הייליק אין אונדזערע אויגן צו אומריין, אָבער אַ חלק אין זיי האָבן מיר אַליין אויך, ווי אַלע מענטשן, וואָס האָבן אַקטיווירט און אַקטיווירן אין אונדזער דור. עס האָבן אויך אַ שולד

מיליאָנען מענטשן פון פריערדיקע דורות, וואָס זענען געשטאָרבן נאָך איידער מענטשן האָבן געוואוסט די נעמען פון די איצטיקע געטער.

✶

אַ סך אונדזעריקע האָבן, מחמת שנאה און שרעק פאַרן וואולקאַן פון רשעות, וואָס דראָט חרוב צו מאַכן די וועלט, פאַרגעסן אויף וואָס פאַר אַ מין וועלט אָט יענער וואולקאַן איז אויסגעבראָכן. אַ סך האָבן פאַרגעסן, אַז די מיליאָנען מענטשן, וואָס זענען איצט פאַרנומען מיט דער הייליקער אויפגאַבע צו צעשטערן לענדער און לעבנס, סאַי דירעקט אין די אַרמייען, סאַי אין די געווער־פאַבריקן, — אַז יענע מיליאָנען מענטשן זענען פאַרן אויפקום פון דער ווילדעניש געווען... אַרבעטלאָז. מען האָט פאַרגעסן, אַז איידער מען האָט גענומען צינדן און חרוב מאַכן „פרעמדע" האָב און גוטס, האָט מען אין גוט־מוט, יעדע רעגירונג אין איר „אייגן" לאַנד, געצונדן ווייץ־גערטנער, געגאָסן ווייַן אין די טייכן אַריין, געוואָרפן קאַווע אין ים אַריין, געלאָזט בכיוון פוילן ווייץ, געשאָכטן מיליאָנען בהמות און זייער פלייש באַגראָבן אין דער ערד... און נישט געקענט געפינען קיין מיטל, ווי צו קענען פאַרגינען אָט דאָס ברויט און פלייש און ווייַן און קאַווע צו די צענדליגער און צענדליגער מיליאָנען הונגעריקע מענטשן, וואָס די געזעלשאַפט האָט נישט געפונען קיין מיטל, ווי צוצולאָזן זיי צו פּראָדוקטיווער אַרבעט.

מען טאָר עס אָבער נישט פאַרגעסן. מחמת דעמאָלט פאַרשטייט מען נישט די סיבות פונעם כאַאָס. מחמת דאָס זעלביקע מוז זיך איבערחזרן אַזוי שנעל, ווי די מלחמה וועט אויפהערן און מען וועט ביי די מיליאָנען יונגע מענטשן צונעמען די אַרבעט פון מאָרדן און צינדן און ברעכן. מיר מוזן האַלטן כסדר אין געדאַנק, אַז די אַלע ווידערשפּרוכן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג זענען אויסגעוויקלט געוואָרן און „דערפירט געוואָרן צום אַבסורד", צו יענעם גרויסן אַבסורד, פון וועלכן די מלחמה איז בלויז אַ ברוך־טייל, ווי

עס איז א טייל פון דעם אומזין דער היטלעריזם, דער סטאליניזם, דער ווילדער פערזאנען־קולט, אאז"וו. מיר האבן א מלחמה מיט דער קאפיטאליסטישער ארדענונג! מיר האבן א מלחמה מיט דער סיס־טעם, וואס דערלויבט איין מענטשן צו הערשן איבערן אנדערן, עקאנאמיש און פאליטיש, איבער זיין גוף און איבער זיין האב, אי־בער זיין רעכט צו ארבעטן, איבער זיין רעכט צו ריידן און צו בא־וועגן זיך, איבער זיין רעכט צו וואוינען אין א באשטימטן ארט אויף דער וועלט.

אט די „מלחמה ביזן סוף" טארן מיר אויף קיין מאמענט נישט פארגעסן, מחמת פון דעם זיג אין אט יענער מלחמה קעגן דער הערשאפט פון מענטשן איבער מענטשן, איז אפגעוועגדט דער עיקר. דארפן מיר אבער אויך נישט פארגעסן די ענדלאזע פעלערן, וואס מיר זענען ביז איצט באגאנגען אין דער „מלחמה מיט עמלקן". מיר מוזן געדענקען, אז די ערשטע גרויסע רעוואלוציעס נאך דער ערשטער מלחמה זענען געשטאנען אונטער סאציאליסטישע צייכנס, און די דעמאלט הערשנדיקע סאציאליסטישע טעאריעס און טאק־טיקעס האבן געהאט געלעגנהייטן צו עקספערימענטירן און... צו דורכפאלן. זיי האבן אויך געהאט גענוג צייט אויף צו קענען אויס־בעסערן פעלערן, אויב די דאזיקע פעלערן וואלטן געווען קליינע.

עס וועט זיין ווי צום סאציאליזם, אויב נאכדעם, ווי די פראק־טיק אין ראטנלאנד האט דערוויזן צו וואס פאר א קאשמאר די אויטאריטערישקייט פון סאציאליזם האט דערפירט, וועט מען זיך נאך האלטן ביי אט דעם פאטאלן טעות. כל־זמן די אונטערדריקטע פון דער וועלט וועלן נאך אויפהאלטן רעשטן פון דעם גלויבן אין באלשעוויזם, וועט עס זיין א שווערער שטיין אויפן וועג צו סאציא־לער רעוואלוציע. די טרויעריקע פראקטיק אין שפאניע, וואו די באלשעוויקישע ליסטער־קאלאנע האט צעשטערט די גאנצע וואונ־דערלעכע נעץ פון קאלעקטיווע ווירטשאפטן אין אראגאן, איז דער סימבאל פון דער באלשעוויקישער ווירקונג אויף די סאציאלע קאמפן!

מען טאָר אויך נישט פאַרזען די גלייכע „פאַטריאָטישע" ליניע, וואָס ציט זיך פון שיידעמאַנען ביז היטלערן, פון בלומען ביז לאַוואַלן, פון אונדזער סע-כע-טע ביז אוריבורון און פרעסקאָן אין דעם נאָענטן עבר...

אָבער אויך מיר, פרייהייטלעכע סאָציאַליסטן, טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן פיל בייגעטראָגן צו דער אומוואַרפונג פון דעם אַלטן לעבנס-סדר, אָבער נישט בייגעטראָגן אַזאַ חלק צו דער ווידעראויפבויאונג פון דער געזעלשאַפט אויף פרייע יסודות. מיר האָבן געהאַלטן אין איין אונטערשטרייכן אונדזער רעוואָלוציאָנערישקייט, אָבער נישט גענוג אונטערגעשטראָכן אונדזער פרייהייטלעכקייט. מיר האָבן — מוזן מיר אויך אָנערקענען — געמאַכט אַ טעות, בעת מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס צעשטערן די אַלטע פאַרמען וועט שוין דערפירן צום אויפבוי אויף נייע פאָזיטיווע יסודות. מיר ווען מוזן זיך אָפּגעבן מיט לערנען, ווי צו ווידעראויפבויען דאָס צעשטערטע אויף פרייהייטלעכע יסודות.

נאָוועמבער, 1940

צו דער געשיכטע פון יידיש-וועלטלעכן שולוועזן אין אַרגענטינע

אין דעם יובל-בוך לכבוד דער „אידישער ציימונג" איז פאַראַן, פאַר אַ נאָווינע, נאָך אַ געשיכטע פון היגן יידישן שולוועזן (ז. וואַסערצוג: „יידישער שול-וועזן אין בוענאָס-איירעס"). פאַר וואַסערצוגן האָבן שוין געשריבן געשיכטע פון יידיש-וועלטלעכע שולן פיניע וואַלד (דאַכט אונדז, אַז אין אַ יאָרבוך פון די ניו-יאָרקער שלום-עליכם-שולן); יונה קאָוועסקי, אין אַרגענטינע-נומער „ליטעראַרישע בלעטער"; פיניע כ"ץ, אין בוך „אַרגענטינע". אַט די אויסגערעכנטע שרייבער געדענקען מיר איצט. אָבער אפשר זענען געווען פאַרעפנטלעכט נאָך „געשיכטעס" און ווייניקער קענטיקע אויסגאַבן. אַלנפאַלס, זענען פאַראַן מער געשיכטעס פון די יידיש-וועלטלעכע שולן דאָ, וויפיל יידיש-וועלטלעכע שולן עס זענען פאַראַן איצט אין בוענאָס-איירעס. דער כמותדיקער ווערט פון די עטלעכע פאַראַנענע וועלטלעכע שולן איז אויך אַ גאַנץ אָרעמער: אַלע זענען דערגאַנצונגס-שולן מיט אַ קליינער צאָל תלמידים. מען האָט אויפן געביט פון אונדזער וועלטלעכן שולוועזן אַ סך מער געשריבן געשיכטע, ווי געמאַכט געשיכטע. מען דאַרף אָבער נישט מיינען, אַז די געשריבענע געשיכטע פון אונדזערע שולעס זענען מזלדיקער ווי די וואָרע געשיכטע זייערע: געשריבן זענען די אַלע געשיכטעס פון „אויסנווייניק" און פון מענטשן, וואָס זענען באַרופן צו וואָס איר ווילט, חוץ צו געשיכטס-פאָרשונג. דערצו האָבן זיי דעם גרויסן חסרון, וואָס די מחברים זענען אומגלייבלעך פּאַרטייאיש, פשוט ביז בלינדקייט.

אָט די ענגהאַרציקע פּאַרטייאישקייט איז בכלל ביז איצט גע-

ווען דער באַהערשנדיקער שטריך פֿון אונדזער גאַנצער וועלטלעכער שול-אַרבעט: עס איז צום לאַכן (אָדער צו וויינען), וויפֿיל מען האָט זיך ביי אונדז אַרומגעשלאָגן און אַרומגעקריגט אַרום די עטלעכע אָרעמע מאָדערנע חדרים. די חסידים פֿון קעגנערישע רבישע הויפֿן קריגן זיך נישט צווישן זיך אַזוי פֿאַרביטערט, ווי דאָס האָבן געטאָן, אַרום די שולן, די עטלעכע פּאַרטייען אונדזערע: באַראָכאָווצעס, קאָמוניסטן, בונדיסטן. ביז מיט עטלעכע יאָר צוריק, האָט עס אויסגעוויזן, אַז קיינעם אינטערעסירט איבערהויפּט נישט די שול פֿאַר זיך גופֿא, נאָר עס גייט אום דעם, אויף וועמענס נאָמען דאָס קינד זאָל הייסן. אין די „געשיכטעס" שפּיגלט זיך אָפּ אָט דער פֿאַרביסענער פּאַרטיי-קאַמף, און איטלעכע פּאַרטיי זוכט צוצושרייבן צו זיך אַזוי פֿיל אויפֿטו, ווי נאָר מעגלעך. מען זוכט אריינצוכאַפּן אַ וואָס גרעסערן אָרט אין דער „געשיכטע" (אין דער געשריבענער, פֿאַרשטייט זיך), וואָס אַ גרעסער שטיקל אומשטערבלעכקייט.

צום שבח פֿון די ראַציאָנאַליסטן זאָל דאָ באַמערקט ווערן, אַז זיי זענען די גאַנצע צייט געשטאַנען העכער פֿון אָט די פּאַרטייאישע קליייניקייטן. קיין געשיכטעס פֿון דער דערציאונג האָבן זיי אויך נישט געשריבן, און אין די דערמאָנטע געשיכטלעכע אַרטיקלען האָט מען די ראַציאָנאַליסטן פֿולשטענדיק איגנאָרירט. און, פֿאַרשטייט זיך, אַז גראָד די ראַציאָנאַליסטן האָבן אַוועקגעלייגט דעם גרונדשטיין פֿאַר דעם היגן מאָדערנעם שולוועזן!

די יידישע מאַסן-איינוואַנדערונג אין דער אַרגענטינישער שטאָט איז איבערהויפּט צוזאַמענגעפֿאַלן מיט דער צייט, ווען דאָס גאַנצע פּראָגרעסיווע לאַנד איז געווען אונטערן איינדרוק און איינפֿלוס פֿון פּערערס גראַנדיעזער אַרבעט אין שפּאַניע. עס האָבן זיך דעמאָלט געגרינדעט אַ גרעסערע צאָל ראַציאָנאַליסטישע שולן אין אַ ריי אַרגענטינישע שטעט, און די דעמאָלט נאָך קליינע און נישט אַקלימאַטיזירטע יידישע אַרבעטערשאַפֿט האָט, לפּחות אין

טעאָריע, געטרויממט פון אַזעלכע שולן. אַזוי האָט דער „ארבעטער-פאַרבאַנד", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1909 געהאַט אין זיין פּראָגראַם דאָס גרינדן ראַציאָנאַלע שולן. דער קולטור-צוזאַמענפאָר אין לאַ-פּלאַטאַ אין 1915 האָט אָנגענומען אַן ענלעכע רעזאָלוציע. אין דער פּראַקטיק איז עס אָבער געווען שווער דורכצופירן. עס זענען נאָך געווען ווייניק סאָציאַליסטישע פאַמיליעס אין דער יידישער אַרגענטינע. לוי מאָס האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט אין יענע צייטן, אַז די איניציאַטיוו צו בויען שולן וועט נישט דורכגעפירט ווערן, מחמת „ארבעטער האָבן נישט קיין קינדער". דער דאָזיקער אויסדרוק האָט אונדז דעמאָלט געמאַכט שפּאַס, אָבער דער אמת איז, אַז אין מאָס' ווערטער איז געלעגן אַ נישט פּינקטלעך אויסגעדריקטער אָבער אמתער געדאַנק.

צוגעטראָטן צום ענין, שוין נישט טעאָרעטיש, נאָר פּראַקטיש, איז די „יידישע ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דעם 13-טן סעפּטעמבער 1916. דער אָנהייב איז געמאַכט געוואָרן מיט אַ זונטאָג-שולע, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אָנהייב 1917, און די לערער זענען געווען אַ. באַטווייניק, פּ. סאָגאָלאָוו און י. גאָראָדיסקי. דער געדאַנק אָבער פון דער געזעלשאַפט איז געווען צו האָבן נישט קיין דערגאַנצונג-שול, נאָר אַ גאַנצע און גוט אַוועקגעשטעלטע ראַציאָנאַליסטישע שול אין יידיש. מען האָט זיך געשטעלט אַ גאַנץ הויכן ציל, און מען האָט געזוכט דערצו צו געווינען א ל ע פּראָגרעסיווע יידישע פּאַרטייען און אויך אויפצואַקערן טיפער דעם באָדן פאַר דעם צווישן די יידישע מאַסן. די ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט האָט דעריבער אָנגעפירט יאָרן נאָכאַנאַנד אַ לעבעדיקע אַקציע. עס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן פינף פּראָפּאַגאַנדע-בראָשורן*) (דאָס אַליין איז אין דעמאָלדיקן בוענאָס-איירעס געווען אַן אויפטו!), וואָס זענען פאַר-

*) פון זשאַן גראַוו, פעדעריקאָ אוראַלעס, י. פּ. על‏סלאַנדער, באַסע אַנטיטש און סעבאַסטיאַן פאָר.

שפּרייט געוואָרן אין אויפלאַגעס צווישן צוויי און דריי טויזנט עקזעמפּלאַרן. עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן צענדלינגער קאָנפע־רענצן אין פאַרשידענע לאָקאַלן. דער אידעאַל איז געווען צו קענען איינאָרדענען אַ שול אויף אַן ערך אַ העקטאַר ערד, וואָס זאָל זיך געפינען אַרום ווייזשאַ אורקיסאַ, כדי די עלטערן זאָלן קענען די קינדער אַרויפזעצן אויף דעם טראַמוואַי, און ביים אויסשטייגן זאָל מען שוין וואַרטן אויף זיי (מען דאַרף געדענקען, אַז דעמאָלט האָט מען נאָך פון די שול־אָמניבוסן נישט געוואוסט).

דורכצופירן אַזאַ אַרבעט האָט אָבער געפאָדערט אַ געוויסע צייט, און דערווייל האָט מען נישט געדאַרפט אָפּשוואַכן דעם אינ־טערעס צו דער אַרבעט. פון אָט דער נויטווענדיקייט איז אויפגע־קומען אָנהייב 1918 די איניציאַטיוו פון אַ מין צייטווייליקער מאָ־דערנער שול. כדי אָבער דעם געהויבענעם אידעאַל פון אַ גאַנצער און ריכטיק־אָוועקגעשטעלטער ראַציאָנאַלער שול נישט קאַליע צו מאַכן, האָבן די אחריות פאַר דער „דערווייליקער" שול גענומען אויף זיך די לערער י. גאַראַדיסקי און אַ. באַטווינניק. אין יענע צייטן האָט מען נאָך נישט געוואוסט פון דעם פאַרביטערטן און ווילדן פאַנאַטיזם, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן נאָכדעם אַריינגעבראַכט. קיין צדיקים איז מען דעמאָלט, ברוך־השם, אויך נישט געווען, אָבער די ענגהאַרציקע, אויסשליסלעכע פּאַרטייאישקייט איז נאָך נישט דערגאַנגען צו אַזעלכע אַבסורדן. מען האָט דעריבער אויפגענומען די איניציאַטיוו מיט גרויס וואַרעמקייט. אַ מוסטער דערפון איז דער עדיטאָריעלער נאָטיץ, וואָס איז דערשינען אין דער „פּרעסע", דעם 23־טן מאַי, 1918, אונטערן נאָמען „פאַר יידישע קינדער", וואָס מיר דרוקן דאָ איבער (מיט איצטיקער אָרטאָגראַפיע):

„און ריידן מיר שוין וועגן אונדזער לעבן דאָ אַלס יידן, קענען מיר נישט פאַרבייגיין אונדזערע אַ היימישע נאַציאָנאַלע יידישע אַר־בעט, וואָס ווערט געטאָן דורך דער יידישער ראַציאָנאַליסטישער גע־זעלשאַפט. כדי די לייענער זאָלן וויסן וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך,

וועלן מיר איבערגעבן די מעלדונג, וואָס די געזעלשאַפט האָט אונדז צוגעשיקט, ווי זי איז געשריבן און די קאָמענטאַרן וועלן מיר אי-בערלאָזן פאַר אַן אנדערש מאָל.

„טעגלעכע יידישע קורסן פאַר קינדער פון ביידע געשלעכטער וועלן געעפנט ווערן אין מאָנאַט יוני ד. י. אין לאָקאַל פון דער יידי-שער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט, לאַוואַזשע 2346, אונטער דער לייטונג פון די לערער י. גאָראַדיסקי און א. באָטווינניק, מיט פאָלגנ-דער פּראָגראַם: 1) א. יידיש ריידן, לייענען און שרייבן. ב. יידישע גראַמאַטיק און ליטעראַטור. ג. יידישע געשיכטע. ד. העברעאיש מיט עלטערע קינדער עברית בעברית. 2) שפּאַנישער אונטערריכט.

אין די יידישע קורסן וועט געזוכט ווערן באַליבט צו מאַכן ביים קינד די יידישע שפּראַך און איינגעוואוינען זיי צו קענען פריי זיך אויסדריקן אין דער זעלביקער. איינע פון אונדזערע הויפּטציל-ן וועט זיין צוציען די קינדער צו דער יידישער ליטעראַטור. באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט וועט אָפּגעגעבן ווערן דער יידישער געשיכטע, וועל-כע וועט געלערנט ווערן גרינטלעך, בריים און פריי פון רעליגיעזע פאָראורטיילן. מיר דערוואַרטן, אַז די יידישע באַפעלקערונג זאָל זיך פאַראינטערעסירן מיט אונדזערע קורסן, וואָס זענען דער ערשטער פּרואוו אין אַרגענטינע פון אַ מאָדערנער יידישער פאָלקס־שול (אונ-טערגעשטראָכן פון י. ג.) מיר פון אונדזער זייט פאַרשטייען גוט די שוועריקייט, ווי די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס מיר נעמען אויף זיך און מיר וועלן זיך סטאַרען לויט אונדזערע מעגלעכקייטן ווי בעסער דורכצופירן אונדזער אָנגעצייכנטע פּראָגראַם.

„אונדזער דערוויילקער קאָמענטאַר איז אַ לויב צו דער „יידי-שער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט” פאַר איר באמת נאַציאָנאַלער אַרבעט”.

אונטערגעשריבן איז דער ציטירטער עדיטאָריעלער נאָטיץ פון **Z—K**, וואָס איז, פאַרשטייט זיך, אונדזער באַקאַנטער פיניע כ״ץ. אין יענע יאָרן איז פיניע כ״ץ געווען אַ הייסער פּועלי-ציון, און

דערפון נעמט זיך זיין כסדרדיקן קוועטשן אויף דעם נאַציאָנאַלן טראָפּ. פון יענעם אַמאָליקן גלויבן זיינעם איז פּיניע כ"צן געבליבן איצט די שוואַכקייט צוצושרייבן אַלע אַמאָליקע אויפטוען דאָ צו די פּועלי-ציון (וואָס זענען אגב ביז דער באַלפור-דעקלאַראַציע געווען אַ קליינע גרופּע, וועלכע איז זינט 1910 ביז 1917 אפילו נישט געווען אָרגאַניזירט).

פאַרשטייט זיך, אַז כ"ץ מאַכט נישט קיין אויסנאַם בנוגע די מאָדערנע שולן, און שרייבט צו די „ערשטע יידישע שול פון אַ נאַציאָנאַל וועלטלעכן כאַראַקטער" צו... אַ גרופּע פּועלי-ציוניסטישע טוער, וואָס זאָל האָבן געגרינדעט אַ „נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלע שולע" אין וויזשאַ קרעספּאָ אין יאָר 1917. ז. וואַסערצוג חזרט איבער אָט דעם טעות, און זאָגט אַפילו נישט אויף וואָס פאַר אַ קוועלן ער שטיצט זיך.

אָבער דער אויבנציטירטער נאָטיץ כ"צס איז געדרוקט אין דער „פּרעסע" אין מאַי 1918, אַלזאָ קורץ נאָך דעם דאַטום, ווען די „נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלע שול" אין וויזשאַ קרעספּאָ האָט געדאַרפט געגרינדעט ווערן, — וועדליק כ"ץ דערציילט עס אין זיין אַרטיקל אין „אַרגענטינע" אין יאָר 1938. קלאָר, אַז אין 1918 האָט כ"ץ בעסער געקענט געדענקען, וואָס עס האָט פּאַסירט אין 1917. אויך די לערער י. גאָראָדיסקי און אַ. באָטווינין וואָלטן נישט גערעדט פון אַן „ערשטן פּרוואו אין אַרגענטינע פון אַ מאָדערנער יידישער שול", אויב עס וואָלט טאַקע אמת געווען, אַז פּיניע כ"צס פּועלי-ציון וואָלטן ערשט מיט חדשים צוריק געהאַט געגרינדעט אַזאַ שול.

דער אמת איז, אַז גראָד בנוגע שולוועזן קומט די פּועלי-ציון קרעדיט. אָבער זייער אַרבעט הייבט זיך אָן שפּעטער, אַרום סוף 1918, מיטן גרינדן די ערשטע באָראָכאָוו-שול, פון וועלכער דער ערשטער לערער און אַקטיווסטער טוער איז געווען י. גלאַזמאַן. אויך גלאַזמאַן האָט אוועקגעגעבן פיל ליבע, קענטעניש און באַרופענע אַרבעט דער יידישער שול, און אויך זיין נאָמען מיידן אויס די אַלע „היסטאָריקער" פון דער יידישער מאָדערנער שול אין אַר-

גענטינע. מסתמא מחמת גלאָזמאַן איז אַ רעכטער פּועלי-ציון, און די „היסטאָריקער" געהערן צו אַ נ ד ע ר ע פּאַרטייען.

דאַרפן מיר נאָך באַמערקן, אַז אויף כ"צס נאָטיץ האָבן זיך י. גאָראָדיסקי און אַ. באָטווייניק אָפּגערופן מיט אַ בריוו אין רעדאַק-ציע, פאַרעפנטלעכט אין דער „פרעסע" פון 25-טן מאַי 1918. זיי בעטן צו נעמען אין אַכט, אַז די אַחריות פאַר דער שול פאַלט אויס-שליסלעך אויף זיי און נישט אויף דער „יידישער ראַציאָנאַליסטי-שער געזעלשאַפט". מען קען אויבן געפינען די דערקלערונג צו אָט דעם בריוו אין דער רעדאַקציע.

יענע שול אין לאָקאַל פון דער „יידישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט" האָט עקזיסטירט עטלעכע יאָר. אינגיכן, ווי שוין דערמאָנט, איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע באַראַכאָוו-שול (דורך די פּועלי-ציון), די ערשטע אַרבעטער-שול אין ווילאַ קרעספּאָ (ראַציאָנאַליסטן צוזאַמען מיט בונדיסטן, פּועלי-ציון, אומפּאַרטיי-אישע), אַ שול אויף ניקאַסיאָ אָראָניאָ (ראַציאָנאַליסטישע סימפּאַ-טיזירער).

— וואָס איז געוואָרן פון דעם חלום וועגן אַ גאַנצער ראַציאָ-נאַלער שול? — די אַרבעט דורכצוברעכן דעם אומצוטרויען און פּאַרטיי-אומטאָלעראַנץ צווישן יענע קרייזן, אויף וועלכע מען האָט אַזאַ אַרבעט געדאַרפט אוועקשטעלן, איז אַנגעגאַנגען מיט קענטיקן דערפאָלג. מען האָט נאָר געדאַרפט פאַראינטערעסירן מיטן פּלאַן די ברייטערע מאַסן, אָדער מען וואָלט געדאַרפט וואַרטן, ביז „די אַרבעטער וועלן האָבן קינדער". אָבער דאָ האָט זיך אָנגעהייבן די מאַסן-אימיגראַציע פון 1923, און מיט איר איז פּלוצלונג אויפגע-קומען די באָלשעוויקישע ווירקונג אויף דער יידישער גאַס, מיט דער באַגייטער פּרימיטיווער פאַנאַטישקייט, כאַאָטישע רייסערייען, וואָס האָבן אַ תל געמאַכט נישט בלויז פון דעם חלום פון אַ ראַציאָ-נאַלער שול.

מאַי, 1941

דעם 22סטן יוני, 1941

דעם 22סטן יוני, אויפן פרימאָרגן, זענען היטלערס חילות פלוצלונג באַפאַלן רוסלאַנד. נאָך דעם שוין האָט היטלער געמאַכט אַ בלומרשטע דערקלערונג, פאַר וואָס ער האָט, נעבעך, געמוזט ברעכן זיין פריינדשאַפטס-אָפּמאַך מיט סטאַלינען. היטלערס דערקלערונג איז געווען אַזוי אויגנשיינלעך ליגנעריש און ציניש, ווי טאַקע נאָר דעם וואָלפס טענות צום שעפעלע פון דער פאַבל. דער טאָטאַליטאַרישער דעמאַגאָג האָט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל פאַראַכטונג צום שכל פון זיינע קנעכט, אַז ער האָט זיך אַפילו פאַרגונען צו פלאַפּלען מכוח דעם, אַז „ער איז נישט קיין ענגלענדער און נישט קיין ייד, וואָס האַלטן נישט קיין צוזאָגן". מיט איין וואָרט: היטלער איז נאָכגעגאַנגען זיין אייגענעם כלל, אַז וואָס אומגעלומפּערטער אַ שקר איז, אַלץ גיכער גלייבט אים דער המון.

חוץ די ליגנס פאַרן אינערלעכן געברויך, האָט היטלער באַנייט פאַר דער וועלט זיין אָפּגעבליאַקעוועטן שקר וועגן אַ כלומרשטן קרייץ-צוג צו ראַטעווען די וועלט פון באָלשעוויזם. מיט יאָרן צוריק, האָבן נאָך אין דעם געגלויבט אַ היפּש ביסל קלוגע „פירערס" פון מלוכות, רעליגיעס און קאַפּיטאַל, און זיי האָבן אַלע טייער באַצאָלט פאַר זייער חכמה. איצט איז שוין פאַר אַלעמען קלאָר, אַז היטלער זוכט אין רוסלאַנד דאָס אייגענע, וואָס ער האָט פריער געזוכט אין טשעכאָסלאָוואַקיע, פוילן, דענעמאַרק, נאָרוועגן, האָלאַנד, בעלגיע, פראַנקרייך, אאַז"וו — ווערט-זאַכן אויף אויסצורויבן און פעלקער אויף צו פאַרוואַנדלען אין אומזיסטיקע שקלאַפן פאַר זיין דייטשער ראַסע, וואָס איז איינציק און אַליין הויך געבוירן און צו רעגירן. ... און ... זיין די אַלע אַנדערע מצוות פון דער „הערן-מאָראַל".

די וועלט איז שוין וואַך, און בלויז באַצאָלטע אַגענטן היט-

לערם מאכן נאָך איצט דעם אַנשטעל, אַז זיי גלייבן אין דעם אַב־סורדסטן געטש פון די לעצטע יאָרהונדערטן. לאָמיר האָבן דעם בטחון, אַז די דערוואַכטע וועלט וועט זיך נישט לאָזן פאַרשקלאַפן פון דעם געמיינעם רויבער־געזינדל. עס וועט נאָר בלייבן דער ביטערער נאָכטעם דערפון, וואָס מ'זעט צו ווייניק דייטשן, וואָס זאָלן זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון די „זיסע" אילוזיעס אויסצו־רויבן און צו פאַרקנעכטן אַ וועלט. און יידן וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן, און טאָרן קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז אין דעם דאָזיקן קאַמף פון דער וועלט מיט אַ רויבער־באַנדע, קומט אויף אונדזער חלק אוים צו צאָלן אַ צו שרעקלעכן פּרייז. סאָציאַליסטן האָבן אַ יאָרהונדערט נאָכאַנאַנד נישט אויפגעהערט צו האַמערן קעגן דעם פּריוואַטן אייגנטום פון יחידים און פון קלאַסן, אָבער מען האָט שרעקלעך צו ווייניק אָפּגעפּרעגט דאָס רעכט פון פעלקער אויף נאַציאָנאַלן „פּריוואַט־אייגנטום" און אויף נאַציאָנאַלן עגאָאיזם. דאָס גלייכן, האָט מען נישט אויפגעהערט אויפצוקלערן אונטערדריקטע קלאַסן, אַז זיי האָבן אַ גלייכע רעכט מיט די הארן אויף דער וועלטס גיטער, אָבער מען האָט נישט גע־נוג סאָציאַליסטיש געוועקט אונטערדריקטע פעלקער צו מאָנען גלייכע פעלקער־רעכט מיט די „הארן־פעלקער".

נישט פאַרגעסן וועט אויך די וועלט די טעותים און די פאַר־ברעכנס פונעם באָלשעוויזם, און די וועלט טאָר עס נישט פאַרגעסן אפילו אין אָט די טראַגישע מאָמענטן, בעת די גאַנצע וועלט פילט זיך פלייש פון איין פלייש און בלוט פון איין בלוט מיט די מיליאָנען יונגע ראַטנלאַנדישע מענטשן, וואָס שלאָגן זיך אַזוי העלדיש אַנטקעגן היטלערס מלחמה־מאַשין. די וועלט האָט צו טייער באַצאָלט פאַר די מוראדיקע טעותים, פאַרברעכנס און שקרים פון די מענטשן, וואָס פראַווען דיקטאַטור אין נאָמען פון סאָציאַליזם און פון פּראָלעטאַריאַט. און מען טאָר עס נישט פאַר־געסן, כדי סאָציאַליזם און פּראָלעטאַריאַט זאָלן זיך לייטערן פון די טעותים און קענען אַזוי האָפן אויף אַ בעסערער וועלט. מען טאָר

נישט פאַרגעסן, אַז דער „פאַטער פון די פעלקער" האָט געמאַכט שותפות מיט וואַלד-גזלנים און געטיילט זיך מיט זיי מיטן זאַק-רויב. מען מוז געדענקען דעם אופן, ווי מען האָט „געוואונען פאַרן סאָציאַליזם" ליטע, לעטלאַנד, עסטלאַנד, פינלאַנד, אאַז"וו, און וואָס פון דעם שותפות און פון די געווינסן עס האָט זיך אויסגע-לאָזט. עס איז נישט דער מאָמענט איצט צו פירן גענויע חשבו-נות מיט די אוזורפאַטאָרן פון דער גרויסער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, אָבער די צוקונפט פון סאָציאַליזם פאָדערט מען זאָל קיין טאַבולאַ ראַסאַ פון באָלשעוויזמס פאַרברעכנס נישט מאַכן.

מיר האָבן באַהאַלטן ביי זיך לזכרון, למשל, דעם נומער „לאַ האַראַ" פון דעם 22טן יוני: די ידיעה וועגן דער מלחמה איז אָנגע-קומען אַהער צו שפּעט, אַז מען זאָל קענען איבערבייטן דעם גאַנצן נומער; און דעריבער איז בלויז אַ טייל פון דער ערשטער זייט אויף יענער ציימונג אויסגעפילט מיט די ערשטע נייעס וועגן היטלערס מלחמה-דערקלערונג. דאָס איבעריקע פון דער ציימונג איז געווען אויסגעפולט מיט העפטיקע אַטאַקעס קעגן ענגלאַנד, קעגן רוזוועלטן („נאַצי" האָבן זיי אים גערופן). דאָס הייסט, אַז ביזן לעצטן מאָמענט האָבן נאָך יענע מענטשן געדינט היטלערס אינטערעסן אין דרום-אַמעריקע, און, בעת מען האָט אין גאַנצן פאַרשוויגן היטלערס אינטריגעס אין די היגע לענדער, האָט מען געבויערט קעגן דעם פּרעסטיזש פון די פעלקער, וואָס זענען דע-מאָלט געווען די איינציקע צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם נאַצי-פאַשיזם. אייגנטלעך, איז עס נישט געווען דער איינציקער פאַל, ווען די „קלוגע קעפּ" האָבן געבויערט אַ לאָך אין דעק פון זייער אייגענער (און, ליידער, נישט בלויז זייער אייגענער) שיף. די דיידז-סמיגלים זענען געלאָפן טיילן זיך מיט היטלערן מיטן טשע-כאָסלאָוואַקישן גוף, און די „סאָציאַליסטישע" חכמים פון מאָסקווע זענען אויך געלאָפן כאַפּן „ציעשין". אין נאָמען פון סאָציאַליזם.

נאָר נישט פאַרגעסן דאָס!

יולי, 1941

רעדע צו 25 יאָר „יידישע ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט"

אין לעבן פון דער מענטשהייט זענען די לעצטע 25 יאָר איין גרויסער און אומאויפהערלעכער שטורעם. טיפע שינויים זענען פאָרגעקומען און קומען פאָר אין דער געזעלשאַפט. אויב מיר זאָלן פאַרגלייכן די טענדענצן, אין וועלכע די געשיכטע שיינט — אויבנאויפיק — זיך צו אַנטוויקלען, און דאָס איצטיקע ווירקלעכע לעבן פון די פעלקער, מיט די טענדענצן און מיט די אידעאַלן, צוליב וועלכע אונדזער „יידישע ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט" איז געגרינדעט געוואָרן מיט 25 יאָר צוריק, — דעמאָלט זעען זיך נישט קיין מאָטיוון אויף צו פילן זיך פריילעך.

פאַרשמעלערן מיר אונדזער פערספעקטיוו, זענען 25 יאָר גענוג צייט פאַר אַן אַנשטאַלט אויף צו אַנטוויקלען זיך און פונאַנדערוואַקסן. למשל, מען האָט דאָ מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק געפייערט מיט גרויסן פאַרנעם דעם 25-יעריקן יובל פון דער יידישער האַנדלס-געזעלשאַפט, אָדער ווי זי הייסט אומאָפיציעל, קוואַנטעניקעס-קאָאָפּעראַטיווע. יענער אַנשטאַלט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיט וואָכן פריער, ווי אונדזער געזעלשאַפט, איז אָן ספק דאָס, וואָס מען רופט אַ דערפאָלג: די צאָל מיטגלידער אירע איז געשטיגן, און נאָך מער איז געשטיגן דער אינטערעס, וואָס די מיטגלידער האָבן אין דער האַנדלס-געזעלשאַפט. די האַנדלס-געזעלשאַפט מאַכט אַ ריזיקן אומזאַץ, וואוינט אין אַ פיל-שטאָקיקער אייגענער הויז, איז רעספּעקטירט פון דעם בירגערלעכן ישוב. צום יובל פון דער דאָזיקער האַנדלס-געזעלשאַפט האָט אַ היגע יידישע צייטונג אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע אויסגאַבע פון אַ סך צענדלינ-

גער זייטן. וואויל איז די גרינדער און טוער פון יענער געזעל-שאפט! זייער ארבעט איז אפגעטאן, זייערע נעמען זענען אויס-געקריצט אויף מארמארנע טאוולען און פארצייכנט פאר דער גע-שיכטע. וואויל איז צו זיי! זיי מעגן שוין אנטאן שטעק-שיך און אפרוען די פאר יאר, וואס עס זענען זיי געבליבן ביז צום טויט.

אנדערש איז דער גורל פון די טוער פון אונדזער „יידישער ראציאנאליסטישער געזעלשאפט”: זיי האבן נאך קיין שום רעכט נישט אפצורוען זיך, מחמת זייער ארבעט איז נישט נאר נישט אפגעטאן געווארן, נאר אפילו אזוי ווי נישט אנגעהויבן. אפשר שטייען מיר גאר איצט ווייטער פון אונדזער ציל, ווי בעת מיר האבן געגרינדעט די ראציאנאליסטישע געזעלשאפט.

איינע פון אונדזערע וויכטיקסטע אויפגאבן איז געווען צו גרינדן א גאנצע, אינטעגראלע יידישע ראציאנעלע שול. נאך 25 יאר ארבעט, זענען מיר איצט אומגעהייער פיל ווייניקער מעגלעכ-קייטן צוצוקומען צו אזא שול, ווי מיר האבן עס געזען אין אנהייב.

מיר זענען געווען שונאים פון יעדן מין פאנאטיזם, — סא-ציאליסטישן נישט ווייניקער ווי רעליגיעזן. מיר זענען געווען שונאים פון יעדער מין אומטאלעראנץ. מיר האבן געוואלט אין אונדזער געזעלשאפט גרופירן פאר דער אומפארטייאיש-סאציא-ליסטישער קולטור-ארבעט אלע יידישע סאציאליסטן. מיר האבן געוואלט, אז אונדזער אנשטאלט זאל ווערן ד ע ר קולטור-אנ-שטאלט פון היגן יידישן סאציאליסט, צו וואס פאר א פארטיי ער זאל נישט געהערן. זענען מיר דערגאנגען דערצו, אז אין סאציא-ליזם הערשט איצט אזא מין פאנאטיזם און אזא מין אומטאלע-ראנץ, וועגן וועלכן מיר האבן גאר אמאל נישט געחלומט. און אונ-דזער אנשטאלט, אנשטאט אויסצואוואקסן און ארייננעמען אלע יידישע סאציאליסטן, איז פאררוקט געווארן אין א ווינקל, און ווערט באקעמפט און פאראכט און איגנארירט, בכלל. געציילטע זענען די, וואס פארשטייען אונדזער ארבעט, שאצן אפ אונדזער

גוטן ווילן; און גאָר ווייניק זענען די, וואָס זענען גרייט מיט עפּעס אונדז מיטצוהעלפן.

מיר האָבן זיך געהאַט געווידמעט ספּעציעל צו דער אַרבעט אויף יידיש לשון. מיר האָבן מיט אַ כיוון אין אונדזער ביבליאָטעק אַריינגענומען אויסשליסלעך יידישע ביכער, כדי די ביבליאָטעק אויף יידיש זאָל קענען ריכטיק אָפּגעהיט ווערן. מיר האָבן אין שפּאַניש בלויז די ביכער פון פערדערם פאַרלאַג, וואָס מיר האַלטן צוליב פאַרשטענדלעכע וויסנשאַפטלעך-געשיכטלעכע טעמים. מיר האָבן געגרינדעט אין בוענאָס-איירעס די ערשטע יידישע וועלט-לעכע שול, דעם ערשטן קינדער-קלוב, אאַז״וו.

געבליבן זענען מיר כמעט די איינציקע ליי-ביבליאָטעק פון יידישע ביכער אין צענטער שטאָט, און אונדזער ליי-ביבליאָטעק פון יידישע ביכער איז איצט מסתמא די גרעסטע אין לאַנד. אָבער מיר האָבן איצט ווייניקער לייענער, ווי מיר האָבן געהאַט אפשר דעם ערשטן טאָג, ווען מיר האָבן מיט אַ פּאָר מאות ביכער געגרינ-דעט אונדזער ביבליאָטעק מיט 25 יאָר צוריק! און פון דעם נייעם דור זענען מיר אָפּגעטיילט דורך דער שפּראַכן-פאַרשידנקייט. אָט זיצן דאָ, אמת, אַ היפּש ביסל יונגוואַרג, אָבער זיי פאַרשטייען אָפילו נישט קיין אות דערפון, וואָס איך רעד דאָ.

בעת מיר האָבן געגרינדעט די „ראַציאָנאַליסטישע געזעל-שאַפט", האָט אונדז באַלויכטן דער גרויסער אידעאַל: פרייהייט. מיר האָבן געצויגן צו פרייהייט און חשיבות פאַרן מענטשן. אונדז האָט געשטיקט דער צוואַנג פון דער דעמאָלטדיקער מלוכה. דער-לעבט האָבן מיר אַזעלכע צייטן, בעת די פּאָליטישע „פרייהייטן" פון 25 יאָר צוריק זענען איצט אויס ביי פיל סאָציאַליסטן ממש אַן אידעאַל, אַ חלום פשוט, פאַר וועלכן מען איז גרייט צו פאַרקוקן אויפן גאַנצן סאָציאַליזם.

חברים! מיר מוזן מודה זיין, אַז אויפן פשוטן מענטשלעכן לשון איז אונדזער יידישע ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט דאָס,

וואָס מען רופט אָן אַ דורכפאַל. איך בעט אייך צו פאַרשטיין, אַז איך מיין נישט מיטן וואָרט דורכפאַל אַזוי שלעכט. אָבער מיר דאַרפן געדענקען, אַז אונדזער אַרבעט איז נאָך נישט אָפּגעטאָן. כמעט ווי נישט אָנגעהויבן. מיר מוזן אונדזער אַרבעט ערשט טאָן.

און קיין ברירה האָבן מיר נישט, וואָרעם מיר קענען זיך דאָך נישט פאָרשטעלן קיין לעבן אָן פרייהייט, אָן מענטשלעכער חשי-בות. איידער אַזאַ לעבן, איז אונדז לייכטער צו פאָרשטעלן זיך אַ קאַמף ביזן סוף.

סעפּטעמבער, 1941

דערפּאַלג און דורכפאַל

אוודאי האָט דער דורכשניטלעכער מענטש אַ צו רויען באַגריף וועגן דעם, וואָס מען רופט אָן דערפּאָלג און דורכפאַל.

פאַר דעם דורכשניטלעכן עולם, למשל, וועט אויסזען, אַז מיר טייטשן זאַכן קאַפּויער, ווען מיר זאָגן, אַז משה, וואָס האָט אָפּגעוואַנדערט אַ לעבן אין מדבר און בלויז פון אַ שפּיץ באַרג געזען דאָס פאַרשפּראָכענע לאַנד, אין וועלכן ער האָט נישט זוכה געווען אַריינצוקומען; אַז משה, וואָס אויף זיין קבר איז נישטאָ אפילו אַזאַ מצבה, ווי מען שטעלט אויפן קבר פון קלענסטן סוחר אויף קאַנינג, — ווען מיר זאָגן, אַז אָט דער משה איז אַ דערפּאָלג. יעדער פלשתי פאַרשטייט, אַז נאַפּאָלעאָן איז דורכגעפאַלן ביי וואַטערלאָ; אָבער ער פאַרשטייט נישט, אַז דער קלעגלעכער דורכפאַל נאַפּאָלעאָנס איז געווען, וואָס דער גענעראַל פון דער רעוואָלוציע האָט אויסגעביטן דעם חלום פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט פאַר קעניגלעכע קרוינדלעך פאַר זיך און פאַר זיין משפּחה, פאַר אַן „אָנשטענדיקן" שידוך מיט די האַבסבורגער. וויפל מענטשן וועלן אונדז פאַרשטיין, אַז מאַלאַטעסטאַ, וואָס האָט אין דער יוגנט צעשענקט זיין ירושה און האָט נאָכדעם ביז זיינע 79 יאָר געלעבט פון יגיע-כפּו; וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן אָפּגעהיט זיך און זיין באַוועגונג פון פאַלשע דערפּאָלגן, וואָס האָבן געמוזט דעגענערירן ביז צו דורכפאַלן, — אַז מאַלאַטעסטאַ איז אַ דערפּאָלג? און אַז מוסאָליני, דער סאָציאַליסט, וואָס האָט זיך דערקייקלט ביז צו פאַשיסטישן דיקטאַטאָר און אינסטרומענט פון אונטערדריקונג — איז איינער פון די קלעגלעכסטע דורכפאַלן אין דער געשיכטע?

די רעצעפּטן אויף צו קריגן דאָס, וואָס מען רופט געוויינלעך דערפּאָלג, זענען גאַנץ איינפאַכע: מען דאַרף נישט שטעלן זיך קיין הויכע צילן און נישט קיין וויטע. אַז מען צילט נידעריק, האָט מען אַלע שאַנצן צו טרעפן. אויב מען קען פריער שיסן און נאָכדעם שוין

אָפּצייכענען די צילן אַרום די ערטער, וואוהין די קוילן זענען געפאַלן, איז דער דערפאָלג אוודאי געזיכערט.

ניין, מיר זענען נישט אַזעלכע קאַפּוירע מענטשן: — וואָס אַנדערש איז אַזוינס דאָס, וואָס מען רופט „פּירער"? — עס איז אַ מענטש, וואָס לויפט נאָך הינטער אַ סטאַדע מיט דער מינע פון אַ פּאַסטעך. דער גאַנצער שכל פון זיין „פּירערשאַפט" באַשטייט אין באַווייזן צו זיין געגוג פלינק אויף נאָכצולויפן זיין סטאַדע אין אַלע באַוועגונגען, וואָס איר פאַלט איין (אָדער פאַלט אוים) צו מאַכן און דערביי נישט פאַרלירן די מינע, דעם אָנשטעל פון אַ „פּירער".

דער, וואָס וויל קאַנדידאַטירן אויף דערפאָלג, דאַרף זוכן נישט „איבערצובייטן" קיין וועלט, נאָר זיך צופּאַסן צו איר. עקספּערימענטן דאַרף ער לאָזן מאַכן אַנדערע, און ער זאָל נאָכדעם עקספּלואַטירן דאָס, וואָס איז שוין אויסגעפּרואווט. האַנדלען דאַרף ער שטענדיק מיט זאַכן, אויף וועלכע עס זענען פאַראַן בעלנים אויפן פּלאַץ. עס איז גוט אויף קאַריענטעס צו פאַרקויפן שטאָפן און פאַרטיקע קליידער, מעבל און רוי-מאַטעריאַל פאַר יידישע מאכלים. עס איז אַ געשעפט צו אָרגאַניזירן באַנקעטן פאַר די הונדערט טויזנט דערפאָלגרייכע קרעמער, כלל-טוער און „דערפאָלגרייכע" יידישע שרייבער, וואָס זענען בעלנים אויף אָט דעם מין כבוד. עס איז אַ בטלנות צו האַנדלען אויף קאַריענטעס מיט יידישער תורה. עס איז אַ רחמנות אויף דעם, וואָס וויל אויף קאַריענטעס, למשל, דווקא מאַכן אַ לעבן (און כבוד) פון לערנען מיט יידישע קינדער דעם יידישן לשון, אָדער פון פאַרקויפן אָדער לייען צו יידישע מענטשן יידישע ביכער, אויף וועלכע נישט אַפילו אַ האַלבער פּראָצענט איז אַ בעלן.

און אויב איינעם האָט גאָט שוין געהאָלפן און עס גייט אים נישט אָפּ קיין אַנדער זאַך, ווי כבוד, זאָל ער דעם כבוד זוכן ביי גאַנגבאַרע זאַכן: אַ שפּיטאָל, אַ ביליקע קיך, הכנסת-כלה, אַ שיל, וואו מען קען דאַווענען און האַלטן יאָרצייטן, זענען פאַרשטענדלעכע זאַכן פאַר אַלעמען. אויב מען וויל אַ ביסל ראַפינירטע כלל-אַרבעט, איז זינט דער באַלפור-דעקלאַראַציע אַ גאַנץ „אָנשטענדי-

קע" זאַך דער ציוניזם. רוסלאַנד איז אויך נישט קיין שלעכטער אַרטיקל, זינט דער „באָלשעוויזם האָט דאָרטן געהאַט אַ דערפּאָלג". בונדיזם איז געווען אַ שטיקל געשעפט אין פּוילן, דאָ איז עס בטלנות. טאָלעראַנץ, פרייהייט, און נאָך אַזעלכע זאַכן זענען איצט זאַכן פאַר בטלנים, צי משוגעים.

עס איז אונדז געקומען צו רייד דאָס אַלץ אַנטקעגן דעם, וואָס די טוער פון דער „יידישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט" קלאָגן זיך, אַז אַנטקעגן דער קאָאָפּעראַטיווע פון די קווענטעניקעס זענען זיי אַ דורכפאַל. מען דאַרף באמת זיין אַ בטלן אויף צו פאַרלאַנגען פאַר אַ ליי-ביבליאָטעק פון יידישע ביכער אַזאַ „דערפאָלג" ווי פאַר אַ קלייט פון מעבל, שטאָפן, אָנצוגן און שיך אויף אויסצוצאָלן!

און אַזוי ווי די קווענטעניקעס האָט מען לכבוד זייער 25 יאָריקן יובל צוגעטראָגן אַ ספּעציעלן נומער „אידישע ציימונג", ווילן מיר דער „דורכגעפאַלענער" יידישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט טרייסטן מיט אַ מין אָרעמען „ערזאַץ", ווי עטלעכע זייטן אין אַ קליינינקן זשורנאַלעכל.

און כדי די קווענטעניקעס זאָלן זיך נישט באַליידיקן, וואָס מען פאַרגלייכט זייער קאָאָפּעראַטיווע מיט איר מיליאָניקער אייגענער געביידע און צענדלינגער טויזנטער אַקטיווע קונים, מיט דער „יידישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט", וואָס איז קוים אַ שכן אויף אַ פּאָר צימערלעך אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל, און האָט, ברוך-השם, שוין נישט אַפילו קיין הונדערט לאַנגזאַמע לייענער פון יידישע ביכער, — וועלן מיר די קווענטעניקעס אויך טרייסטן:

— די אויסגאַבע, וואָס טיילט צו אַ ביסל כבוד דער אָרעמער „יידישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט", איז אַזוי קליין לגבי דער „אידישער ציימונג", אַז דער איין עקסטראַ-נומער, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן לכבוד דעם 25-יאָריקן יובל פון דער קאָאָפּעראַטיווע, האָט אָן ספק געקאָסט פיל מער, ווי אַ פופציק נומערן פון אונדזער זשורנאַלעכל.

יעדערן נאָך זיין ווערט נאָך!

אָקטאָבער, 1941

ז ו כ צ ע ט ל

פונעם מחבר — — — — — — — — — — — — — —	זייט	7
מזרח און מערב, I — — — — — — — — — — — —	"	11
מזרח און מערב, II — — — — — — — — — — — —	"	16
צו ראמאן דאַל דעם עטנאָגראַף — — — — — — — — —	"	30
פון אהרן ליבערמאַן ביז... גינא מעדעם — — — — — — —	"	42
איצט און דאַ — — — — — — — — — — — — — —	"	55
אינעם לאַנד, וואו מענטשלעכע ווירדע איז נישט קיין „בור־זשואַזער" און נישט קיין „ליבעראַלער פאַראורטייל" —	"	63
דער חשבון נאָך א גרויסן יאריד — — — — — — — —	"	67
ווען איך וואָלט געווען בלום — — — — — — — — —	"	71
צום ערשטן מאי 1937 — — — — — — — — — — —	"	76
קאַסאַנדראַס גורל — — — — — — — — — — — — —	"	84
טראָצקי כעסט זיך — — — — — — — — — — — —	"	90
צוויי מאַרטירער — — — — — — — — — — — — —	"	94
פערציק יאָר פּאָליטיק — — — — — — — — — — —	"	97
פערציק יאָר „בונד" — — — — — — — — — — — —	"	107
ווי אַלע פעלקער — — — — — — — — — — — — —	"	118
וועכטער! וואָס הערט זיך אין דער נאַכט? — — — — —	"	127
ספּקדיקע געשיכטע — — — — — — — — — — — —	"	130
„די פּרעסע" וויל נישט, אַז מען זאָל זי באַשרייבן — — —	"	144
דער אופן ווי די מאַסן רעאַגירן — — — — — — — —	"	148
טאָטאַליטאַרע עברי — — — — — — — — — — — —	"	150
אתה בחרתנו — — — — — — — — — — — — — —	"	153
וועגן א פאַרצווייפלטן זשעסט — — — — — — — — —	"	157
אויך מיר זענען שולדיק — — — — — — — — — — —	"	168
צו דער געשיכטע פון יידיש-וועלטלעכן שולוועזן — — —	"	174
דעם 22טן יוני 1941 — — — — — — — — — — — —	"	181
רעדע צו 25 יאָר „יידישע ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט"	"	184
דערפאָלג און דורכפאַל — — — — — — — — — — —	"	188

דאָס דאָזיקע בוך האָט מען
פאַרענדיקט דרוקן מיטוואָך,
דעם 24־טן מערץ פון יאָר
1948, אין דער דרוקעריי
„אָפּטימוס”, וואַלענטין גאָ־
מעס 2715, בוענאָס איירעס